STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09699

LAKHT, IDN, LAKHT

B. Kovner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. קאָוונער
(י. אַדלער)



פאַרלאַג אידיש לעבן
421 איסט צוועלפטע גאַס
ניויאָרק, נ. י.
1933

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

זכרונות;
היים־לידער;
יענטע און אַנדערע שטיפעריַיען;
פריילעכע מינוטן (צוויי ביכער);
לידער (צוויי ביכער);
זאָלן אידן לאַכן.

עס דרוקט זיך:

י. אַדלער'ס „וויינענדיקע פּליטן".

KEEP ON LAUGHING

Selected Short Humorous Stories

by

B. KOVNER (J. Adler)

Copyright 1933, by B. Kovner (J. Adler)
Lakewood, N. J.

Published by
VERLAG YIDDISH LEBEN
421 E. 10th St. New York, N. Y.

Printed in the U. S. A.
POSY-SHOULSON PRESS
3 Sherman Ave., Jersey City, N. J.

אַ ווייבל מיט אַ גוט האַרץ

אַ ווייב דאַרף זיין אַ ווייב און נישט מער. זי דאַרף זיין געטריי איר מאַן, זיין אַ מאַמע צו די קינדער (אויב זי האָט קינדער), און קיינמאָל ניט זיין קראַנק. אָט דאָס דאַרף זיין אַ ווייב.

אַז אַ מאַן האָט אַזאַ ווייב, ווייסט ער פון גליק, פון מזל, פון אַ לעבן צו זאָגן.

און טאָמער האָט אַ מאַן ניט אַזאַ ווייב, איז ער אין דר'ערד ווי אַ באַרג; איז ווינד און ווי צו זיינע טעג און נעכט!

איך, למשל, בין אַ מאַן, אַ פיינער און אַ שטילער און אַ פּאַרדי־נער. און מיין ווייבל איז אויך אַ פיינע און אַ שטילע, און אַ שיינע און אַ יונגע.

וואָלט דאָך אַזאַ ווייבל באַדאַרפט פאַרשאַפן איר מאַן פאַרגע־ניגן, לאָזט זיך אויס פאַרקערט: איך האָב פון מיין ווייבל גריזאָטע און האַרצווייטיק. איך גיי שיר ניט אַרונטער פון זינען.

און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל צו די אַלע מעלות, וואָס זי האָט, איז זי נאָך אַ גוטע נשמה אויך; איר האַרץ איז אָפן פאַר אַלע אָרימע לייט, פאַר אַלע קראַנקע און ליידענדע.

וואו נאָר מען מאַכט אַן אונטערנעמונג פאַר אַ געוויסע אינסטי־טוציע, צי דאָס איז פאַר אַ מושב־זקנים, צי פאַר יונגע יתומים, איז זי די ערשטע זיך אַריינצווואַרפן אין דער אַרבעט. זי פאַרנאַכלעסיקט דאָס הויז, מיך, דאָס קינד (איך האָב איין קינד פון אַ יאָר), און זי אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, אַז די אונטערנעמונג זאָל זיין אַ סוק־סעס. ס'איז רעכט, אַז מיין ווייבל זאָל, איינע אַליין, פאַרקויפן פאַר הונדערט טאָלער בילעטן. זי טשעפּעט זיך צו אַלע שכנים און לאַנדס־לייט און צום בוטשער, און צום גראָסערי־מאַן, און צום אַפּטייקער, און צום אייז־מאַן און מילך־מאַן, און צום קאָלעקטאָר פון דער ראַדיאָ, און צום אינשורענס אַגענט, און אַלע מוזן ביי איר קויפן בילעטן.

און אַזוי ווי זי איז זייער אַ שיינע און אַ יונגע, און באַזיצט אַ ים מיט חן, מיט צויבער, קויפן זיי ביי איר בילעטן.

איר אָפּזאָגן קען מען ניט.

אפילו איך אַליין מוז אויך קויפן ביי איר צוויי בילעטן. פאַר מיר און פאַר איר.

ס'איז ניטאָ דער טאָג, די נאַכט, די וואָך, דער חודש, מיין ווייבל זאָל ניט אַרומלויפן פאַרקויפן בילעטן.

און איר זאָלט זען, ווי אירע באַקן צעברענען זיך און ווי אירע אויגן לויכטן פאַר פרייד, ווען זי פאַרקויפט דעם לעצטן בילעט.

און דאָס געלט פאַר די פאַרקויפטע בילעטן האַלט זי באַזונדער, עס זאָל זיך, חלילה נישט אויסמישן מיט אירע פּריוואַטע פאַר טאַלער, וואָס זי האָט אויף דער הוצאה. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין טעות אין די חשבונות.

דאָ ניט לאַנג צוריק האָט זי גענומען אַרבעטן פאַר אַ סאַניטאַריום פאַר שווינדזיכטיקע. דער סאַניטאַריום האַלט אויף אַריבער הונדערט קראַנקע, און מען דאַרף האָבן אַ סך געלט.

האָט מען געמאַכט אַן אונטערנעמונג אין אַ גרויסן זאַל פאַר דעם דאָזיקן סאַניטאַריום. נאָכדעם ווי דער פידל־שפּילער האָט אָפּ־געשפּילט אַ פּאָר זאַכן, און אַ זינגערין האָט אָפּגעזונגען דאָס באַרימ־טע ליד „אלי, אלי", און אַ פּאָרלעזער האָט איבערגעלעזן אַ הומאָריס־טישע זאַך, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ געוויסער דאָקטאָר און גענו־מען מאַכן אַן אַפּיל אויף צו העלפן דעם סאַניטאַריום.

אָבער דער עולם זאָל געזונט און שטאַרק זיין, האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט נישט; דער דאָקטאָר רעדט, זאָל ער רעדן; מיר האָבן באַצאָלט צו 50 סענט פאַר אַ בילעט — גענוג!

און דער דאָקטאָר אַפּעלירט, בעט געלט, שילדערט די צרות פון די קראַנקע, זייערע לידן, זייערע פּרויען און קינדערס צרות, זייער אונטערגאַנג, אָבער דעם עולם אַרט עס ווי די וואַנט.

ביים עולם איז דאָס ניט קיין נייעס; ער הערט עס, ברוך השם, אומעטום, און ער וועט עס נאָך הערן טויזנט מאָל.

און מיין ווייבל שטייט אַן אויסגעפּוצטע, אין אַ לייכט זיידן קליידל. און דאָס קליידל איז אָן אַרבל, און די הענט זיינען ווייס ווי שניי, און דער האַלדז איז נאָך ווייסער, און די באַקן באַרימען

זיך מיט צוויי חן־גריבלעך, און דער בלאָנדער קאָפּ איז אָפּגעשווירן ווי ביי אַ מאַנסביל, און די אויגן אירע כישופן, און די מענער, סיי די עלטערע, סיי די אינגערע, שלינגען זי מיט די אויגן, זיי עסן זי ממש אויף...

און דער דאָקטאָר בעט און בעט, און ער רעדט און רעדט, און מען גיט נישט קיין געלט — שטיינערנע הערצער!

מיין ווייבל איז פאַרצווייפלט.

אָבער באַלד קומט זי צו זיך, גייט צו צום דאָקטאָר, רוימט אים עפּעס איין אין אויער. דער דאָקטאָר שמייכלט, טרעט אָפּ דעם פּלאַץ. מיין ווייבל טאַנצט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע ווי אַ פויגעלע, גרינג און פלאַטערנדיק. אַלע אויערן און אַלע אויגן זיינען פאַרטיק צו הערן און צו זען.

און מיין ווייבל טראַכט ניט קיין סך און זי הויבט אָן מיט אַ זיס שטימעלע, ווי אַ גאָלדן פליטל:

— מיינע ליבע און טייערע פריינט! איך מיין אייך, מענער, וואָס געפינען זיך דאָ אין זאַל, צו אייך וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער:

— ווי איך האָב באַמערקט, געפעל איך אייך; איר קוקט די גאַנצע צייט אויף מיר, איר שעפּט נחת פון מיר, איר האָט אַפּנים ליב שיינע פרויען; וויל איך זיך היינט איבערצייגן, אויב איך האָב ניט קיין טעות. מען דאַרף האָבן געלט; וואָס מער געלט; דער סאַניטאַריום קען ניט וואַרטן; עס איז פאַראַן אַ דעפיציט פון 10 טויזנט דאָלאַר. אויב דאָס געלט וועט ניט אַריינקומען אין דרייסיק טעג צייט, וועט מען דאַרפן דעם אַנשטאַלט צושליסן. און דאָס טאָר ניט געשען; איך האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאַג. איך בין הונדערט פּראָצענט זי־כער, אַז ער וועט אייך געפעלן; איר וועט זיך אָנכאַפּן אָן אים מיט ביידע הענט! אָט איז מיין פאָרשלאַג: איך בין צופרידן צו פאַר־קויפן קושן פאַר דעם סאַניטאַריום. וועלכער מאַנסביל עס וועט געבן צוויי טאָלער אַ דאָניישאָן פאַר די אומגליקלעכע, וועט קריגן פון מיר צוויי קושן. דאָס מאַכט אויס אַ טאָלער אַ קוש; ווער איז דער ערשטער? רופט זיך אָפּ.

מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן; אויף אַזאַ צרה האָב איך זיך נישט געריכט. וואָס הייסט עפּעס ווערן אַ בעל־צדקה אויף מיין חשבון?

מאַכן אַ סקאַנדאַל, באַלד אויפֿן אָרט, האָט מיר ניט געפּאַסט. עס זיינען געווען אַריבער פינף הונדערט מענטשן אין זאַל, האָב איך געמוזט מאַכן אַ שווייג און צוזען דאָס אומגליק.

באַלד איז געשטאַנען אַ ליין מיט מאַנסבילן, און יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער.

עס איז געוואָרן אַזאַ שטופּעניש, אַז מען האָט פּשוט געטראָטן אויף מענטשן; מאַנכע מאַנסבילן, די עלטערע און די רייכערע, האָבן געהאַלטן צו צענערלעך און צו פינפערלעך אין די הענט. זיי האָבן געוואָלט וואָס מער געקושט ווערן.

איין אַלטיטשקער, וואָס איז געזעסן לעבן אַ אידענע אָן ציין האָט אַרויסגעכאַפּט אַ צוואַנציק טאָלער ביל פון קעשענע און אַ זאָג געטאָן: „חברה, לאָזט מיך צו, איך וועל ספּענדן גאַנצע צוואַנציק טאָלער!"

און מ'האָט אים טאַקע צוגעלאָזן דעם ערשטן. דער אַלטיטשקער האָט זיך פּשוט מחיה געווען: ער האָט אריינגעכאַפּט צוואַנציק קושן פון מיין ווייבל.

ווען ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעבן זיין ווייב, האָט ער אַ זיפץ געטאָן:

— אַ שאָד, אַ שאָד. ווען איך וויס, וואָלט איך מיטגענומען אַ פּאָר הונדערט טאָלער. איך וואָלט דעם „מאָרטגדזש" נישט באַצאָלט...

וואָס טויג איך מעשיות מיט געשיכטעס, מיין ווייבל האָט איינגענומען אין אַ פּאָר שעה צייט זיבן הונדערט מיט פיר און דרייסיק דאָלער.

זי איז אַזוי איינגעוואוינט צו נעמען פאַר איטליכן קוש אַ טאָלער, אַז ווען זי גיט מיר אַ קוש, מוז איך איר אויך געבן אַ טאָלער. און דעם טאָלער האַלט זי פאַר די אַלטע לייט, פאַר דעם „מושב זקנים".

איר טענה איז, אַז כּל זמן זי איז יונג און שיין און רייצנד, און מענער זיינען צופרידן צו געבן אַ טאָלער פאַר יעדן קוש, דאַרף זי עס טאָן. זי נעמט דאָך דאָס געלט ניט פאַר זיך; עס גייט דאָך פאַר גוטע צוועקן.

און אַזוי ווי מיין ווייבל איז ערשט אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר, הייסט עס, אַז זי וועט נאָך אויסקושן אַ וועלט מיט מענער.

שלמה המלכס טויזנט ווייבער

די וועלט איז נישט ווערט וואָס זי לעבט אויף דער וועלט — האָט געזאָגט שלמה המלך, דער קליגסטער קעניג אויף דער וועלט.

אַלץ איז בלאָטע; נארישקייט; הבל הבלים.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ער געזאָגט ווען ער איז שוין געווען אַלט, מיד און צעבראָכן; ווען ער האָט שוין געהאַט אַ ווייסן קאָפּ ווי שניי און געשטאַנען מיטן רעכטן פוס אין קבר.

ער איז געווען מער זינדער ווי דענקער; מער לעבע־יונג ווי פילאָזאָף.

טויזנט ווייבער האָט ער געהאַט!

טויזנט ווייבער!

טויזנט מיילער געגעבן עסן!

און וואָס הערט זיך מכוח שיקן אַזאַ באַליאַסטערע אין קאָונטרי?

און אויסהאַלטן אַזוי פיל שלום־זכר׳ס, ברית׳ן און ברית־ניצעס, און פדיון הבן׳ס און אַנדערע צרות?

און האָבן צו טאָן מיט אַזוי פיל אָפּערייִשאָנס, מיט אַזוי פיל דאָקטוירים, הייבאַמעס, וואַרטס־פרויען און מוהלים?

ווי גאַרנישט האָט ער געהאַט, אין דורכשניט, אַ וואָסערע 50 אָדער זעכציק געבורטן אַ מעת לעת.

דאָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער, אַז 50 אָדער 60 פון זיינע טויזנט ווייבער זענען געלעגן יעדן טאָג פון יאָר אין קימפּעט.

אויף מאָרגן און איבערמאָרגן — ווידער אַזאַ צאָל; אַזוי כסדר טאָג איין און טאָג אויס — אָן אַ סוף, אָן אַן אָפּשטעל!

און אַזוי ווי קינדער זויגן, אין דורכשניט, אַנדערהאַלבן יאָר, איז אויסגעקומען, הייסט עס, צו זען אין אַ געוויסער צייט פון יאָר, זיצן אויסגעזעצט טויזנט מאַמעס מיט טויזנט בייבים ביי טויזנט בריסטן און אַלע זויגן!

ווען מען מאַכט אַזאַ מואווי אין האַליוואוד, וואָלט מען געשאַרט מיליאָנען.

אזא מאַן ווי שלמה האָט באַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן דאָס אויסצוהאַלטן! א קליינינקייט, טויזנט ווייבער.

נישט אומזיסט איז ער געוואָרן אַזוי פּעסעמיסטיש אויף די עלטערע יאָרן.

ער האָט באַדאַרפט האָבן א קאָפּ פון א מיניסטער בלויז צו געדענקען די נעמען פון די קינדער.

ביי א נאַש־בראַט, אַז זיין אידענע האָט פיר־פינף־קינדער, פעלן אים שוין אויס נעמען — און ער, שלמה, האָט באַדאַרפט געדענקען גאַנצע טויזנט.

און פאַרגעסט נישט, אַז די טויזנט נעמען האָט ער אויסגענוצט אין איין יאָר צייט; אויפן צווייטן יאָר זענען ווידער געקומען טויזנט קינדער מיט טויזנט נעמען.

כאָטש נעם אַרויס די נעמען פון נויאָרקער טעלעפאָן־בוך! און וואָס הערט זיך מיט די נעמען פון די טויזנט ווייבער?

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ: איך שטעל זיך פאָר, אַז שלמה'ס יעדע פרוי האָט געהאַט א צימער פאַר זיך אַליין.

ער וועט דאָך נישט האַלטן צוויי, אָדער דריי פרויען אין איין צימער. האָט ער, הייסט עס, געהאַט טויזנט שלאָף־צימערן. און כדי ער זאָל נישט מאַכן קיין טעות, זענען די צימערן זיכער געווען מיט נומערן — אַז נישט, וואָלט ער דאָך פאַרבלאָנדזשעט.

איצטער שטעלט זיך פאָר: טויזנט צימערן פאַרנעמען א לענג פון א וואָסערע צוואַנציק בלאָק — אויב ניט מער — מחמת אין יענער צייט האָט מען נאָך נישט געבויט הייזער פון 50 און 90 און 100 פלאָרס; לאַנד איז נאָך נישט געווען אַזוי טייער ווי היינט; האָט ער זיכער געהאַט אַלע טויזנט שלאָף־צימערן אין איין לענג.

איצטער שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר א לויפעניש שלמה האָט עס נעבעך געהאַט!

מילא, היינט, ווען א קעניג זאָל האָבן טויזנט ווייבער, קען ער זיך אַן עצה געבן: עס זענען פאַראַן ביימיקלס, אָטאָמאָבילן, „באָסעס", באַנען, לופט־שיפן — קען מען גיכער צוקומען וואו מען דאַרף; היינט איז דאָס „טרעוולען" נישט אַזוי שווער ווי אין שלמה'ס צייטן.

און נאָך מער דאַרפן מיר באַוואונדערן שלמה'ס רעוואָלוציאָנערן גייסט. פאַרגעסט נישט, אַז אַלע זיינע טויזנט ווייבער זענען געווען קאָמוניסטקעס; לינקע... ער אַליין זאָגט דאָך בפירוש, אַז צווישן אַלע זיינע טויזנט ווייבער איז נישט געווען איינע אַ רעכטע.

נו, פרעג איך אייך, דאַרף מען נישט זיין אַ העלד, אַ גיבור, אַ מענש מיט שטאָלענע נערוון אויסצוהאַלטן פון טויזנט לינקע ווייבער?

איצטער ווילן מיר מאַכן אַ שטיקעלע חשבון וועגן עסן, קליידער, זאָקן, שיך, קאָרסעטן און אַנדערע שמאָכטעס:

אָנגענומען, אַז יעדע פרוי האָט מער נישט אויפגעגעסן ווי איין פערטל עוף אַ טאָג. האָט ער באַדאַרפט האָבן, אַזוי גרויס און אַזוי קליין, ווי צוויי הונדערט און פופציק עופות אַ טאָג.

און וואָס הערט זיך מכוח לאָקשן, פיש, חלה, צימעס, וויין, כריין, טיי, צוקער, איינגעמאַכטס, פרוכט, אייער, ציבעלעס, קאַרטאָפל, רעטעך, קנאָבל און אַנדערע אכילות?

און אָנעמענדיק, אַז יעדע פרוי האָט מער נישט געהאַט ווי פינף קליידלעך, זעקס פּאָר זאָקן, צוויי מאַנטלען און דריי פּאָר שיך.

הייסט עס, אַז אַרום און אַרום האָבן זיי געהאַט פינף טויזנט קליידלעך, זעקס טויזנט פּאָר זאָקן, צוויי טויזנט מאַנטלען און דריי טויזנט פּאָר שיך!

און וואָס הערט זיך מכוח וועש, קאָרסעטן, בלומערס. העמס, זיידענע שאַלן, זאָקנבענדלעך און ביידינג־סוטס?

און וואָס הערט זיך מכוח מעבל, האַנטוכער, טישטוכער, ליילעכער, נעפּקינס, מעסער, לעפל, גאָפל, גלעזער און אַנדערע שטוב־זאַכן?

און וואָס הערט זיך מיט בלענקעטס פאַר טויזנט בעטן? און דינסטן?

און אַלץ האָט ער, נעבעך, באַדאַרפט דעקן; אַלץ פון איין קעשענע!

אדרבא, טרעפט, וויפיל עס פלעגט אים אַוועקגיין אַ וואָך. מיין קאָפּ איז צו שוואַך צו אַזעלכע חשבונות; נאַט אייך אַ פענסל מיט פּאַפּיר און רעכנט, זייט מוחל, אַליין... איך גיב אייך דרייסיק טעג צייט, מיינע ליבע פריינט.

איך דאַנק אייך!

אַ קינסטלער אין זיין פאַך.

...קכי... קכי... קכי... איר פרעגט ווי לאַנג איך הוסט שוין אזוי? איך הוסט שוין אזוי ארום דרייסיק יאָר און אפשר מיט א ווערך אריבער. און מיינט נישט, אז איך הוסט די גאַנצע צייט דאָ, אין ניו יאָרק. איך האָב שוין געהוסט וואו אמעריקע האָט אן עק. ווילט איר די בערג — איז די בערג; ווילט איר אַטעסוויל, דענוועער, לאָס אנדזשעלעס, בעדפאָרד הילס — וואו נאָר א סאַניטאַריום, וואו נאָר מענשן מיט קראַנקע לונגען מעגן הוסטן, האָב איך שוין געהוסט. און ווי מיין הארץ זאָגט מיר, וועל איך שוין אזוי־אָ אָפּהוסטן מיינע פּאָר יאָר. סיי ווי סיי גיי איך ארום ליידיק.

קכי... קכי... מיינט נישט, מיין ליבער פריינט, אז דאָס הוסטן קומט מיר אָן אזוי גרינג; עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. הוסטן, מיין ליבער פריינט, איז זייער א שווערע תורה; ביי מיר האָט עס גענומען אריבער צוואַנציק יאָר צייט ביז איך האָב די תורה איבערגענומען. און ווייסט איר וואו איך האָב גענומען לעסאָנס? אין די היגע שעפּער! דאָרטן האָב איך זיך אויסגעלערנט די קונסט פון הוסטן.

צי איך בין געווען דער איינציקער, פרעגט איר? ווייס איך וואָס! כמעט אַלע ארבעטער פון שאַפּ האָבן געהוסט. כמעט פינף־און־אכציק פּראָצענט פון מיינע מיט־הוסטערס זיינען שוין, א דאַנק גאָט אויפן עולם־האמת; זיי „פּושן שוין דעיזיס” — ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט. זיי האָבן שוין זייערס אָפּגעהוסט. אָבער איך האַלט זיך, א דאַנק דעם אויבערשטן. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל איך בין א קנאַפּער חסיד פון טויט. איך דענק, אז דאָס שטאַרבן דאַרף זיין די לעצטע זאַך ביי א נאַש־בראַט.

קכי... קכי... קכי... יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך שוין געהוסט אין אַלע סאַניטאַריומס פון קאָלאָמבוס'עס מדינה; איך בין שוין מיט מיין הוסט אויסגעוועזן א וועלט.

ווען וואָלט איך, אַזאַ קראַנקער צעבראָכענער שאַרבן, אַזאַ חולה מסוכן, געקענט זען דענווער, לאָס אַנדזשעלעס, אַטעסוויל און אַנדערע שטעט, ווען נישט דאָס הוסטן מיינס ?

נישט איין אַרבעטער פון מיינע אַמאָליקע חברים איז מיך מקנא! איר לאַכט ? איר מעגט זיך לאַכן, אָבער וואָס אמת איז אמת.

שאַ, וואָס טויג אייך מער ? איך וועל אייך באַווייזן מיט עדות, אַז ווען איך האָב אָנגעהויבן צו הוסטן, זענט איר נאָך דעמאָלט געווען אין גאַליציע. נאָכמער, איך קען אייך באַווייזן, אַז צווישן אַלע זעכ־ציק אַרבעטער פון אונזער שאַפּ בין איך געווען דער סאַמע ערשטער צו הוסטן. מען קען זאָגן, אַז איך בין געווען דער גרינדער פון אַלע הוסטערס אין שעריף סטריט.

אין מיין שאַפּ האָב איך, איינער אַליין, אָפּגעהוסט אפשר אַ יאָר צייט. **געוועז, הייסט עס, דער יחסן, דער אַריסטאָקראַט. שפּעטער** האָבן מיר חברה נישט פאַרגינען און געגומען נאָכמאַכן. עס האָבן זיך געיאָוועט: ברוך־וואָווע דער פּרעסער ; לייזער־איטשע דער בייסטער ; משה־מרדכי דער וואַטשמאַן און דערנאָך ערשט, העט־העט שפּעטער — עטלעכע אָפּערעיטאָרס.

שיין איז געווען, ווען מיר אַלע האָבן זיך צעהוסט אין איין כאָר : דער מיט אַ באַריטאָן, יענער מיט אַ טענאָר, אַ דריטער מיט אַ באַס און אַ פערטער מיט אַ קוויטשיקל.

איך בין געווען דער קאַפּעלמייסטער, דער כאָר־דירינגענט, ווי מען רופט עס דאָ, אין אַמעריקע.

דער באַס מיינער פלעגט אפילו זאָגן, אַז אין זיין שאַפּ האָבן שוין אַרבעטער געהוסט נאָך איידער איך בין געוואָרן אַן אַרבעטער. האָב איך באַוויזן דעם באַס, אַז איך בין געווען דער ערשטער, נישט קיין אַנדערער. נישט נאָר אין הוסטן, נאָר אויך אין קריגן אַ „טאָטש"... און ווען ברוך־וואָווע דער פּרעסער האָט מיך אָנגעיאָגט מיט אַ „טאָטש", האָב איך שוין באַוויזן צו האָבן עטלעכע העמאָרעדזשעס... ער, ברוך־וואָווע, האָט געמיינט, אַז ער וועט מיך אַריבעריאָגן, אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזן. אַ שטיק צייט איז צווישן אונז אָנגע־גאַנגען אַ ביטערער קאַמף, אָבער איך בין, אַ דאַנק גאָט, אַרויס דער זיגער. איך האָב פיינט קאָנקורענטן.

איצטער איז ער, ברוך־וואָווע, שוין אוים ברוך־וואָווע און איך לעב נאָך און הוסט נאָך...

דאָקטוירים זאָגן, אַז איך בין ווי געבאָרן געוואָרן צום הוסטן; עס זעט אויס, זאָגן זיי, אַז איך מוז האָבן אַ סך פּלעזשור פון דעם.

אָט האָב איך געהערט לעצטן שבת אין פּיט סטריט פּאַרק הוסטן מיינעם אַ לאַנדסמאַן. איז געווען אַ חלשות, ווי איר זעט מיך אַ אידן. עס איז פּשוט געווען אַ חרפּה און אַ שאַנדע. מילא, ווען אַ איד הוסט אַזוי ביי זיך אין הויז, איז נאָך צו דערליידן. אָבער אין אַ פּאַרק, צווישן מענשן, נאָך דערצו אין אַ שבת — האָט עס טאַקע געטויגט אין דר'ערד.

וואָס־זשע מיינט איר האָב איך געטאָן? איך האָב זיך ניט געפּוילט, צוגעגאַנגען צו אים און אים געזאָגט מיטן הארבן וואָרט:

— ר' איד, אָדער הוסט ווי אַ מענש, אָדער הוסט אינגאַנצן ניט. האַלבע ארבעט האָב איך פיינט!

האָב איך גראָד אָנגעטראָפן אויף אַ איד אַ שוטה. ווערט ער אין כעס און פאַלט אָן אויף מיר:

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט מישט איר זיך אריין אין מיינע פּריוואַטע געשעפטן? און ווער בעט אייך, איר זאָלט מיר זאָגן ווי צו הוסטן? דאָ איז, פאַרשטייט איר מיך, אַמעריקע, עס איז אַ פריי לאַנד און יעדער איינער האָט אַ רעכט צו הוסטן ווי אים געפעלט, ווי פאַר אים איז בעסער. האָסטו געהערט אַן אָנשיקעניש! מיך טרייבט מען ארוים פון שול פאַר מיין הוסטן, און פון די מיטינגען פון מיין פאַראיין, און פון אידישען טעאַטער, קומט ער מיך לערנען ווי צו הוסטן!

און ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף מיר, דער שוטה.

זאָג איך צו אים:

— איך מיין נישט, חלילה, קיין שלעכטס, איך בין ניט אויסן אייך צו טאַדלען פאַר אייער הוסטן; איך זאָג בלויז, אַז אויב שוין יאָ הוסטן, דאַרף מען נישט חוזק־מאַכן פון זיך.

און כדי אים מער ניט אויפצורייצן, האָב איך זיך אוועקגעשטעלט לעבן אים און אים געגומען ווייזן עטלעכע פון מיינע סעמפּלס.

מענשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט און מיר שטאַרק אַפּלאָדירט.

דער איד האָט געמוזט צוגעבן, אַז אַזוינס האָט ער נאָך נישט געהערט... ער האָט מיר געפּרופט נאָכמאַכן, נאָר עס איז אַרויס־געקומען נישט דאָס. מענשן האָבן געלאַכט פון אים ס׳גרעסטע געלעכטער.

איין איד, מיט אַן אויסגעקראָכן בערדל און מיט אַ פאַרמאַכט אויג, האָט אים געזאָגט: „מיסטער, גייט אַהיים שלאָפן, מיט אַזאַ הוסט גייט מען נישט צווישן לייטישע מענשן."

און צו מיר האָט ער געזאָגט: „מיסטער, פּונקט ווי דער גרויסער קאַרוסאָ איז געווען איינער צווישן די אָפּערע־זינגער, אַזוי זענט איר איינער צווישן די היגע הוסטערס!"

האָב איך אים געדריקט די האַנט און אים באַדאַנקט: „איר זייט אַן אמת׳ער מבין און פּאַר מבינים גלייך איך צו הוסטן. אָבער מיינט נישט, מיסטער — האָב איך ווייטער געזאָגט — אַז דאָס הוסטן איז מיר אָנגעקומען אַזוי גרינג. נאָוסער, איך האָב אויף דעם געפּראַ־צעוועט אַריבער דרייסיק יאָר אין אַלערליי סוועט־שעפּער; דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך פּראַקטיק... און מער ווי דאָס האָב איך טאַקע נישט אָפּגעשפּאָרט..."

קכי... קכי... קכי... אַלץ קומט, ברוך השם, אָן אין אַמעריקע שווער, אַפילו אַזאַ קלייניקייט ווי קאָנסאָמפּשאָן... קכי... קכי... קכי...

האַרץ און לונגען.

— 30 יאָר האָב איך אָפּגעאַרבעט אין אַ שניידער שאָפּ. 30 יאָר איז נישט קיין טאָג; דאָס איז 15 הונדערט און 60 וואָכן. אין די 30 יאָר האָב איך 30 מאָל געסטרייקט, 30 מאָל געהאַט סלעק און 30 מאָל באַדאַרפט לייען און באָרגן און אָפּגעבן און ווידער לייען און באָרגן און ווידער אָפּגעבן.

אין די 30 יאָר האָב איך דריי מאָל חתונה געהאַט; געהאַט מיט יעדער פרוי צו צוויי און צו דריי קינדער. זיינען מיר די פרויען אָפּגעשטאָרבן און די קינדער זיינען מיר פאַרבליבן.

האָב איך געוואָלט אַ פערטן מאָל חתונה האָבן, האָב איך שוין נישט געקענט קריגן קיין ווייבל וואָס זאָל מיך וועלן.

בין איך שוין געבליבן, ווי איר זעט, אַן אַלמן.

וואָלט עס מיך נישט געאַרט, ווען איך וואָלט זיין אַ געזונטער מענש; בין איך אָבער, ווי איז צו מיר, אַ קראַנקער. נאָך ווי קראַנק! איך לייד אי פון דעם האַרץ, אי פון די לונגען. דאָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט פון מיינע 30 יאָר האָרעוואַניע.

און אַזוי ווי שטאַרבן ווילט זיך נאָך נישט, איך האָב נאָך חתונה צו מאַכן די קינדער, גיי איך צו דאָקטוירים.

איז אָבער די צרה וואָס די דאָקטוירים קענען ניט אַרויסקריכן פון דעם פּלאָנטער. זיי האָבן טענות צו מיר, אַלעמאַי איך האָב צוויי חולאת'ן מיט אַמאָל; חולאת'ן וואָס קענען זיך ניט פאַרטראָגן. פאַרן קראַנקן האַרץ, זאָגן זיי, איז גוט אַ מילדער קלימאַט און פאַר די צעלעבערטע לונגען איז גוט, זאָגן זיי, די בערג.

דאָ אַנומעלטן זאָגט צו מיר דער דאָקטאָר פון מיין לאָדזש:

— מיסטער, איר וועט מוזן אַלץ לאָזן אָן אַ זייט און אוועקפאָרן אין אַ מילדן קלימאַט. אייער האַרץ איז צו שוואַך פאַר נויאָרקער לופט. די נויאָרקער לופט איז פול מיט 'שטויב, מיט סאַזשע, מיט קוילן, מיט רויך, מיטן גערוך פון מיסט און געזאַלין און געשאַסענע

פערד. איך מיין נישט, חלילה, גאַנץ נויאָרק, איך מיין די איסט־סייד, וואו איר וואוינט. נויאָרק מוז האָבן מענשן מיט שטאַרקע הערצער און אַזוי ווי אייער האַרץ איז אַ שלאַף האַרץ, מען קען זאָגן, אַז איר האָט כמעט גאָר קיין האַרץ ניט, איז פאַר אייך נישטאָ קיין בעסער אָרט ווי לייקוואוד. יענע לופט איז ריין און מילד און זי שמעקט פון סאָסנעס. טאָ לאָזט אַלץ איבער און אַנטלויפט, סיידן איר האָט חשק צו שטאַרבן... אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש; וויל איך אייך ניש שטערן; יעדער מענש טוט דאָס וואָס עס איז בעסער פאַר אים; אויב איר ווילט שטאַרבן — געזונטערהייט! נאָר טאָמער ווילט איר ניט שטאַרבן, זאָלט איר שוין אַוועק קיין לייקוואוד. דאָרט וועט זיך אייער האַרץ פיקסן. און אַז איר וועט האָבן אַ געזונט האַרץ וועט איר נאָך קענען לעבן און ווידער חתונה האָבן.

— וואָס טוט מען אָבער מיט מיינע קראַנקע לונגען? איר זאָגט דאָך אַלעמאָל, אַז פאַר קראַנקע לונגען איז די בעסטע לופט אין די בערג?

— איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן אייערע לונגען; אודאי מוזט איר צוליב די לונגען פאָרן אין די בערג אויף אַ צוויי חדשים; נישטאָ קיין בעסערער אָרט פאַר קראַנקע לונגען; דאָרט איז גוט זומער און ווינטער; הערבסט און פרילינג; מוזט איר טאַקע אַלץ לאָזן שטיין און שוין אַוועק אין די בערג; איר מוזט זיין כאָטש אַ 15 הונדערט פוס העכער פון ים; די בערג וועלן אייך אויסהיילן אייערע לונגען איינס און צוויי.

— אייער עצה געפעלט מיר, זאָג איך צום דאָקטאָר, איך ווייס, אַז איר זייט מיר אַ גוטער פריינט, אָבער אַז איך וועל אַוועק אין די בערג וועט דאָך מיין האַרץ ליידן. איר זאָגט דאָך אַליין, אַז פאַרן האַרץ מוז איך האָבן לייקוואוד. טאָ ווי קען איך מיט אַזאַ האַרץ אַוועק אין די בערג?

— אודאי מוזט איר צוליב אייער האַרץ זיין אין לייקוואוד; לייקוואוד איז אַ מילדער קלימאַט, די לופט איז אַ גרינגע, איז דאָס זייער גוט פאַר אייער האַרץ; לייקוואוד שטייט נידעריק, עס גלייכט זיך אויס מיט די אויבערפלאַך פון ים. און אַזאַ קלימאַט איז ווי געוואונשן פאַר אַ קראַנק האַרץ. ווען די לופט איז רייך און ווייך און

פריש, האָט דאָס האַרץ נישט קיין סך אַרבעט. אַז די לופט איז ווייך און רייך און ריין, דאַרף דאָס האַרץ נישט אַרבעטן צו שווער; דער־פאַר איז לייקוואָוד גוט פאַר אייך.

פרעג איך ווידער:

— וואָס זשע טוט מען מיט מיינע קראַנקע לונגען? ווען איך זאָל פאָרן קיין לייקוואָוד מוז איך דאָך מיטנעמען די לונגען אויך; וועלן דאָך די לונגען ליידן צוליב'ן האַרץ; וואָס זשע טוט מען?

— אודאי קענט איר אָן די לונגען נישט פאָרן, — זאָגט דער דאָקטאָר, — איר מוזט מיטנעמען די לונגען פונקט ווי דאָס האַרץ, אָבער איך זאָג אייך ווידער אַמאָל, אַז לייקוואָוד איז נישט פאַר קראַנקע לונגען; פאַר די לונגען איז נאָר די בערג, די הויכע לופט, ווייט פונם ים. מוזט איר אַלץ לאָזן שטיין און שוין אַוועק אין די בערג.

— וועט דאָך אָבער דאָס האַרץ ליידן; פאַרן האַרץ איז דאָך נישט גוט די בערג.

—אודאי איז דאָס נישט גוט פאַרן האַרץ, פאַרן האַרץ מוזט איר וואוינען אין לייקוואָוד.

האָב איך דאָך געזען, אַז איך וועל דאָ נישט אַרויסקריכן מיט דעם דאָקטאָר, אַז ער איז אַ בהמה, זאָג איך צו אים:

— כ'וועל טרייען אַ פרעג טאָ ביי אַן אַנדערן דאָקטאָר, ביי אַן עלטערן.

בין איך אַוועק צו אַן עלטערן דאָקטאָר, האָט ער מיך אונטער־זוכט און מיר דערקלערט דאָס אייגענע וואָס דער ערשטער:

— איר האָט אַ קראַנק האַרץ און קראַנקע לונגען. מוזט איר צוליב'ן האַרץ פאָרן קיין לייקוואָוד און צוליב די לונגען פאָרן אין די בערג. נאָר וואָס זשע דען, — זאָגט ער, — אויב איר וועט פאָרן אין די בערג וועט עס זיין אַ טובה פאַר די לונגען און אַן אומגליק פאַרן האַרץ; און אויב איר וועט פאָרן קיין לייקוואָוד, וועט עס זיין אַ טובה פאַרן האַרץ און אַן אומגליק פאַר די לונגען.

דאָ האָט דער דאָקטאָר אויסגעשטעלט זיין האַנט, איך האָב אים דערלאַנגט אַ פינפערל (דאָס איז זיין פרייז), און איך בין אַוועק אַהיים.

דערוויל פּאַכע איך מיט דער נשמה, און ווי לאַנג דאָס פּאַכען וועט אָנהאַלטן ווייסט איין גאָט אין הימל...

אין עליס אײלאַנד

פרויקע איז אַהערגעקומען מיט 20 יאָר צוריק. פון וואַנען געדענק איך ניט. אָדער פון רומעניע, אָדער פון גאַליציע, אָדער פון אונגאַרן.

ער האָט, צו אַלע זײַנע צרות, אויך מיטגעבראַכט אַ פרוי מיט דרײַ קינדער.

אַן אָנקל האָט אים אַרונטערגענומען פון שיף, אים אַרײַנגעפירט אין אַ רוסישע שוויץ־באָד, דערנאָך צו אַ באַרבער און פון באַרבער איז ער אַרויס אַ פאָלנער יענקי: אַן אַ באָרד און אָן וואָנצעס.

און אַזוי ווי פרויקע האָט זיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען, איז ער געוואָרן אַן אָפּערייטאָר בײַ מענער אַרבעט.

אָט אַזוי האָט זיך פרויקע געלעבט ביז — ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די „פּראָספּעריטי" איז נפטר געוואָרן, און דער קריזיס איז געבוירן געוואָרן, און ער האָט געסטאָפּט אַרבעטן.

האָט ער אויפגעגעסן די עטלעכע דאָלער; איז ער געבליבן בע־מע, ניט אַהין און ניט אַהער; ניט ער האָט געהאַט פון וואַנען צו לעבן, ניט ער איז געשטאָרבן פאַר הונגער.

פּלוצלינג האָט ער באַקומען אַ האַרצרײַסנדיקן בריוו פון זײַן ברודער, אַז ער איז נישט זיכער מיטן לעבן; אַז ער האָט שוין פאַר־געסן ווי אַמתע ברויט קוקט אויס; און ער וויל קומען קיין אַמעריקע. אַמעריקע, האָט ער געשריבן, איז אַ לאַנד, וואו מענשן לעבן גליקלעך; מען ווייסט נישט פון קיין צרות, פון קיין פּלאָגעניש, פון קיין הונגער פון קיין פּאָגראָמען.

האָט פרויקע פאַרזעצט זײַן וואַטש־און־טשיין, זײַן ווײַבס דײַמאָנד רינגל, צוגעבאָרגט עטלעכע דאָלער בײַ לאַנדסלײַט און געשיקט נאָך זײַן ברודער.

און ער, פרויקע, האָט דערווײַל פאַרטגעזעצט זײַן סטאַפּעניש, זײַן לײַדיק אַרומגײן.

האָט פּרויקע נישט געהאַט קיין ברירה ווי פאַרלירן דאָס ביסל פאַרב פון פּנים; דעם גלאַנץ פון די אויגן; דאָס קאָפּ געזונט. דערצו האָט ער נאָך פאַרלאָרן די פאָדערשטע ציין און די באַקן זענען אים איינגעפאַלן. אַ חוץ דעם האָט ער זיך פאַרלאָזן אַ בערדל. האָט עס געהאַט אַ פּנים פון חוזק. ניט עס האָט געהאַט האָר, ניט עס האָט נישט געהאַט קיין האָר. און דאָך האָט מען נישט געקענט אָפּלייקענען, אַז דאָס בערדל איז נישט קיין בערדל. ווייטער האָט ער גענומען צו ביסלעך אונטערהוסטן; די פּאָר סוטלעך, וואָס ער האָט געהאַט פון די מזל־ברכה יאָרן, האָט ער צוביסלעך אָפּגעטראָגן.

קורץ און נאָך אַ ביסל קירצער: פּרויקע האָט אויסגעזען ווי אַ קאַנדידאַט אויף אַ בר־מינן.

איך וויל נאָך באַמערקן, אַז די גאַנצע צייט האָט פּרויקע געוויכט פון דער ענגלישער שפּראַך, ווי דער אמת פון פּאָליטישנס.

ער האָט קיין צוויי ענגלישע ווערטער נישט געקענט אויסרעדן.

און אָט איז אים געקומען אַ טעלעגראַם, אַז זיין ברודער איז שוין אויף עליס איילאַנד, ער זאָל אים קומען אַרונטערנעמען.

גייט דער אָרעמער, קראַנקער פּרויקע אַוועק און קריגט אַ פּעס ביי דער שיף־קאָמפּאַניע און ער פּאָרט אַוועק אויף עליס איילאַנד אַרונטערנעמען דעם גרינעם ברודער.

איז ער דאָך אַליין אַ גרינער; ווערט ער דאָרט פאַרבלאָנדזשעט און ער דרייט זיך אַרום אויף די פאַרשיידענע וועגן אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער פאַרקריכט אַליין צווישן די גרינע, וועלכע מען דאַרף ערשט אַרונטערנעמען.

ווי אַזוי ער האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט, קען מען ביז היינטיקן טאָג נישט דערגיין.

הקיצור: פּרויקע איז אַריינגעפאַלן צווישן אַלע גרינע, זיך אויסגעמישט מיט זיי און — גאָר ניט. עס איז אויסגעקומען, אַז מען דאַרף אים אויך אַרונטערנעמען ... און אָט דערזעט ער זיין ברודער.

טוט פּרויקע אַ געשריי: אשר! און אשר טוט אַ געשריי: פּרויקע! זיי צעקושן זיך און זיי לאָזן זיך גיין. דער גרינער פאָראויס און פּרויקע — נאָך אים.

קומט דער גרינער צו צום באַאַמטן, טוט מען אַ קוק: אַ שטאַרקער חברה־מאַן, געזונטע פּלייצעס, נשקשה אָנגעטאָן, האָט נאָך ביי

זיך 70 אַמעריקאַנער דאָלער אין קעשענע, לאָזט מען אים דורך און פּאַרטיק.

רוקט זיך אונטער אונזער פּרויקע. זעט מען אַ בלאָסן, אַ שוואַכן, אַן אָפּגעריסענעם, אָן ציין אין מויל, אָן אַ סענט אין קעשענע, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, גיט מען אים איבער צום דאָקטאָר. גייט דער דאָקטאָר און אונטערזוכט אים און — ער לאָזט אים וויסן, אַז ער, פּרויקע, קען ניט אַריינקומען קיין אַמעריקע. אַמעריקע דאַרף נישט האָבן קיין קראַנקע מענשן.

קען דאָך פּרויקע ניט רעדן אַ וואָרט ענגליש; קען ער ניט דער־קלערן די באַאַמטע, אַז ער איז ניט קיין גרינער; אַז ער וואוינט שוין 20 יאָר אין נויאָרק; אַז ער האָט דאָ אַ ווייב מיט קינדער; אַז ער איז דאָס געקומען אַרונטערנעמען אַ גרינעם; אַז ער איז דאָס דער געלער, דער סיטיזען.

ווערט ער פאַרהאַלטן און פּאַרטיק.

ווען דער גרינער איז אַריין אין הויז פון זיין געלן ברודער, פרעגט אים די שווענערין:

— אשר, וואו איז ערגעץ פּרויקע, ער איז דאָך אוועק אין עלים איילאַנד דיך אַרונטערנעמען?

— ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון די באַאַמטע, ער איז אַ קראַנקער, אַן אָרעמער, גייט מען אים צוריקשיקן אין יוראָפּ — האָט דער גרינער אָנגעזאָגט זיין שווענערין די פרייליכע בשורה.

איז פּרויקעס פרוי געוואָרן טויט ווי אַלע טויטע. ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. סטייטש, ווי איז דאָס מעגלעך אַזאַ זאַך? און ווי קומט ער צווישן די גרינע? און ווי קען מען דאָס אוועקשיקן אַ מענשן, וואָס וואוינט שוין 20 יאָר אין לאַנד און האָט אַ פרוי מיט קינדער?

איז זי אוועק צו אַ לאַנדסמאַן, אים דערציילט די געשיכטע, איז דער לאַנדסמאַן אוועק מיט איר צו די „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייעטי", האָט די ה. א. ס. באַלד טעלעפאָנירט אין עלים איילאַנד, האָט מען איר געענטפערט, אַז פּרויקע געפינט זיך שוין אין האָספּיטאַל. איז אַן אָפּיסער באַלד אוועק אַהין און דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

האָט מען זיך שטאַרק צעלאַכט און מען האָט פּרויקען באַפרייט...

דערווייל האָט פּרויקע אַריינגעכאַפּט אַ באַד און צוויי מאָלצייטן...

אַ פוטבאָל געים

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ גריגעם ליטוואַק)

... איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ ליטוואַק פון מינסקער גובערניע. שבת נאָך שבועות ווער איך אַלט 62, ביז הונדערט און 20. איך בין געבוירן געוואָרן, בשעת די אַלטע שול איז אָפּגעברענט געוואָרן. אין דערהיים בין איך געווען אַ דאַמסקער שניידער און דאָ, ביי מיין שנור, בין איך אַ דינסט: העלף איר ארוים אין הויז: קער אויס די שטוב; וואַש אָפּ ס׳געשיר; פיר ארום ס׳אייניקל אין קינדער־וועגעלע, און אויב עס וויינט, שטופּ איך אים אין מיילעכל אַ שמאַט־קעלע מיט צוקער.

אַ חוץ די אַלע זאַכן גיי איך איינקויפן פאַר מיין שנור אַלץ וואָס זי דאַרף האָבן אין גראָסערי און ביים בוטשער.

אין אַמעריקע בין איך ערשט צוויי יאָר צייט. דער זון מיינער האָט מיך אַהערגעברענגט, כדי די שנור זאָל האָבן אַ דינסט.

ער איז נישט רייך, דער זון מיינער; קוים־קוים וואָס ער מאַכט אַ שטיקל לעבן. ער איז, קען מען זאָגן, אַ געמיינער מאַן.

דערפאַר, זעט איר, איז ער אַ גרויסער ספּאָרט. ער איז אַזוי פאַרקאָכט אין די היגע שפּילערייען, ווי אַ גרויסער למדן אין גמרא.

דאָ, נישט לאַנג צוריק, איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען קיין ענגליש וואָרט, היינט פאַרשטיי איך שוין; היינט קען איך זאָגן: אָלראַיט, בוטשער, טאַפּ־פלאָר, גוד־באַי, שאַראַפּ — היינט, קען מען זאָגן, בין איך שוין אַ האַלבער אַמעריקאַנער — איז דאָ נישט לאַנג צוריק, גיי איך מיר אַזוי ארוים שבת שפּאַצירן, העט ווייט אין די בראָנקס (מיין זון וואוינט דאָרטן), זע איך מענשן לויפן, טראַכט איך: מענשן לויפן, דאַרף מען אויך לויפן; מען לויפט דאָך נישט אומזיסט; עפּעס האָט דאָך דאָ פּאַסירט.

קום איך צו צו אַ פּלאַץ וואָס מען לאָזט נישט אריין אָן בילעטן;

א דאָלער א בילעט! באצאָל איך א דאָלער בלוטיקע געלט און מען לאָזט מיך אריין. נישט מען לאָזט מיך, נאָר מען שטופּט מיך. זע איך: זייער א גרויסער פּלאַץ מיט א סך הילצערנע בענק און א ים מיט מענשן זיצן אויסגעזעצט. זעץ איך זיך אויך אוועק; זיץ איך! איך וויל זען: וואָס וועט דאָ זיין.

און אָט דערזע איך: עס עפענען זיך, צווישן די בענק, צוויי גרויסע טירן און פון א לאָך קומען ארויסצולויפן 22 שקצים, יונגע חברה, געזונטע, אין קורצע הויזן און סע ווערט א טומל, א געשריי, א געפילדער: סירא־קיוז! קול־געיט! סירא־קיוז! קול־געיט! און מען פּלאַטערט מיט היטלען, מיט נאָז־טיכלעך, מיט ציטונגען און מען רייסט זיך אויס די לונגען שרייענדיק.

מיין איך, אז מען מוז שרייען, שריי איך אויך: סירא־קיוז! קול־געיט! לאכט מען פון מיר: „איר קענט נישט שרייען פארביידע" — זאָגט מען מיר — „אָדער פאר סיראקיוז, אָדער פאר קולגעיט!"

זאָג איך: ס'איז נישט אייער עסק פאר וועמען איך שריי; איך האָב באצאָלט א דאָלער בלוטיקע געלט, מעג איך שרייען פאר וועמען איך וויל. ס'איז אמעריקע און קיינער קען מיר קיין דעה נישט זאָגן!

און איך טו זיך מיר מיינס: איך שריי: סירא־קיוז! קול־געיט! — חברה לאכן, אָבער איך הער זיי ווי די קאַץ.

און אָט שרייט א מאַן דורך א טרובע; דערנאָך ליגט מען אוועק אזא לענגלעכדיקן באָל — געמאכט פון לעדער — און די 22 געזונטע שקצים אין די קורצע הויזקעס, שטעלן זיך אוועק איינער קעגן אנדערן — ווי הענער בשעת זיי שלאָגן זיך — ראַקום.

טוט איינער א בריקע מיטן רעכטן פוס דעם באָל; טוט דער באָל א פלי אוועק ווייט; טוען זיך אַלע שקצים א לאָז כאַפּן דעם באָל.

טראַכט איך: משוגעים! אמתע משוגעים; וואָס דאַרפן זיי אַלע מיט אמאָל לויפן כאַפּן איין באָל, אז יעדער איינער פון זיי קען דאָך אויספירן צו האָבן אן אייגענעם באָל. וויפיל קאָסט עס אין גאַנצן אזא באָל? אויב א סך איז צוויי דאָלער! און דער באָל פליט און די שקצים מיט די קורצע הייזקעס — נאָך דעם באָל. אָבער בלויז איינער כאַפּט אים; ליגן זיך די אנדערע שקצים אַרויף אויף

אים און מיט דישעט אים, און מען קנעט אים, און ווידער ווערט א געשריי: סירא־קיוז! קול־געיט! — דערנאָך טוט איינער אַ פייף אויף אַ פייפל, און אַלע 22 שקצים הויבן זיך אויף איינגעטונקען אין שטויב — און דער שייגעץ מיטן באַל הויבט זיך אויך אויף. אָבער קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס... דערנאָך שטעלן זיך אַלע 22 שקצים ווידער אַוועק ראַקום און איינער פון דער כאַליאַסטרע שטייט פון הינטן און ער שרייט מיט קולות: 80! 82! 84! מיין איך, אַז ס'איז אַ ליסיטאַציע, אַ אָקשן, זאָג איך: 88; שרייט יענער: 90! שריי איך: 94; שרייט יענער 96! פאַרדריסט עם מיך: וואָס שטייגסטו מיר אַריבער? זאָג איך שוין 98. טוט יענער פּלוצים אַ געטריי: 23! איר הערט? פון 98 איז ער אַרונטער אויף 23!

אָבער דער עולם הערט ניט אויף צו לאַכן פון מיר. פאַרשטיי איך: אַז מען פּירט מיך דאָ אין באָד אַריין; פון 98 איז מען אַרונטער אויף 23, שטעקט דאָ עפּעס אַ שפּיצל! מילא, טראַכט איך, זאָל ער זיך ווערגן מיט דער מציאה!

נאָר פאַרדריסן, פאַרדריסט עס; הייסט עס, אַז אויך דאָ, אין אַמעריקע, זענען פאַראַן אַנטיסעמיטן, אויך דאָ האָט מען פיינט אַ אידן!

שאַ! אָט וואַרפט איינער דורך דעם באַל צווישן זיינע פיס און איינער, הינטער אים, טוט אַ כאַפּ דעם באַל ווי דאָס וואָלט זיין אַן אבן־טוב, און טוט אים באַלד אַ וואָרף צוריק. לויפן ווידער אַלע 22 שקצים כאַפּן דעם באַל. כאַפּט אים איינער און ער נעמט פליען מיט אים ווי אַ פאַריקטער. לויפן אים אַלע נאָך; פאַלט מען איינער אויפן צווייטן; און מען שטעלט זיך ווידער אויף און מען לויפט ווידער כאַפּן דעם באַל.

טראַכט איך: הלואי כאַפּן זיי דעם וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דעם באַל און ברעכן אים גוט אָפּ די ביינער־!

דאָ טוט איינער פון די שקצים אַ שפּרונג אין דער לופטן, כאַפּט מען אים פאַר די פיס און מען שליידערט אים אָן דר'ערד און אַלע לייגן זיך אַרויף אויף אים און מען נעמט אים דישען און קנעטן ווי מען קנעט טייג. יענער קען זיך געבעך פון אָרט נישט רירן. ווערט ווידער אַ געשריי: סירא־קיוז! קול־געיט! סירא־קיוז!

אַז מען קען, ממש, טויב ווערן! און איינער, אַ גוי, וואָס זיצט לעבן מיר, שפּרינגט אויף פון זיין סיט און טוט אַ געשריי: „הי לאַסט אַ פוד!"

טראַכט איך: הלואי זאָל ער פאַרלירן דעם קאָפּ אויך! אַזאַ לאָופער, אַזאַ גאַרנישט, אַזאַ פּוסט־און־פּאַסטניק, איז נישט קראַנק בעסער גיין אַרבעטן און אַרויסהעלפן זיין טאַטן אין דער פּרנסה!

אָבער דער עולם הערט נישט אויף צו שרייען: סירא־קיוז! קול־געיט! העלזער ווערן הייזעריק, מען ווערט שיער נישט משוגע. מען שטורכעט מיך פון אַלע זייטן, מען וואַרפט זיך מיט מיר ווי מיט אַ פּילקע. האָב איך דאָך מורא, אַז איך וועל נאָך כאַפּן קלעפּ אויך, טו איך אַ שפּיי אויף דער גאַנצער שפּיל און איך כאַפּ זיך אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

פרעגט מיך: וואָס איך האָב געזען, ווייס איך נישט; איך ווייס בלויז, אַז איך האָב געפּטרט אַ דאָלער. ווען איך גיב אויס דעם דאָלער אויף שמעק־טאַבאַק, וואָלט איך כאָטש עפּעס גענאָסן...

ווען דער ליטוואַק איז שטיל געבליבן, האָב איך ערשט פאַר־שטאַנען וואָס עס הייסט אַ פוט־באָל געים.

נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ ליטוואַק האָט אַ שאַרפן קאָפּ; ער באַנעמט אַ זאַך זייער גרינג — וואו תורה — דאָרט איז חכמה.

אין אַ קליידער געשעפט

— העי, מיסטער, האָט איר פאַר מיר אַ גוט סוטל?

— וואָס פאַר אַ סוטל ווילט איר? — פרעגט דער בעל הבית פון געשעפט.

— אַ גראָ סוטל, — זאָג איך.

— אָט אַזוי רעדט איר ווי אַ מענטש מיט שכל; מיר גלייכן אַזעלכע מענשן. איר וועט אָנמעסטן, וועלן מיר זען; אָדער ס'וועט אייך יאָ פּאַסן, אָדער ס'וועט אייך נישט פּאַסן. איצטער וויל איך וויסן נאָך אַ זאַך: גלייכט איר אַ סוטל מיט אַ לאַנגן שייפּ, אָדער מיט אַ קורצן?

— מיט אַ קורצן.

— אָ־אָ, אָט אַזוי רעדט איר, ווי אַ מענש! אודאי מיט אַ קורצן; וואָס דען, מיט אַ לאַנגן? אַ נידעריקער מענש טראָגט אַלע מאָל מיט אַ קורצן שעיפּ.

— ס'איז נישט קיין געזעץ.

— ס'איז יאָ אַ געזעץ; די אמתע ספּאָרטס ווייסן, וואָס זיי ווילן. ווילט איר, הייסט עס, האָבן אַ גראָ סוטל מיט טשעקס, מיט אַ קורצן שעיפּ? זייער פיין. איצטער נאָך אַ זאַך: דאַרף דאָס סוטל זיין דאָבל ברעסטעט אָדער סינגל ברעסטעט? דאָס הייסט, מיט צווייער־ליי קנעפּ אָדער מיט איינערליי?

— מיט איינערליי.

— דאָס באַווייזט טאַקע, אַז איר זייט אַן אינטעליגענטער מענש.

— עט.

— יאָ, דאַרף דאָס סוטל זיין אַ טייערס אָדער אַ ביליקס?

— העי, מיסטער, איך מוז כאַפּן די נעקסטע טרעין קיין עלענוויל, איך האָב נישט קיין צייט און איר דרייט מיר אַ קאָפּ מיט נארישע פראַגן. ווייזט מיר אַ סוטל און פאַרטיק.

— ווייזן אַ סוטל איז קיין חכמה ניט; יעדער איינער קען אייך ווייזן אַ סוטל; איך האָב זיך פיינט צו איילן, עס ברענט נישט; נישט אַלע טאָג קויפט איר זיך סוטלעך. איר זייט דאָך אודאי אַן ארבעטער.

— ניין, איך בין דוקא אַ שרייבער.

— איר זעט טאַקע אויס, ווי אַ שרייבער; איך דערקאָן אַ שרייבער פון אַ מייל די ווייט.

— ווי אַזוי?

— אין די האָר. כמעט יעדער שרייבער טראָגט די האָר פאַר־קעמט אויף אַרויף.

— מיסטער, פּליז, טוט מיר אַ טובה און פאַרטיקט מיך אָפּ. די צייט פּליט, איך וועל פאַרשפּעטיקן די טרעין.

— אָט גיב איך אייך שוין אַ סוטל. אָבער איך ווייס נישט אייער מאָס.

— מיין מאָס איז 38.

— איר מאַכט אַ טעות, אייער מאָס איז 37.

— זאָל זיין 37, אַבי מאַכט אַ סוף!

— אָט אַזוי רעדט איר, ווי אַ מענטש! נאָך איין זאַך: ווילט איר האָבן אַ סוטל מיט איין פּאָר הויזן אָדער מיט צוויי פּאָר?

— מיט צוויי פּאָר.

— איר מוזט האָבן מיט צוויי פּאָר?

— איך בין דאָך אַ שרייבער. און אַ שרייבער מוז זיצן, און אַז מען זיצט, רייבט מען אויס די הויזן.

— אודאי, מען קען דאָך נישט שרייבן אָן הויזן.

— נישט געפערלעך! פאַראַן שרייבער, וואָס האָבן אינגאַנצן נישט קיין הויזן.

— די זענען קיין שרייבער נישט.

— אַ גוטער שרייבער קען שרייבן אפילו שטייענדיק אויך. אַז מען קען, קען מען! און אַז איינער קען נישט — מעג ער אַפילו האָבן 10 פּאָר הויזן.

— אויב אַזוי, טוט מיר זייער לייד, אַזאַ סוטל, ווי איר ווילט האָבן, האָב איך נישט...

נישטאָ קיין עקספּרעסלייט

איך האָב געדאַרפט אַרויסציִען פון דער דירה; זאָגט מיין פרוי צו מיר:

— וואָס שטייסטו, לויף אַרויס און זוך אויף פּיטשע דעם עקס־פּרעסמאַן. איך גלייך פּיטשען; ער מאַכט אַ גוטן דזשאָב.

לויף איך אַוועק אויפזוכן פּיטשע דעם עקספּרעסמאַן, אונדזערן אַ לאַנדסמאַן. קום איך אַריין צו פּיטשען אין הויז, איז ער נישטאָ; פרעג איך ביי דער פּיטשעכע:

— וואו איז ערגעץ פּיטשע? איך האָב פאַר אים אַ דזשאָב, איך דאַרף מופן.

זאָגט די פּיטשעכע:

— מיין פּיטשע קאָן היינט דעם דזשאָב נישט אָננעמען, סיידן איר קאָנט אָפּלייגן דאָס מופן אויף נאָך סוכות.

— וואָס איז דער מער, — פרעג איך.

— דער מער איז אַ ים — ענטפערט די פּיטשעכע מיט אַ וויץ — און זי דערציילט מיר, אַז איר פּיטשע האָט זיך איצט פאַרלאָזן אַ באָרד און אָנגענומען אַ שטעלע פאַר אַ חזן, און ער נעמט פיר הונדערט דאָלער פאַר ראש השנה און יום כיפור, און איצט גייט ער אַרום מיטן פרעזידענט פון זיין חברה, „אנשי קידוש", פאַרקויפן בי־לעטן.

שטיי איך און קוועטש מיט די פּלייצעס און קוק אָן די פּיטשעכע ווי אַ תם: — סטייטש, פּיטשע דער עקספּרעסמאַן, אַ חזן?

זעט די פּיטשעכע, אַז איך וואונדער זיך, גייט זי און דערלאַנגט מיר אַ „פּאָוסטער". וויקל איך פונאַנדער דעם פּאָוסטער און טו אַ קוק — פּיטשע! פּיטשע דער שמייסער שטייט אין אַ פּרינץ־אַלבערט, מיט אַ סטאָוו־פּייפּ; אויפן האַלדז — אַ טלית, אין דער האַנט אַ מחזור, אַרום אים — אַ כאָליאַסטרע מיט באָיטשיקעס, אויך אין טליתימלעך און מיט גרויסע פעטע אותיות איז אויפגעשריבן:

„דער וועלט־באַרימטער טענאָר, דער צווייטער קארוזאָ, פּיטשע סאָלאָוויטשיק, וועט פאַרבעטן היינטיקן ראש השנה און יום כפור מיט אַ כאָר פון אכצן משוררים, וואָס קענען מיט זייערע געמבעס שפּאַלטן דעם ים און מאַכן אַן ערדציטערניש. טיקעטס צו באַקומען ביי דער חברה 'אנשי קידוש' און ביי דעם פּרעזידענט, סענדער גאָרגלגיסער און ביים חזן, ר' פּיטשע קאַנאַריק. קומט און בעט זיך אויס אַ גוט יאָר. אָמן!"

איבערגעלייענט דעם „פּאָוסטער", זאָג איך צו דער פּיטשעכע:

— הייסט עס, אַז אייער פּיטשע קען אונדז היינט ניט איבער־מופן?

— ניין, — ענטפערט שטאָלץ די פּיטשעכע.

לויף איך אהיים און דערצייל מיין ווייבל די געשיכטע:

— פּיטשע דער שמייסער, — זאָג איך — אונדזער באַשטענדי־קער עקספּרעסמאַן, איז געוואָרן אַ חזן. וואָס טוט מען? גיב אַן עצה!

זאָגט מיין ווייבל:

— ווייסטו וואָס, גיי אַוועק צו מאָטיע גריוועֶ, אויך אַ לאַנדס־מאַן, און אויך אַן עקספּרעסמאַן, אפשר וועט ער אונדז קענען אי־בערמופן.

קום איך אַריין צו מאָטיען — די אייגענע מעשה: מאָטיע קאָן אונדז איצטער נישט איבערמופן; אויך ער איז געוואָרן אַ חזן; אויך ער נעמט דריי הונדערט און פופציק דאָלער פאַר מוספים.

פרעג איך:

— ביי וואָס פאַר אַ חברה?

זאָגט זי:

— ביי דער חברה „אהבת נשים".

בעט איך ביי דער מאָטיכע, זי זאָל מיר נאַרייען אַן אַנדער עקס־פּרעסמאַן, נישט קיין חזן.

זאָגט די מאָטיכע:

— ס'איז אַן עבירה אייערע פּיס; איר וועט היינט אין גאַנץ אַמעריקע נישט קריגן קיין איין עקספּרעסמאַן; אַלע עקספּרעסלייט זיי נען געוואָרן חזנים.

שטיי איך אין געהאַקטע וואונדן און וויים נישט וואָס צו טאָן.

קריגט די מאַטיכע רחמנות אויף מיר און זאָגט:

—פּרוואווט אַריבערגיין אין 122 כאָמיט סטריט, צו די בעק, דאָרט דאַרף זיך געפינען אַן עקספּרעסמאַן, באַרני.

לויף איך הענדום־פּענדום אוועק אין 122 כאָמיט סטריט צו די בעק. קום איך אַהין אַריין, די אייגענע מעשה: באַרני איז אויך געוואָרן אַ חזן!

פרעג איך די באַרניכע: — איז שוין גאָר נישטאָ קיין איין עקס־פּרעסמאַן, וואָס זאָל קענען איבערמופן מיינע זאַכן?

— נישטאָ, נישטאָ! אַלע פּאַרנומען! — האָט מיר געענטעפערט די באַרניכע. — וואַרט ביז איבער יום כפּור, וועט אייך מיין באַרני מאַכן דעם דזשאָב גוט און ביליק.

וואָס טויג אייך גליקן, איך בין אַרומגעלאָפן דעם גאַנצן טאָג און קוים מיט צרות, מיט אַנגסטן, באַקומען אַן עקספּרעסמאַן נישט קיין חזן.

— וואָס איז דער מער, וואָס איר זיינט נישט קיין חזן? — האָב איך אים געפרעגט.

האָט ער מיר געענטפערט:

— איך האָב שוין געהאַט אָנגענומען אַזאַ שטעלע ביי דער חברה „אנשי האָריאָפּ", נאָר מיינער אַ געוועזענער פּאַרטנער, אויך אַן עקס־פּרעסמאַן, האָט מיך אַרויסגעשטופּט פונם דזשאָב, ער האָט געלאָזן פאַר העלפט געלט, האָט מען אים צוגענומען — אַז צונעמען זאָל אים די ערד! אַזאַ ממזר! פּאַראַיאָרן האָט ער נאָך ביי מיר געזונגען, געווען מיין משורר און היינט איז ער שוין אַליין אַ חזן. אַמעריקע מיט אירע חברות, מיט אירע חזנים! נאָר סע מאַכט נישט; איך וועל אים צום עמוד נישט צולאָזן, ער וועט נאָך ביי מיר ליגן מיט אונ־טערגעהאַקטע לונגען פאַר סליחות.

און אָט אַ דער אַרויסגעשטויסענער חזן האָט אונדז אַריבערגע־מופּט אין דער נייער דירה.

אָרעמער מאָטיע

(חזנישע טרערן)

אין דער אַלטער היים איז מיין פריינט מאָטיע געווען אַ פּשוטער בעל־תפילה.

ער האָט געדאַוונט אין דער קאַלטער שול אָן אַ גראָשן געלט.

ער האָט געהאַט אַ שיינע באָרד, געטראָגן אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און גאָט אין הארצן.

שפּעטער איז ער געקומען אין אַמעריקע און געוואָרן אַ חזן. נישט קיין בעל־תפילה.

האָט ער באַלד דער באָרד אָפּגעקירצט די יאָרן.

פון דער באָרד איז געוואָרן אַ בערדל און דער רבונו של עולם האָט פאַרנומען וויניקער אָרט אין זיין הארץ.

ער האָט באַקומען אַ נייעם גאָט, אַ נייעם גלויבן: דער דאָלער.

ווען ער האָט זיך נאָך מער אויסגעגרינט, איז ער געוואָרן אויס חזן; ער איז געוואָרן אַ „קענטער"!

דעמאָלט איז פונם בערדל געוואָרן אַ בערדעלע און פונם בערדעלע — אַ טשוביקל און פונם טשוביקל — אַ גאָר נישט.

אוים! ווי ס'וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען!

און ווי באַלד נישט קיין בערדל און ניט קיין טשוביק, דאַרף מען קיין וואָנצעס אויך נישט.

האָט ער אויך די וואָנצעס געגעבן דעם וועג — אוים וואָנצעס!

ער האָט באַקומען אַ פּנים פון אַ גלח: גלאַט און ווייך ווי אַ סאַמעט.

דערפאַר האָט ער באַקומען זעקס טויזנט דאָלער געהאַלט אין זיין טעמפּל און אַ גוידער און אַ רונד בייכל.

און ווען די צייטן זענען געוואָרן בעסער, האָט מען אים אַריינגע־שטעלט אין טעמפּל אַן אָרגל מיט צוועלף שיקסעס.

די בעסטע תפילות, די פיינסטע סאָלאָס פלעגט אונזער „קענטער״ איבערגעבן צו די שיקסעס.

ער אַליין האָט נישט געאַרבעט שווער; ער האָט זיך געטראַכט: „זאָלן בעסער די באַלעבאַטים פון טעמפּל אַרבעטן; זיי דאַרפן דאָך מיר געבן שכירות, נישט איך זיי.״

הקיצור, מיין פריינט מאָטיע האָט גענומען שפּילן אַ גרויסע ראָלע. אַז ער איז געשטאַנען אין דעם מיליאָן־דאָלערדיקן טעמפּל, אָנגעטאָן ווי אַ רעגעלער גלח, מיט צוועלף שיינע שיקסעס און אַ טייערן אָרגל, האָט ער זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז ער איז מאָטיע; דער אַלטער, אָרעמער, היימישער מאָטיע דער בעל תפילה פון דער קאַלטער שול.

קיין נאַר, איז ער, דוקא, נישט געווען, מאָטיע. ער האָט פאַר־שטאַנען אַ געשעפט; געוואוסט ווי זיך צוצופּאַסן צום טעמפּל און — דער עיקר — צו די באַלעבאַטים און נאָך מער — צו די באַאַמטע.

און ווען די צייטן זענען געוואָרן נאָך בעסער, האָט מען אים דערלייגט נאָך טויזנט דאָלער אַ יאָר צו די שכירות און נאָך פיר שיקסעס צוגעשטעלט צום כאָר.

האָט ער שוין געהאַט, הייסט עס, זיבן טויזנט דאָלער אַ יאָר מיט זעכצן שיקסעס.

אַנדערע חזנים האָבן אים שטאַרק מקנא געווען: „אַ מענטש האָט דאָס אַביסל מזל!״ — האָבן זיי געזאָגט. — „מיר זענען שוין אין אַמעריקע לענגער פאַר אים און מיר האָבן אפילו נישט קיין איין שיקסע, און ער, מאָטיע, איז ערשט דאָ עטלעכע יאָר און ער האָט שוין זעכצן שיקסעס!״

הכלל, עס איז אים געווען גוט ווי די וועלט! ער האָט געוואוינט שיין און געלעבט שיין, געווען אַ גוטער ברודער, אַ נאַש־בראַט, אַ יאַט פון די יאַטן!

און אָט איז געקומען די איבערקערעניש אין לאַנד. די מעמ־בערס האָבן פאַרלוירן זייערע פאַרמעגנס אין וואָל סטריט; די באַאַמטע האָבן פאַרלוירן די קעפּ; דער טעמפּל איז געוואָרן פּוסטער און ליידיקער; אויפגעבן דעם טעמפּל ווילט זיך נישט; עס איז ניט שיין; דאָך, ווי זאָגט מען עס, גאָטס־הויז; האָט מען באַשלאָסן שפּאָרן וואָס מען קען און וויפיל מען קען; דער טעמפּל מוז בלייבן!

האָט מען זיך, ראשית חכמה, אַ נעם געטאָן צום „קענטערס״

ווײדזשעס און צו די זעבצן שיקסעס. מען האָט אים אַרונטערגענומען צוויי טויזנט דאָלער אַ יאָר מיט זיבן שיקסעס.

אויף צווייטן יאָר האָט מען אים ווידער אַרונטערגענומען צוויי טויזנט דאָלער מיט פינף שיקסעס.

האָט אונזער מאָטיע גענומען פּשוט וויינען מיט טרערן פּאַר זיינע באַאמטע:

— גזלנים, רוצחים! וואָס קען איך אויפטאָן מיט פיר שיקסעס? וואָס פּאַר אַ טעם און וואָס פּאַר אַ ריח קענען שוין האָבן די תפילות? געט מיר באַטש צוריק די צוועלף שיקסעס אויף ראש השנה און יום כפור! מילא, דאָס וואָס איר האָט מיר אַרונטערגענומען גאַנצע פיר טויזנט דאָלער פון געהאַלט, איז פאַרפאַלן; אַז איר קאָנט ניט קאָנט איר נישט; אָבער געט מיר באַטש צוריק די שיקסעס! ווי קען איך זאָגן „כל נדרי" אָדער די „על חטא'ס" אָן זיי? אָט־אָ די שיקסעס האָבן דאָך צוגעצויגן די יוגנט צו גאָטעס־דינסט; ווען נישט די שיקסעס וואָלטן דאָך אייערע זין נישט אַריינגעשמעקט אין טעמפּל; געט מיר צוריק די צוועלף שיקסעס, געט מיר צוריק!

אָבער זיינע טענות האָבן נישט געהאָלפן: ער האָט געמוזט אויסקומען מיטן אָרגל און מיט די עטלעכע פאַרבליבענע שיקסעס.

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. אָבער דאָס יאָר איז נאָך ערגער; אויף אַזאַ אומגליק האָט ער זיך, נעבעך, נישט געריכט, מיין גוטער פריינט.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק טרעף איך אים אָן אין די בערג, אין אַ האָטעל. ער איז זיך געקומען אַביסל אויסרוען די שטימע.

— האַלאָו, מאָטיע! וואָס מאַכט איר? וואָס הערט זיך מיט אייער שטעלע? נאָך אַלץ אין זעלבן טעמפּל?

האָט מאָטיע אַ טיפן זיפץ געטאָן און געענטפערט מיט אַן אַבלדיק קול:

— ס'איז שלעכט, ס'איז ביטער, ס'איז פּאַסקודנע!

— וואָס איז?

— איך מיין מיט מיין טעמפּל: דאָס יאָר האָט מען מיר שוין צוגענומען די לעצטע פיר שיקסעס אויך, ווי איז מיר!

— וואָס מיינט איר?

— וואָס איך מיין? איך מיין גאָר פּשוט: איך'ל דעם ראש

השנה און יום כּפּור מוזן דאַוונען אין גאַנצן אָן אַ „קווייער" — אַזאַ אומגליק! פון זעכצן שיקסעס איז מיר אַפילו קיין איינע נישט געבליבן! ווען זיי נעמען צו ביי מיר דעם לענדלאָרד מיינעם, וואָלט עס מיך אַזוי נישט פאַרדראָסן.

ווי אַזוי איכ'ל אויסקומען אָן די שיקסעס — ווייס איך נישט; מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז איכ'ל האָבן אַ שטאַרקן דורכפאַל; הלואי זאָל איך ליגן זאָגן!

און נאָך מער פאַרדריסט מיך, הערט איר, אויף מיין אייגענער פרוי. איך קום אַהיים און דערצייל איר פון מיין גרויס אומגליק, איז זי גאָר צופרידן; זי טאַנצט ממש פאַר גרויס שמחה:

— זיי האָבן זייער גוט געטאָן! — זאָגט זי — וואָס מען האָט צוגענומען פון דיר די שיקסעס; זיי האָבן דאָס באַדאַרפט טאָן נאָך מיט דריי יאָר צוריק; נאָר בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט!

איך זאָג אייך, אַז אַ פרוי איז דער ערגסטער שונא וואָס אַ פאַר־הייראַטער מאַן האָט!

מיין פריינט מאָטיע האָט זיך ממש צעוויינט ווי אַ קינד.

אוי, האָט ער געדאַוונט!

א שפּאָגל נייער פויגל האָט זיך באַוויזן אין חזנישן וואַלד!
דער נאָמען פונם פויגל איז בענעלע צימבל.
אידן!

פאַרזעצט אייערע גאָלדענע זייגערס, אייערע איבערבעטן, אייערע אינשורענס־פּאַליסים און קומט הערן דעם נייעם חזן!

אויב איר וועט עס נישט טאָן היינט, שוין, באַלד, וועט איר דאָס גאַנצע לעבן חרטה האָבן.

בענעלע צימבל איז נישט אַזאַ חזן ווי אַלע אַנדערע חזנים.
דעם גרעסטן דערפאָלג האָט ער ביי פּרויען. יאָ, ביי פּרויען, מיינע פריינט!

ער האָט אַזויפיל פייער אין זיך, אַז ווען ער שטעלט זיך אַוועק לעבן עמוד, ווערט דער עמוד פאַרברענט אויף קויל; פּשוט פאַר־שרפה'עט!

עס זענען שוין הונדערט שולן אַוועק מיטן רויך, זייט ער איז חזן.
לצים זאָגן, יאַקבי, אַז מען האָט אומישנע אונטערגעצונדן די שולן כדי ער, בענעלע, זאָל אין זיי נישט דאַווענען. נאָר מאַלע וואָס מען זאָגט!

לעצטן שבת האָט בענעלע געדאַוונט אין „בית המדרש הקטן", האָט זיך דאָרט אָפּגעטאָן חושך; חושך ווי אין מצרים!

מען האָט צענומען די ווענט, אויסגעהאַקט די פענצטער, צע־בראָכן די טירן, מען איז אַרומגעקראָכן אויפן דאַך, מען איז געהאַנגען אויף די „שענדעליערס" — יאָ, אויף יעדן „שענדעליער" איז גע־האָנגען אַ איד!

ווי נאָר בענעלע צימבל האָט זיך איינגעהילט אין טלית, האָט ער באַלד אַריינגעלייגט אין מויל אַ „קאָנפעקטל" — ווי זיין שטייגער

איז אַלע מאָל — גענומען שמאָטשקען און זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד.

האָבן מיר באַלד געזען, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט קיין געוויינלעכן מענשן, נאָר מיט אַ חזן; אַ חזן מיט אַלע פּיטשעווקעס און דריידלעך.

אַזוי שטיין אַ חזן ביים עמוד האָט נאָך אַמעריקע נישט געזען.

ווען ער וואָלט גאָרנישט געטאָן, אַ וואָרט נישט געזאָגט, דאָס מויל נישט געעפנט, נאָר אַזוי געשטאַנען די גאַנצע צייט און געשמאָטשקעט דאָס קאָנפעקטל, וואָלט ער שוין אויך ווערט געווען דאָס געלט וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט און נישט געגעבן.

גלייך ביי קבלת שבת, האָט מען געקענט הערן ווי ער שניצט די עברי און ווי הויך ער שמאָטשקעט דאָס צוקערל. און ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: ארבעים שנה אקוט בדור ואמר עם תעי לבב הם, האָבן אַלע מבנים געמוזט צוגעבן, אַז ער האָט אַ זיס מויל, פול מיט מתיקות...

אידן זענען געשטאַנען מיט פאַרשפּיצטע אויערן און אָפענע מיילער, געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „אַזעלכעס האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געהערט!"

און ווען ער האָט מיטן גרויסן כאָר אַ זינג געטאָן דעם שיינעם ראָמאַנטישן „לכה דודי", האָט מען נאָך מער געקוועטשט מיט די פּלייצעס... מחמת דער גרויסער כאָר האָט כמעט אָפּגעזונגען דעם „לכה דודי" אליין, אָן דעם חזן.

שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז דער חזן האָט עס, אומישנע, געטאָן, כדי צו שפּאָרן די שטימע... ער איז נאָך אַ יונגער מענש און ער וויל נישט אויסנוצן זיין גאַנצע שטימע פאַר איין שבת. ער דאַרף האַלטן די שטימע פאַר ראש השנה און יום כפור און סוכות.

אַ קלייניקייט יום כפור צו כל נדרי, ווען ער דאַרף אַ געשריי טאָן מיט אַלע כחות: „מיום כפורים זה..." דאַרף מען שפּאָרן די שטימע פאַר אַ „רעגנדיקן טאָג", ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט.

הקצור: דער כאָר האָט כמעט אליין אָפּגעזיננגען דעם „לכה דודי" און ער, דער חזן, האָט געשוויגן; שיין געשוויגן.

שפּעטער, ווען ער האָט גענומען אליין זאָגן: „ושמרו בני ישראל את השבת", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אין אים געהאַט אַ גרויסן טעות: מען האָט אַלע מאָל גערעכנט, אַז ער באַזיצט אַ

באַריטאָן, צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער באַזיצט גאָר אַ לירישן טענאָר צוזאַמען מיט אַ באַריטאָן.

ביידע שטימען זענען אַזוי צונויפגעגאָסן, אַז מען ווייסט נישט וואו עס הויבט זיך אָן דער טענאָר און וואו עס ענדיקט זיך דער באַריטאָן.

ער האָט אויך באַוויזן, אַז ער האָט זייער דינע „איבערגאַנגען" — אַזוינע דינע, אַז מען זעט זיי כמעט נישט אָן; מען קען זאָגן: די דינקייט אַליין.

אַ קריטיקער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מיט אַזאַ דינקייט וואָלט ער באַדאַרפט כסדר זאָגן: „לאל עורך דין, לבוחן לבבות ביום דין, לגולה עמוקות בדין."

שבת פרי האָט בענעלע צימבל ערשט אַרויסגעוויזן וואָס ער קען:

זיין אַרויפגיין די טרעפּ צום עמוד; זיין באַגריסן דעם פּרעזי־דענט און דעם רב; זיין זאָגן: „גוט שבת", זיין קרומער קוק אויפן נידערגעשלאָגענעם מענעדזשער, איז געווען קינסטלעריש אויס־געהאַלטן.

דערנאָך האָט ער זיך צורעכט געמאַכט דעם טלית, גענומען דרייען אַ ציצה אויפן פינגער, אַ וואָרף געטאָן אַן אויג צו די ווייבער און גענומען זאָגן.

איז וואָס־זשע זאָלן מיר אייך זאָגן? מיר קענען אייך גאָרנישט זאָגן; ווען מיר זאָלן אייך עפּעס קענען זאָגן, וואָלטן מיר אייך געזאָגט, אַז זינט מיר האָבן געהערט חזנים זאָגן, האָט נאָך קיין איין חזן אַזוי נישט געזאָגט ווי בענעלע צימבל האָט געזאָגט.

צו „תכנת שבת" איז דער עולם אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן; עס האָט זיך יעדן איינעם פאַרדרייט דער קאָפּ.

דער נידערגעשלאָגענער מענעדזשער האָט געזען וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דאַרפן יעדן אידן אַהיימפירן מיט אַן אַמבולאַנס.

ווען דער חזן האָט געענדיקט, האָט דער עולם פריי אָפּגעאָטעמט און אויסגערופן:

„אוי, האָט ער געדאַוונט!"

מבינים אויף חזנים

(אַ סצענע לעבן בית המדרש הגדול)

לעבן בית המדרש הגדול אין נויאָרק — שבת 10 אזייגער: מען לייענט; אין דרויסן שטייען אידן. אידן מיט בערד און אָן בערד; מיט שכל, און אָן שכל; אַלע רעדן, טומלען, האַמפּערן זיך, זאָגן מבינות אויף חזנים. וואו נאָר אַ גוטער חזן, מיט אַ נאָמען, ווערט ער דורכגעלופּטערט. עס ווערן דערמאָנט: קוואַרטין, הערש־מאַן, רויטמאַן, חגי, שליסקי, קרעטשמאַר, שטיינבערג, פּינטשיק און יעדער איד דערמאָנט, זיבעציק מאָל, דאָס וואָרט „לאַגע".

וואָס דאָס איז אַזוינס לאַגע — ווייסט, ברוך השם, קיינער נישט. נאָר גאָר נישט, שבת איז, מיילער האָבן זיי, צייט האָבן זיי, אַהיים גיין האָבן זיי קיין חשק נישט, מחמת זיי האָבן ווייבער און שווינגערס און חובות, שטייט מען און מען רעדט און מען פּלוידערט און מען זאָגט מבינות אויף חזנים.

און אַזוי ווי יאָסעלע שליסקי דאַוונט היינט אין בית המדרש הגדול, איז ער דער ערשטער אויפן פּייער:

— העי, חיים, ווי איז דער געפעלן שליסקים קדושה?

— מיר געפעלט שליסקי; נישט אַזוי ער, ווי זיין שטימע. דאַכט זיך אַ קליין אידעלע, אויב אַ סך, איז ער 5 פוס מיט 2 אינטשעס הויך, און אַ שטימע האָט ער ווי אַ ליוב!

ווען נישט זיין שטימע, מיט זיין עברי, מיט זיין נוסח, וואָלט ער גאָר נישט ווערט געווען. ער איז נישט קיין גרינער ביים עמוד; ער האָט אַלע דריי לאַגעס וואָס אַ חזן דאַרף האָבן: אַן אויבערלאַגע, אַן אונטערלאַגע און אַ מיטעלע לאַגע. נאָר דאָס, וואָס ער איז אַזוי קליין געוואַקסן, געפעלט מיר נישט. פאַר דעם זעלבן געלט האָט ער דאָך געקענט זיין מיט אַנדערהאַלבן קעפּ העכער. ווי איך פאַרשטיי האָט ער, הפּנים, קיין צייט נישט געהאַט צו וואַקסן.

רופט זיך אָפּ אַ צווייטער איד, אַ ביסל אַ פאַנפעוואַטער:

— און איך, זעט איר, בין דוקא פאַרליבט אין בערעלע חגי! ער האָט אַ גלייכע שטים, נישט קיין צעבויגענע; ער מאַכט נישט קיין קונצן, קיין דריידלעך; האָט דעם אמתן גוסט, דאַוונט געשמאַק, מיט טעם, אידישלעך, האַרציק און זיין מיטעלע-לאַגע איז די בעסטע לאַגע פון אַלע לאַגעס; איך דענק, אַז קיין בעסערער ווי חגי איז גאָר נישטאָ. פינטשיק, למשל, מאַכט אַלערליי קונצן, דריידלעך, אַ חזן אַ קונצנמאַכער האָב איך פיינט.

— בע! — פאַלט אריין אַ דריטער איד — בע! ביי מיר איז דודל רויטמאַן דער בעסטער חזן אין דער וועלט! זיין קרעכץ, זיין געוויין, איז ווערט מיליאָנען; אַזאַ זאַגער האָט נאָך נויאָרק נישט געהאַט. וואָס ער זאָגט, איז דאָס גאָלד און זילבער.

אָט האָט ער, נישט לאַנג צוריק, געזאָגט די באַמטע פון זיין שול, אַז ער וויל נאָך טויזנט דאָלער אַ יאָר.

אָט דאָס הייסט ביי מיר אַ גוטער זאָגער!

— און איך, זעט איר, גלייך נישט רויטמאַנען. ער האָט צופיל קנייטשן אין זיין שטימע. און אַ צעקנייטשטע שטימע אַפּעלירט נישט צו מיר.

— דאָס איז בלאָטע! — זאָגט דער ערשטער — קנייטשן קען מען זייער גרינג ארויסנעמען: מען מאַכט זיי נאַס און מען פרעסט זיי אויס. אַז מען קען אויספּרעסן אַ פּאָר הויזן, אַ מאַנטל, קען מען אַ שטימע אודאי אויספּרעסן! אָבער דערפאַר איז ער אַ איד, אַ מנגן. ער האָט אַן אונטערשטע לאַגע און אַ מיטעלע לאַגע. און פאַר אַזאַ חזן, וואָס איז נאָך נישט לאַנג אין אַמעריקע, איז דאָס זייער שיין.

— און ביי מיר איז נישטאָ קיין גרעסערער חזן ווי ס׳איז געווען יאָסעלע ראָזענבלאַט — ער האָט פאַרמאָגט אי אַן אויבערלאַגע, אי אַ מיטל לאַגע אי אַ פיאַנאָ. מען קען זאָגן, אַז ער אַליין איז געווען אַ גאַנצער אָרקעסטער — טענהט אַ איד מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ סך זומער־שפּרינקעלעך.

— און ביי מיר איז יאָסעלע ראָזענבלאַט נישט געווען קיין גרויסער חזן! ווען נישט זיין שטימע, זיין פיאַנאָ, זיין עברי, די שיינע באָרד און די שטעלע וואָס ער האָט געהאַט, וואָלט יאָסעלע נישט געווען יאָסעלע!

דאָס הייסט, ער וואָלט יאָ געווען יאָסעלע, נאָר נישט דער יאָסעלע וואָס מיר האָבן אַזוי גוט געקענט און געליבט!

אמת, אָבער ער האָט דאָך געדאַוונט אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, אַזוי באַ־טעמט! איך האָב אים געהערט זאָגן זיין ערשטן „אמר ר' אליעזר" איז דאָס ווערט געווען 10 דאָלער אַ טיקעט!

מישט זיך אַריין אַ איד.

— וואָס איז דער וואונדער, אַז ער האָט געקאָנט, ער האָט זיך דאָך אויסגעלערנט דאַווענען פון זיינע פאָנאָגראַף־רעקאָרדס!

— אַלע חזנים לערנען זיך פון זייערע רעקאָרדס, — מישט זיך אַריין נאָך אַ אידל, נישט קיין סימפּאַטישער — אַלע חזנים טוען דאָס אייגענע; פריער מאַכן זיי זיך רעקאָרדס און דערנאָך לערנען זיי זיך זינגען.

— אָבער צו קוואַרטינען קומט ער נישט, — טוט זיך איינער אַ וואָרף אַריין אין דער מיט.

— ער וואָלט זיכער געקומען צו אים, נאָר ער האָט ניט געהאַט זיין אַדרעס — ענטפערט דער ערשטער.

— אידיאָט! דו ווייסט נישט וואָס איך מיין, איך מיין... איך מיין... אַז יאָסעלע האָט נישט פאַרמאָגט קוואַרטינס לאַנג; איך מיין זיין מיטעלע לאַנג. קוואַרטינס מיטעלע לאַנג איז גאָר נישט אַפּצושאַצן! הייסט זיין זאָגן, זיין נוסח התפילה, זיין עברי! איך האָב געהערט קוואַרטינען זאָגן: „אָדם יסודו מעפר", האָט ער דאָרטן געצויגן אַ טאָן, איך זאָג דיר, איציק, אַז זייט איך לעב, זייט איך שטיי אויף מיינע פיס, האָב איך נאָך נישט געהערט אַז אַ חזן זאָל ציען אַזאַ לאַנגן טאָן... ער האָט אים געצויגן אַזוי לאַנג, אַז ער האָט זיך אפשר צען מאָל באַדאַרפט אָפּרוען ביז ער האָט אים געענדיקט.

אָט אַזאַ טאָן האָט ער געצויגן! דו שפּילסט זיך מיט קוואַר־טינען? הייסט זיין „אָבינו מלכנו," זיין „כי הני כחומר..." אַ קלייניקייט, קוואַרטין! און ווער האָט נאָך אַזאַ מיטעלע לאַנג ווי ער? און מיט דער אונטערשטער לאַנג דאַרף ער זיך אויך נישט שעמען; אַן אַנדער חזן וואָלט מיט קוואַרטינס אונטערשטער לאַנג אַליין געוואָרן אַ גוטער חזן.

— און איך זאָג, אַז אַזאַ חזן ווי הערשמאַן איז נישטאָ! ער האָט אַ שטים! ער האָט סחורה, ברידער. הערשמאַן באַזיצט אַלע

לאַגעס פון דער וועלט: אויבערשטע און אונטערשטע און מיטעלע...
ער האָט מער לאַגעס ווי 20 אַנדערע חזנים! ער דעקט צו מיט זיינע לאַגעס אַלע אַנדערע. יאָ, ברידער לעבן, אַ לאַגע שפּילט איינע פון די גרעסטע ראָלן ביי אַ חזן. אַ חזן אָן אַ לאַגע איז קיין חזן נישט.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ איד גאָר פון אַ זייט און אַ זאָג געטאָן:

— אַקעגן דעם וואָס איר זאָגט: לאַגעס... לאַגעס, שמאַגעס, פלאַגעס! אָט האָב איך אָן אָנקל, איז ער אַ גראָבער יונג, אָן עם הארץ, קען נישט דאַוונען, האָט נישט קיין שטימע, ווייסט נישט וואָס אַ שול איז און הלואי זענען מיר אַלע אין זיין לאַגע! ער האָט הייזער, אָן אַטאָמאָביל, אַ שיינע דינסט, געלט אויף מאָרטגעדזשעס...
און אַ צווייטן אָנקל האָב איך, ער וואוינט אין יאָנקערס, איז ער אָן איידעלער מענש, פאַרשטייט אַביסל מוזיק, קען לערנען, שרייבן, רעדן מיט אַ מענשן, איז אָך און אַז ווי צו זיין לאַגע! ער גייט פּשוט אויס פאַר הונגער!

פון אַלע זייטן האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען:

— דאָס איז גלאַט אַן אידיאָט!

מיין כאָר־דיריגענט

אנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט א שוואָגער. א שוואָגער צו א שוואָגער איז ניט גלייך.

אָט האָב איך א שוואָגער, וואָלט איך געספּענט הונדערט דאָלאר אין קעש, ער זאָל זיין אייער שוואָגער, נישט מיינער.

אזוי איז ער דוקא א וואוילער מענטש, א גוטער כאראקטער, א גוט הארץ, ווען ער האָט, גיט ער אייך אלץ אוועק. נאָר זייט איך קאָן אים, האָט ער נאָך קיינמאָל גאָרנישט געהאַט.

פון וואנען זאָל ער האָבן? אז זינט ער לעבט איז ער א קראַנקער, נישט קיין פארדינער און א פוילער.

איז ער דעריבער די גאנצע צייט געווען אין מיין הויז מיט זיין ווייב און קינדער און איך האָב זיי באדארפט אויסהאלטן מיט עסן און א געלעגער.

און קיין געבילדעטער מענטש איז ער אויך נישט. דער שוואָגער מיינער. קוים וואָס ער בראָדזשעט איבער א צייטונג.

פון שרייבן איז גאָר אָפּגערעדט. ביי אים איז שרייבן א גרעסערע קונסט ווי מוזיק און מאלעריי; נאָך שווערער ווי אויסצושעפּן דעם ים מיט א טיי־לעפעלע.

און דאָ שרייט די שוועסטער מיינע, אז זי איז אומגליקלעך; ער מאַכט קיין לעבן נישט; איך זאָל טרייען עפּעס טאָן.

מיין שוועסטער שרייט און וויינט און טענה'ט צו מיר: „עס וואָלט מיר ניט געאַרט דאָס הוסטן זיינס, און דאָס וואָס ער איז געל ווי וואקס און דאָס וואָס זיין הארץ כריפּעט און סקריפּעט ווי א שטומפּיקער זעג. ער איז נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער; פאראַן מיליאָנען אזעלכע מענער. נאָר דאָס, וואָס ער פארדינט נישט, אָט דאָס פארדריסט מיך!"

און דער שוואָגער, האָט אויך נישט געשוויגן. ער האָט מיך געהאלטן אין איין שטראָשען: אויב איך וועל עפּעס נישט טאָן פאר

אים, וועט ער מיר אָפּטאָן אַזאַ זאַך, אַז איך וועל זיך באַגראָבן פאַר שאַנדע: ער וועט ווערן אַ „כאַוועך".

ער וועט מיר אַזוי פאַרשוואַרצן דאָס פּנים, אַז איך וועל זיך נישט קאָנען ווייזן אין גאַס פאַר לייטישע מענטשן.

און דאָס קאָן נאָך פירן דערצו, אַז מען זאָל מיר אָפּזאָגן פון מיין שטעלע אין שול אַלס חזן.

וואָס פאַר אַ שול וועט עס וועלן האָבן אַ חזן, וואָס האָט אַ שוואָגער אַ „כאַוועך"?

אַז מיין פרוי, זאָל לעבן, האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן אויסער זיך, זי האָט נישט אויפגעהערט צו חלש'ן; מען האָט זי געמוזט באַגיסן מיט קאַלט וואַסער.

אַז זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי זיך גענומען בעטן ביי מיר, איך זאָל עפּעס טאָן פאַר אים; מאָטל איז דאָך אַ גולם, אַ בהמה, אַז ער זאָגט, אַז ער וועט ווערן אַ „כאַוועך", וועט ער ווערן; ער איז דען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס ער טוט? ער איז דאָך אַ מענטש אָן חכמות; מיט אַן אידיאָט טאָר מען זיך ניט זאַטשעפּן, און מיין פרוי, אַ לעבן אויף איר, האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— מער פעלט מיר נישט, נאָר האָבן אַ „כאַוועך" אין דער משפּחה.

האָב איך געזען, אַז ס'איז ביטער ווי גאַל, מיין נאַרישער שוואָגער קאָן מיר דאָ אַריינפירן אין אַ טיפער בלאָטע, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק; אַזוי ווי קראַנק איז ער, הוסטן הוסט ער, אַ פוילער איז ער, און שרייבן קאָן ער ניט, און רעדן צו אַ מענטשן קאָן ער אויך נישט, און אַ טאַטע פון פינף ווערים איז ער, און ווערן אַ „כאַוועך" וויל ער, איז די גלייכסטע זאַך פאַר אים, ער זאָל ווערן מיין כאָר־דירידזשענט; דער פירער פון מיין כאָר. דאָס וועט אים אַריינטראָגן אַ צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. וועט ער, ווי עס איז, מאַכן אַ שטיקל לעבן פאַר זיין ווייב און קינדער, וועט ער אַרויס־מופן פון מיין הויז און ווערן אַ מענטש. און דאָס וועט אים אויך אָפּהאַלטן פון ווערן אַ „כאַוועך".

אמת, ער קאָן ניט קיין עברי, פאַרשטייט נישט קיין נאָטן, האָט ניט קיין שטימע, האָט קיינמאָל ניט געלערנט קיין מוזיק —

אָבער ס׳מאַכט נישט. ער וועט ניט זיין דער ערשטער אויף׳ן יאַ־ריד, פאַראַן, ברוך השם, אין אמעריקא אַזעלכע אין די שווערע צענדליקער.

און וואו שטייט עס געשריבן, אַז אַזאַ איינער דאַרף פאַר־שטיין מוזיק? דאַרף קאָנען עברי? פירוש המלות? אַז ער פאַר־שטייט נישט, פאַרשטייט ער נישט, אָבער מאַכן מיט׳ן שטעקעלע וועט ער דאָך קענען.

די גרויסע תורה, וואָס עס שטעקט אין דעם? אַז ער קאָן דריי־ען אַ ספּאָדיק, אַז ער קאָן מיר און זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ און זיך אַרויסדרייען פון חובות, וועט ער אויך קאָנען דרייען מיטן שטעק־קעלע.

בקיצור, איך האָב אים געמאַכט פאַר מיין כאָר־דיריגענט אין מיין שול.

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב נישט קיין חרטה. ער האָט געמאַכט אַ סוקסעס.

אויב איר פוילט זיך נישט, קומט אַריבער שבת ראש חודש, אָדער צו די ערשטע סליחות, וועט איר זען מיין שוואָגער דרייען מיט׳ן שטעקעלע.

די באַאַמטע פון שול און אויך דער ראַבאַי זיינען באַגייסטערט פאַר אים. זיי, אַלס מבינים, זאָגן, אַז ער איז דער בעסטער דיריגענט, וואָס די שול האָט אַמאָל געהאַט.

אַזוי דרייען מיט׳ן שטעקעלע, ווי ער דרייט, האָט נאָך קיין איין דיריגענט נישט געדרייט.

אַז די צייטן וועלן זיך פאַרבעסערן, — זאָגן זיי, — וועט מען אים געבן אַ שיינעם רעיז און אים צושטעלן נאָך צוויי זינגער צום כאָר.

און דער ראַבאַי אַרבעט איצט מיט די באַלעבאַטים, אַז די שול זאָל אים, דעם שוואָגער מיינעם, מאַכן אַ שיינעם באַנקעט.

פאַרלאַנגט א משוגענעם

געפינט זיך אין ברוקלין א שול. רופט מען זי: „די אנשי דלות".

ס'איז ניט, חלילה, קיין אמת'ע שול, ווי אלע שולן, נאָר אַן אַלטע הילצערנע הויז, וואָס אַמאָל האָט דאָרט געוואוינט א זאָטל-מאכער. שפּעטער איז דאָרט געווען א שאָפּ פון קינדער-וועגעלאך. דערנאָך האָט דאָרט מיינער א לאַנדסמאַן געמאכט מאַטראַצן.

און ווי קליין די שול איז, אַט אַזעלכע גרויסע חובות האָט זי. זיי, די מיטגלידער פון דער חברה, זיינען אַלע אָרעמע לייט, דער רייכסטער פון זיי האָט ניט אויף שבת.

מאַטערן זיי זיך מיט דער שול, אַז גאָט מעג זיך אויף זיי דערבאַרעמען.

עס זיינען טאַקע פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן: „די שול איז דאָך גאָט'ס הויז, און אַז ס'איז גאָט'ס הויז, טאָ זאָל ער סעטלען דעם מאָרטגיידזש; וואָס זיינען מיר, אָרעמע לייט, מחויב אויס-צוצאָלן גאָט'ס הויז?"

אָבער די פרומערע אידן הייסן זיי ניט ריידן, וואָרים דאָס הייסט געזינדיקט, און א איד טאָר ניט זינדיקן.

מאַטערט מען זיך מיט'ן טויט ביז מען סעטלט א מאָרטגיידזש און מען באַצאָלט די פּראָצענט.

און וואו איז עלעקטריק און באַהייצונג און א שמש, און א שטיקל חזן, און גלאַט אַזוי הוצאות?

די הויפּט צרה מיט דער שול איז, וואָס זי האָט ניט קיין הכנסה, די עלטערע מענטשן קומען ניט דאַווענען, ווייל זיי האָבן מורא, אַז מען וועט זיי געבן אַן עליה, וועלן זיי מוזן עפּעס מנדר זיין, און ברויט איז וויכטיקער פון אַן עליה, און א מלבוש איז אויך נויטיקער. און די יוגנט וויל ניט קומען, מחמת די שול איז ניט קיין שול און דער חזן איז ניט קיין חזן און ס'איז ניטאָ קיין „פאָן".

וואָס מען האָט שוין ניט געטאָן אריינצוקריגן די יוגנט, און עס האָט ניט געהאָלפן! מען האָט שוין געמאַכט טענץ, מען האָט שוין אויסגעטיילט סאָדע־וואַסער מיט סענדוויטשעס, געשפּילט ענגלישע „סקעטשעס", און זי קומט ניט , די יוגנט.

פאַלט אַ מעמבער אויף אַ שכל: מען דאַרף אָנשטעלן, זאָגט ער, אַ ראַבאַי, אַ יונגן מאַן, וואָס קאָן ענגליש, וועט ער האַלטן ענגלישע דרשות, וועלן די יונגע לייט און מיידלאַך אָנהויבן באַזוכן די שול.

יאָ, נאָר אַ ראַבאַי קען אונדז ראַטעווען; נאָר אַ ראַבאַי.

פרעגט אַן אנדער מיטגליד אַ פראַגע:

— ווי קענען מיט אָנשטעלן אַ ראַבאַי, אַז מיר האָבן אפילו ניט קיין געלט פאַר'ן שמש, און מיר קאָנען ניט צאָלן דעם חזן, ניט די פּראָצענט אויף די מאָרטגיידזשעס? ווי קאָנען מיר זיך אונטערנעמען צו די אַלע צרות נאָך האָבן אַ ראַבאַי?

האָט מען אים געענטפערט:

— טאַקע דערפאַר וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט קיין געלט, און מיר באַצאָלן קיינעם ניט, לוינט זיך אונדז צו האָבן אַ ראַבאַי אויך! אזוי פיל כלי־קודש ווערן פאַרשווארצט, זאָל זיך מאַטערן נאָך איינער!

איז געבליבן אָנצושטעלן אַ ראַבאַי, וואָס זאָל ניט נעמען קיין שכירות.

האָט מען געקראָגן אַ צעטל פון יונגע אויסגעשטודירטע ראַבאַים און מען האָט אויסגעשיקט בריוו צו זיי, אויב זיי ווילן אָננעמען אַזאַ און אַזאַ שטעלע ביי דער חברה „אנשי דלות".

האָבן זיי, כמעט אַלע, געענטפערט מיט איין טאָן:

„מיר האָבן געהערט פון אייער חברה, און מיר ווייסן, אַז איר זייט גרויסע אָרעמע לייט און איר קאָנט ניט באַצאָלן קיין ראַבאַי, דערווייל זיינען מיר נאָך ניט משוגע; בלויז אַ משוגענער וועט אָננעמען אַזאַ שטעלע ביי אייך, ניט קיין קלאָרער; זוכט זיך אַ משוגענעם!"

רופט זיך אָפּ דער פּרעזידענט (אַ איד, וואָס שטייט מיט „אמברעלאַס" אין גאַס, ווען עס רעגנט):

— ברידער, אפשר וואָלט טאַקע זיין אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן זיך ווענדן אין די משוגעים הייזער נאָך אַ ראַבאַי? אַז קיין קלאָרע ווילן ניט אָננעמען. אמאָל קאָן מען צווישן די אמת'ע משוגעים, טרעפן אַ גאַנץ גוטן ראַבאַי; מ'קאָן גאָרנישט וויסן, מ'דאַרף פּרואוון.

ערווײלט מען אַ קאָמיטע פון זיבן, די שענסטע באַלעבאַטים, און מען גיט זיי דאָס „פולע רעכט" צו האַנדלען ווי זיי וועלן פאַר־שטיין, און די זיבענער קאָמיטע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פאַר־שיידענע דולהייזער זוכן אַ ראַבאַי פאַר זייער שול.

אין איין משוגעים־הויז האָבן די דאָקטוירים אויסגערופן, הויך אויפ'ן קול:

— חברה, ווער פון אייך וויל אָננעמען אַ שטעלע אַלס אַ ראַבאַי ביי דער קאָנגרעגיישן „אנשי דלות"?

האָט זיך קיינער ניט אָנגערופן.

אין אַן אַנדער משוגעים־הויז האָט זיך אַרויסגעכאַפּט סך הכל איין יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געריסן אָנצונעמען די שטעלע. האָט דער הויפּט־דאָקטאָר געזאָגט צו דער קאָמיטע: „איר זעט דאָך, מיינע הערן, אַז דאָס איז אַ געפערלאַכער משוגענער."

„מיר זעען דאָס" — האָט די קאָמיטע געענטפערט.

„ער איז שוין, נעבעך, אַ פאַרפאַלענער" — האָט ווייטער גערעט דער דאָקטאָר — „מיר האָבן גאָר אַליין ניט געוואוסט ווי וויט משוגע ער איז".

אָט אַזוי זיינען זיי אַרומגעגאַנגען פון איין משוגעים־הויז אין צווייטן, און זיי האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין ראַבאַי. די, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָננעמען, זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר קלאָרע, און די, וואָס האָבן יאָ געוואָלט אָננעמען, זיינען ערקלערט געוואָרן פאַר געפערלאַכע משוגעים, טאָ ווי קענען אַזעלכע משוגעים זיין די „גייסטיקע פירער" פון דער אידעשער יוגנט,

האָט די חברה ווידער געהאַט אַ מיטינג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דיזעלבע זיבענער קאָמיטע זאָל ווייטער זוכן.

דערווייל איז נאָך אַזאַ איינער ניטאָ, אָבער מען רעכנט אים מיט דער צייט צו קריגן.

אין אַ דייטשן טעמפּל

אַז איך וויל נישט דאַווענען, גיי איך אין אַ דייטשן טעמפּל.

אַז איך וויל זען ווי מען מאַכט חוזק פון אידישקייט, כאַפּ איך זיך אַריין צו די דייטשע יאַהודים צו גאָטעס־דינסט.

אַז איך וויל הערן שבת שפּילן אַן אָרגל און שיקסעס זינגען, טו איך אַ לויף אַריין צו אונזערע רעפאָרמירטע ברידער.

אָט אַזוי איז אַלע מאָל און אָט אַזוי איז אויך געווען פאַר־גאַנגענעם שבת.

אין דרויסן האָט גערעגנט, וואו צו גיין איז ניט געווען. די פרוי מיינע איז אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן, ניט גערעדט, ניט גע־שמייכלט, ניט געגעבן קיין עסן, האָב איך געכאַפּט דאָס היטל אויפ׳ן קאָפּ, דעם רעגנשירם אין האַנט און אוועק אין דייטשן טעמפּל.

אוועק בין איך צופוס. נישט דערפאַר וואָס איך פאָר נישט אום שבת, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס ביי מיר איז דער גאַנצער טעמפּל מיט אַלע יאַהודים, מיט׳ן ראַבינער, מיט אַלע שיקסעס, נישט ווערט קיין פינף סענט.

אַריינגעקומען אין טעמפּל, האָבן שוין די שיקסעס געדאַוונט שחרית און דער ראַבינער זייערער האָט געשלונגען איטלעכעס וואָרט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אָרגל האָט אויך ניט געשוויגן, ער האָט אַרויסגעהאָלפן די שיקסעס. ס׳איז דאָך נאָך אַלעמען ניט שיין אַרויפצולייגן אַלע תפילות אויף שיקסעס.

די צוהערער מיט די צוהערערקעס זיינען בעשטאַנען ניינציק פּראָצענט פון אַלטע דייטשן מיט באַקן־בערד און גלאַנציקע פּליכעס און אַלטע איינגעשרומפּענע דייטשקעס מיט פּנים׳ער פון מכשפות.

דאָס איינציקע וואָס מיר איז געפעלן פון זיי, איז דאָס רואיג־קייט. זיי זיינען געזעסן שטיל, מיט יראת הכבוד, מיט טיפער אַכ־טונג צום טעמפּל.

זיי האָבן נישט גערעט, נישט געשפּיגן אויפ'ן קאַרפּעט. ניט גענאָסן, נישט געהוסט, נישט געגענעצט און נישט גערעט וועגן ריעל עסטייט.

דאָס איז מיר זייער שטאַרק געפעלן. ווייטער גאָרנישט.

אפילו די שיקסעס זיינען מיר ניט געפעלן.

שאַ, וואָס איז דאָס פאַר א נייעס? ביים סאַמע טיר אין אַ ווינ־קעלע זע איך א סטענד מיט סיגאַרן און סיגאַרעטס. איז דאָס אַ חלום? ניין, ס'איז נישט קיין חלום. ס'איז אמת.

איז דאָס מעגלעך, האָב איך געטראַכט, אז איך געפין זיך אין אַ מקום קדוש? איז דאָס מעגלעך, אַז היינט איז שבת?

איך קוק ווייטער, זע איך ווי דער בעל הבית פון סיגאַר־געשעפטל איז אן אַלטער אויסגעמוטשעטער דייטש, מיט אַ געל־פּאַרמעטן פנים. ער האָט גיכער אויסגעזען ווי א מת וואָס מען האָט פאַרגעסן מקבר צו זיין.

נאָך „גאָטעס־דינסט" איז דער דייטש פונם סטענד געוואָרן ביזי.

שטעל איך אָפּ דעם שמש פונם טעמפּל און איך פרעג אים אויף מיין גאַליציאַנער דייטש: — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סיגאַר־געשעפט אין אַ אידישן טעמפּל? און וואָס פאַר אַ ביזי איז דאָס פּלוצים געוואָרן מיט איין מאָל?

האָט מיר דער שמש דערקלערט אין זיין דייטשישן לשון:

דער מאַן וואָס האַלט דעם סיגאַר־סטענד איז אַן אַלטער טעמפּל מעמבער. איז ער קראַנק געוואָרן, האָט אים דער דאָקטאָר געהייסן אויפהערן ארבעטן אין פאַבריק. האָט ער געפאָלגט דעם דאָקטאָר. אָבער ער האָט זיך נישט געהאַט צו וואָס צו נעמען; קיין געלט האָט ער אויך נישט געהאַט. האָבן די בעאַמטע פונ'ם טעמפּל געהאַט אַ ספּעציעלן מיטינג און זיי האָבן באַשלאָסן אים איינצופיקסן ביים אריינגאַנג פון טעמפּל אַ סיגאַר־סטענד.

— שטייט ער ביים סטענד אַ גאַנצע וואָך, אָדער בלויז שבת? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— בלויז שבת און יום טוב. אַ גאַנצע וואָך איז אונזער טעמפּל פאַרמאַכט. אָבער עס מאַכט נישט, די וואָס קומען שבת צו גאָטעס־דינסט, גרייטן זיך אָן סיגאַרן און סיגאַרעטס אויף אַ גאַנצע וואָך.

— און וואָס טוען די וואָס גייען נישט צו גאָטעס־דינסט, נאָר צו זייער טאַטענס־דינסט?

האָט מיך דער דייטשישער שמש אָנגעקוקט מיט זיינע נאַרישע דייטשע אויגן און מיר געענטפערט: „איך וויסע ניכט וואַסס איהנען צו אַנטוואָרטען".

איך האָב אָבער דעם נאַרישן שמש מיט די צוויי גרויע „באַקן־באָרדן" נישט אָפּגעלאָזט:

— מאַכט ער פון דעם סטענדל א לעבן, אָדער שטאַרבט ער פאַר הונגער?

— ער מאַכט א שיין לעבן — האָט מיר דער שמש געענטפערט שטאָלץ — יום כפור אליין מאַכט ער זיינע פופציק דאָלאַר פּראָפיט. דאָס איז זיין בעסטער טאָג פון יאָר. איצט וויל מען אים דאָס גע־שעפט פאַרגרעסערן. מען גייט אים צושטעלן נאָך א פּאָר אַרטיקלען: קענדי און אייז־קרים. אַזוי ווי עס גייט צו זומער וועט ער מאַכן געלט. אויב עס זאָל זיך א מאָך טאָן פינף אָדער זעקס הייסע שבתים, וועט ער רייך ווערן.

רוף איך מיך אָפּ צום שמש:

— פאַר וואָס זאָל ער אויך נישט האָבן צו פאַרקויפן אַלע נוי־טיקע אַרטיקלען צו אַטאָמאָבילן? אייערע מעמבערס קומען דאָך מערסטנס צופאָרן אויף מאַשינען יעדן שבת צום דאַווענען, וועלן זיי אים געבן צולייזן. דער א טרובע, יענער א טייער, א דריטער א סווירטש לייט, א פערטער עטלעכע גאַלאָן גאַזאָלין — וועט ער דאָך זיין א פאַרזאָרגטער מענטש.

„ס'איז יאָ איין גוטער פּלאַן!" — האָט מיר דער שמש געמאַכט א קאָמפּלימענט — „איך וועל איהרען געשייטען פּלאַן פיר אונזערען בעאַמטען פאָרלייגען צו דער נעקסטער פערזאַמלונג".

דער שמש האָט מיר געזאָגט: א „גוטען טאָג" און איך האָב אים געענטפערט:

„יאָ וואָהל".

אַ נייע פּיעסע

כאַפּט מיך אָן מנשה, דער מאָדערנער פּיעסן שרייבער, פאַר אַן ארבל, שלעפּט מיך אריין אין א וויין קעלער, הייסט דערלאַנגען א קריגל וויין און ניס, און ער דערציילט מיר אַזאַ מעשה:

— שרייבן זאָל מען נאָר פאַר די גוים. זיי פאַרשטייען און באַצאָלן גוט. וואָס א גוי'אישער דראַמאַטורג נעמט אָפּ פאַר איין טעאַטער־שטיק, נעמען מיר, אידישע דראַמאַטורגן, דאָס נישט אָפּ פאַר 25 טעאַטער־שטיק. איך האָב אליין געלייענט אין די צייטונגען, אַז א געוויסער גוי'אישער שרייבער האָט געמאַכט פון איין פּיעסע א האלבן מיליאָן דאָלאַר און ער וועט נאָך מאַכן און מאַכן, זיין פּיעסע גייט נאָך און וועט נאָך גיין.

וויפל פּיעסן דאַרף איך אָנשרייבן אויף צו מאַכן א האַלבן מיליאָן דאָלאַר? איך האָב נישט אַזוי פיל האָר אין קאָפּ.

נאָר וואָס טויג דאָ דער ברייען, הערט אומישנע אוים די געשיכטע, וועט איר עס אליין צוגעבן.

איך האָב זעקס חדשים צייט שווער און ביטער געאַרבעט אויף איין פּיעסע. נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נישט געמאַכט זיך א וואַנע, נישט געווען אין קיין טעאַטער, ביי קיין קאָנצערט, נישט גערעט מיט מיין ווייב, נישט געצאָלט קיין חובות, גאָרנישט! נאָר געזעסן טאָג און נאַכט און געאַרבעט: געשריבן און געמעקט און ווייטער געשריבן און ווידער געמעקט, ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן.

א נאָמען האָט די פּיעסע געהאַט זייער אַ גוטן, דעם בעסטן און דעם שענסטן. — „פּנחס דער טשייניק־האַקער".

פאַרטיק געמאַכט די פּיעסע, לאָז איך באַלד וויסן אַלע אידישע טעאַטערס: אַז איך, מנשה, האָב פאַרטיק אַ נייע פּיעסע, עס איז נאָך אַזעלכעס נישט געווען זייט דאָס אידישע טעאַטער לעבט און וועט לעבן; איילט זיך צו און קויפט אָפּ ביי מיר דאָס גרויסע מייסטערווערק. די פּיעסע האָט פיר געזונטע, שטאַרקע אַקטן, צום לאַכן און צום וויי־

נען. איר וועט מאַכן שטיקער גאָלד; דער עולם וועט לויפן אויף אַלע פיר. איך גיב אייך אַ גאַראַנטי שוואַרץ אויף ווייס, אַז פּנחס דער טשייניק־האַקער וועט ביי אייך לויפן און קיין מאָל נישט אויפהערן צו לויפן.

האָבן דאָך די טעאַטער מענעדזשערס באַלד באַדאַרפט מיך אָפּ־רופן דורכ׳ן טעלעפאָן, אָדער שרייבן אַ בריוול, אָדער קומען אין הויז אריין פאַרהאַנדלען מיט מיר. הויבט זיך נישט אָן און עס לאָזט זיך נישט אויס!

איך וואַרט אַ וואָך און צוויי און דריי און אַ חודש און דריי חדשים, — שאַ, שטיל.

הויב איך שוין אָן גיין צו זיי. איז איינער אין די בערג; אַ צווייטער האָט נישט קיין צייט; אַ דריטער לאָזט ווּסן, אַז ער ווייסט נאָך נישט וואָס עס וועט ווערן פון זיין טעאַטער און אַ פערטער הייסט מיר קומען אין אַ חודש אַרום.

צוויי פּאָר שיך האָב איך צוריסן ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ מענעדזשער. איבערגעלייענט פאַר אים די פּיעסע. פּאַרטיק גע־וואָרן, זאָגט ער צו מיר: „אייער פּיעסע איז נישט אָריגינעל. יעדער אַקט באַזונדער איז געגנבעט ביי אַן אַנדערן דראַמאַטורג: דער ערשטער אַקט איז פון יעקב גאָרדין׳ס „מירעלע אפרת״, דער צווייטער אַקט איז פון ליבין׳ס „צעבראָכענע הערצער״ ; דער דריטער אַקט איז פון שלום עליכם׳ס „שווער צו זיין אַ איד״ און דער פערטער אַקט איז פון „רבין׳ס ניגון״.

האָב איך דאָך געזען, אַז דער מענעדזשער איז ניט קיין גרינער, אַז ער ווייסט וואָס ער רעט, אַז מען קאָן אים נישט פירן אין באָד אריין, האָב איך זיך אונטערגעגעבן; וואָס וועל איך לייקענען, וואָס? אַז אַ מענטש טרעפט, דאַרף מען צוגעבן, אַז ער האָט געטראָפן.

— איר האָט רעכט — זאָג איך צו אים — איר האָט אַן אייזער־נעם זכרון. אָבער דאָס באַווייזט נאָך נישט, זאָג איך, אַז די פּיעסע טויג נישט; פאַרקערט: דאָס באַווייזט, אַז דאָס איז זייער אַ געלונגענע זאַך. פיר פּיעסן אין איין פּיעסע. אַזאַ שטיק קאָן אייך שטעלן אויף די פיס. איר וועט אויסצאָלן אַלע אייערע חובות און חובות, ווי איך פאַרשטיי, האָט איר גענוג; וועט אייך מיין פּיעסע שטעלן אויף די פיס. . . נאָך אַ זאַך: אייער סטאַר וועט אין יעדן אַקט זיין אַן אַנדער

מענטש. דער עולם וועט אים נישט דערקענען. אין ערשטן אַקט וועט ער פּאַרקומען פאַר „מירעלען״; אין צווייטן אַקט פאַר אַן אַלטן טאַטן; אין דריטן אַקט פאַר אַ רוסישן שייגעץ און אין פערטן אַקט פאַר אַ יונגן רב׳עלע... דאָס וועט אייך אויך געבען אַ מעגלעכקייט פאַר שיינע דעקאָראַציעס, פאַר שיינע מוזיק און טענץ... און טאָמער וועט אייך מיאוס ווערן די פּיעסע, נאָך דעם ווי זי וועט אָפּלויפן אַ פּאָר יאָר, קאָנט איר ערשט שפּעטער שפּילן יעדן אַקט באַזונדער. וועט איר האָבן פיר איין־אַקטערס, דערנאָך ערשט קאָנט איר יעדן איין אַקטער אַריינשטעלן אין אַן אַנדער פּיעסע. וועט איר ראַטעווען פיר באַזונדערע פּיעסן.

אָבער דער מענעדזשער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין פּלאַן: אַזוי ווי די פּיעסע איז איצט, איז זי נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי, האָט ער געזאָגט.

— אפשר דאַרף מען זי אַ פיקס טאָן, — פרעג איך דעם מענעדזשער — אויב יאָ, קאָן איך אַרויסוואַרפן איין אַקט און אַריינשטעלן אַן אַנדער אַקט. פאַראַן פּלענטי אַקטן ביי די אידישע דראַמאַטורגן.

דער סוף איז געווען זייער נישט קיין שיינער: דער מענעדזשער האָט אַריינגערופן דעם פּאַלאַק וואָס פּאַסט אויף אויף די „סטים״ וואָס נעמט צונויף אַלע שמוץ און ער האָט מיך אַרויסגעוואָרפען.

אין צוויי מינוט צייט בין איך שוין געשטאַנען אין דרויסן, מענטשן אַרום מיר און די פּיעסע מיינע, וואָס איך האָב אַ האַלב יאָר געאַרבעט אויף איר, איז געלעגן לעבן מיר אין דער בלאָטע.

איך בין געשטאַנען אַ צוטומעלטער, אַ פאַרשעמטער, נישט געוואוסט וואָס עם טוט זיך מיט מיר. פאַר די אויגן האָבן זיך געדרייט בלאָע רעדער... די באַקן האָבן געפלאַמט... דאָס האַרץ האָט געהאַמערט... און צו מיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן דעם מענעדזשער׳ס קול:

— שוין, אַ דאַנקן גאָט, היינט אַרויסגעוואָרפן דעם דריטן קריינק!

איז מיר געוואָרן אַ קאַפּ גרינגער אויפן האַרצן... אַבי נישט דער ערשטער, האָב איך זיך געטרייסט און געפרייט... דאָס באַווייזט — אַז אידן שרייבן, קיין עין הרע, אַ סך פּיעסן...

נו, פרעג איך אייך: לוינט זיך צו שרייבן פאַר׳ן אידישן טעאַטער?

אומזיסט געוויינט

(אַ טעאַטער מעשהלע)

„...ווען איר גילט מיך אָפּ גיי איך נישט מער אין אידישן טעאַטער! דאָס איינע מאָל, וואָס איך בין געווען — איז אויך געווען איבעריק, וואס האב איך געקענט וויסן?

„איך האָב זיך אָפּגעבריט איינמאָל און געגנוג. און ווייסט איר וועמעס שולד דאָס איז געווען? אריה־ליב דעם שוחטס! ער האָט עס מיר אַריינגערוקט אַ בילעט צו אַ בענעפיט פון זיין שול, וואו ער איז אַ שטיקל באַאמטער. ער קומט צו מיר צו טאקע אין שול, נאָך מנחה און ער גיט מיר אַ בילעט און נעמט מיר איינשמועסן, — ר' סענדער־ברוך, נעמט דאָס בילעטל. עס וועט אייך סך־הכל קאָסטן איין דאָלער. דאָס געלט וועט גיין פאַר אונזער תלמוד־תורה, ווייל מיר מוזן האָבן געלט צו באַצאָלן דעם לערער. ער איז, נעבעך, אַ פאַרהייראַטער איד און ער האָט אַ ווייב מיט עטלעכע קינדער, און ער גייט ממש אוים פאַר הונגער דריי מאָל אַ טאָג. מאַכן מיר אַ בענעפיט אין אַ אידיש טעאַטער, אַז מירן מאַכן פּראָפיט, וועט מען קענען באַצאָלן דעם לערער און די תלמוד תורה וועט ווייטער קענען לעבן. טאָ גיט מיר שוין אַ דאָלער און נאַט אייך דעם בילעט און גייט אין טעאַטער און האָט הנאה. אייער ווייב, ר' סענדער־ברוך, דאַרפט איר נישט מיטנעמען, ווייל איר וועט קיין הנאה נישט האָבן... וואָס מען וועט שפּילן ווייס איך נישט; אָבער אַז מען וועט שפּילן אַ טרויעריקע זאַך, דאָס ווייס איך. מחמת דער פּרעזידענט פון שול האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס שטיק, וואָס מען וועט שפּילן, איז אַ בילד, וואו עלטערן ווערן ארויסגעטריבן פון זייערע קינדער ווינטער אין אַ גרויסן שניי, אין אַ ווינט, אין אַ רעגן, און דאָס גאַנצע פאַרמעגן זייערס נעמען צו די קינדער, און זיי פאַרטאַכלעווען דאָס. עס איז אַ טרויערדיקע זאַך. מען הערט נישט אויף צו וויינען. דאָס גאַנצע טעאַטער וויקט זיך אין טרערן. קויפט דאָס בילעטל, ר' סענדער־ברוך, איר וועט הנאה האָבן!"

„און אַט זיץ איך מיר שוין אין טעאַטער אויף מיין אָרט, ארום מיר מענטשן און מען שמועסט און מען לאַכט און מען עסט טשאָקאָלאַד און מען טרינקט סאָדע־וואַסער — אַ חתונה!

„אַפילו אין דער הויך, איבער מיין קאָפּ, זיצן אויך מענטשן, און איבער יענע מענטשן, נאָך העכער, זיצן אויך מענטשן, און אַלע רעדן, און אַלע פּילדערן און אַלע עסן; נאָר מען עסט! איך זיץ און איך וואונדער זיך: ווי קענען מענטשן עסן און טרינקען און זיך פרייען, ווען מען גייט באַלד אַרויסטרייבן טאַטע־מאַמען אין אַזאַ קאַלטער ווינטער־נאַכט? מען דאַרף דאָך האָבן שטיינערנע הערצער! מילא, טראַכט איך מיר, ס'איז דאָך אַמעריקע, דאָ ווערט דאָס בעסטע האַרץ פאַרשטיינערט.

און אַט ווערט פינצטער. איינער, הינטער מיר, שרייט: מיסטער, מיסטער, נעמט, זייט מוחל, אַרונטער אייער קאַפּעליוש, איר פאַר־שטעלט די שאָו".

„האָב איך אים געהערט ווי המן דעם גראַגער; אַט גיי איך טאַקע זיצן אין אַ טעאַטער, צווישן אַזוי פיל מענטשן אָן אַ קאַפּעליוש. מער פעלט מיר נישט, סענדער־ברוך דער סופר אָן אַ קאַפּעליוש.

„און אַט הויבט זיך אָן די שפּיל; עס ווערט שטילער. איך קוק און איך וואַרט און איך דריי דעם קאָפּ פון אַלע זייטן, מחמת אַקעגן מיר איז אויסגעקומען אַ דיקער סלופּ, האָב איך נישט געקענט זען; האָב איך געמוזט דרייען דעם קאָפּ רעכטס און לינקס.

„דערווייל, ביז וואָס ווען, האָב איך שוין גענומען וויינען. די מענטשן אַרום מיר האָבן מיך געפרעגט: „מיסטער, וואָס וויינט איר?" האָב איך זיי געענטפערט: „ווי קען מען זיך איינהאַלטן פון נישט וויינען, אַז אייגענע קינדער טרייבן אַרויס זייערע עלטערן אין אַזאַ קעלט?"

„און איך האָב זיך ערשט ריכטיק צעוויינט. די מענטשן האָבן געלאַכט, געכאַכאַטשעט, מיך גערופן: „גרינהאָרן", אָבער איך האָב זיך נישט געמאַכט קיין צימעס פון זיי; פּראָסטע מענטשן, לאַכן; אַ מענטש, אַן עדעלער, אַ זיידענער, לאַכט נישט.

און וואָס ווייטער די שפּיל האָט זיך געשפּילט, אַלץ שטאַרקער האָב איך געוויינט.

„און דער גאַנצער עולם פון טעאַטער האָט דווקא געלאַכט. האָב איך זיך געטראַכט: זיי לאַכן, ווייל זיי פאַרשטייען נישט; ווייל זיי האָבן קיין רחמנות נישט אויף טאַטע־מאַמע; ווייל זיי זענען פאַר־גרעבט.

„אמת, איך האָב נאָך נישט געזען דאָס בילד, וואו מען טרייבט ארויס די עלטערן אין אַ ביטערער קעלט. אָבער איך האָב זיך גע־ריכט אויף דעם; איך האָב געוואוסט, אַז עס דאַרף קומען. אריה־ליב דער שוחט וועט מיך נישט פאַרפירן. ער האָט דאָך דאָס אליין געהערט פונם פּרעזידענט פון זיין שול.

„דער סוף איז געווען, אַז איך בין אָפּגעזעסן אין טעאַטער באַלד ביז צוועלף אַזייגער און מען האָט די עלטערן נישט ארויסגעטריבן. פאַרוואָס ווייס איך נישט; עס קען זיין, אַז די קינדער האָבן זיך באַרעכנט, אַז ס'איז נישט שיין פאַר דער וועלט.

„אויף מאָרגן צום דאַוונען, טרעף איך אָן אריה־לייבן. ער איז געשטאַנען און צונויפגעלייגט דעם טלית.

„נו, ווי איז איך געפעלן?" — פרעגט אריה־ליב.

„מיר איז עס זייער געפעלן, דער עיקר דאָס, וואָס די קינדער האָבן נעכטן געהאַט איינזעעניש מיט די עלטערן, מען האָט זיי נישט ארויסגעטריבן פון הויז. דערווייל האָב איך זיך אָנגעוויינט ווי אַ פּויק. די גאַנצע צייט האָב איך געוויינט."

„האָט זיך אריה־ליב שטאַרק צעלאַכט:

„וואָס הייסט, איר האָט געוויינט? מען האָט דאָך געשפּילט אַ קאָמעדיע. אַ זאַך צום לאַכן, און איר האָט גאָר געוויינט?"

„וואָס ווייס איך? איר האָט מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף וויינען, האָב איך געוויינט!"

„זאָגט אריה־ליב:

„אין דער לעצטער מינוט האָט דאָס טעאַטער געביטן דאָס שטיק, מחמת דער הויפּט־עקטער איז קראַנק געוואָרן, איר פאַרשטייט?"

„ווער האָט עס געזאָלט וויסן? ווען איר זאָגט עס מיר נעכטן, אין טעאַטער, וואָלט איך אפשר אויך געלאַכט גלייך מיט אַלעמען. גיי ווייס, אַז מען וועט נישט שפּילן די ריכטיקע זאַך!"

„האָט עס אריה־ליב דערציילט די אַנדערע אידן אין שול, האָבן זיי אַלע געלאַכט פון מיר.

יוסף מיט זיינע ברידער

(אַ טעאַטער מעשהלע)

צוועלף אידישע טעאַטערס זיינען דעמאָלט געווען; צוועלף קונסט־ טעמפּלען.

אַמעריקע האָט זיך דעמאָלט געבאָדן אין מילך און אין האָניק. מענטשן האָבן געשאַרט געלט מיט גרויסע לאָפּעטעס און געשאָטן אין זעק. האָט מען זיך געלאָזן וואוילגיין; איז מען טאָג ווי נאַכט אָפּגעלעגן אין די טעאַטערס און געהאַט פּלעזשור.

מען האָט געצאָלט צוויי און דריי און פיר דאָלער פאַר אַ בילעט. זיינען די באַלעבאַטים פון די טעאַטערס רייך געוואָרן.

אָט אין יענער צייט האָט זיך געטראָפן די מעשה וואָס איך גיי אייך איצט דערציילן:

איין טעאַטער האָט אויפגעזוכט די אַלטע ביבלישע פּיעסע: „יוסף מיט זיינע ברידער" און זי גענומען שפּילן מיט פּראַכט און גלאַנץ פאַר פולע הייזער און פולע קאַסעס.

שיינע סינערים, שיינע מוזיק און נאָך שענערע טענץ האָבן געמאַכט „יוסף מיט זיינע ברידער" פאַר אַ גרויסן סוקסעס.

האָבן די מענעדזשערס פון די אַנדערע אידישע טעאַטערס געזען, אַז מען מאַכט אַ סך געלט פון „יוסף מיט זיינע ברידער", האָבן זיי אויך באַשלאָסן צו שפּילן „יוסף מיט זיינע ברידער". נאָר וואָס־זשע דען, מען דאַרף עס אויפפירן רייכער, שענער, מיט מער גלאַנץ און פּראַכט. מאַכט מען שענערע סינערים, זעצט מען אַוועק אַ גרעסערן אָרקעסטער, שטעלט מען צו נאָך צען האַלב־נאַקעטע מייד־ לעך מיט די פּייקלעך אין די הענט. זאָלן זיי טאַנצן, זאָלן זיי הויבן די פיס, זאָלן אידן הנאה האָבן פאַר זייער געלט; וואַי נאָט?

הקיצור, כמעט אַלע מענעדזשערס פון אַלע אידישע טעאַטערס האָבן געשטעלט „יוסף מיט די ברידער" און געשאַרט גאָלד.

— פע! פּאַסקודנע! — טראַכט זיך דער ערשטער מענעדזשער — וואָס הייסט, זיי ווילן מיט מיר קאָנקורירן? איך וועל זיי וויזן

װער עלטער איז; איך װעל זיך פון זיי נישט לאָזן. — און ער גיט א באַפעל צוצושטעלן נאָך פינף ברידער צו דער פּיעסע.

אַנשטאָט יוסף זאָל האָבן עלף ברידער, װעדליק דעם חומש, זאָל ער האָבן זעכצן ברידער. מיט יוספן זאָל זיין זיבעצן; אזוי װיל ער. ער װעט זיי װייזן, די זשוליקעס פון יענע טעאַטערס, אז ער איז ניט קיין שיפּע זיבעטל!

אַז דער מענעדזשער הייסט, איז פאַרפאַלן; זיין װאָרט איז א געזעץ; ער צאָלט דאָך די װעידזשעס, די שכירות.

די טענות פון מאַנכע שױשפּילער, אַז יוסף האָט מער נישט געהאַט װי עלף ברידער, האָט נישט געהאָלפן; ער, דער מענעדזשער, פייפט אויפן חומש; מאַלע װאָס דער חומש זאָגט! דער חומש איז געשריבן געװאָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק און ער האָט זיין טעאַטער היינט.

הכלל מען האָט אים געפאָלגט און געשפּילט „יוסף מיט זעכצן ברידער".

איז װידער געװאָרן א סומאַטאָכע צװישן די אַנדערע מע־נעדזשערס: „סטייטש, ער װעט דאָך אונדז אַרױסטרייבן פון די ביז־נעס! מען מוז אים „ביטן"!

האָט איין טעאַטער געגומען אַריבערשטייגן דעם צװייטן טעאַטער מיט דער אויפפירונג. איז געקומען א בראָנזװילער טעאַטער און צו־געשטעלט נאָך פיר ברידער צו יוספן; איז אויסגעקומען, אַז יעקב אבינו האָט געהאַט צװאַנציק זין, נישט צװעלף.

האָט א טעאַטער מענעדזשער אין האַרלעם געהערט, אַז בראָנז־װיל שפּילט יוסף מיט צװאַנציק ברידער, האָט ער געשטעלט מיט דריי ברידער מער.

האָט שיקאַגאָ דערהערט װאָס אין ניויאָרק טוט זיך, האָט דער דאָרטיקער טעאַטער מענעדזשער קיין סך נישט געטראַכט און אַרי־בערגעבראָנגט צו זיך יוסף מיט די ברידער פון בראָנזװיל. נאָר מיט זעקס מער. הייסט עס, אַז אין שיקאַגאָ האָט מען שוין געשפּילט יוסף מיט ניין און צװאַנציק ברידער.

אָט אזוי, װי איר הערט, האָט זיך די קאָנקורענץ אין יענער צייט צעפלאַקערט צװישן אַלע אידישע טעאַטערס. עס איז געגאַנגען אויף אזוי װייט, אַז װען מען האָט אויפגעהערט שפּילן „יוסף מיט

זיינע ברידער", האט שוין איין טעאטער געהאט ניט וווינציקער ווי איין און פופציק ברידער און פערציק מיידלעך אין די מוטע חוה'ס קליידער.

שפּעטער האט אויסגעבראָכן א מלחמה צווישן די אידישע טע־אַטער־קריטיקער וועגן דער פּיעסע.

מאנכע האבן געזאגט, אז די פּיעסע איז אוועק גוט צוליב די שיינע מיידלעך און זייערע טענץ, און אנדערע האבן באהויפּטעט, אז דאס וואס מען האט צוגעשטעלט יעדע נאכט מער ברידער צו יוספן, אט דאס האט געראטעוועט די פּיעסע.

די טעאטער יוניאן איז גלאט געווען באגייסטערט. דערווייל האט מען באשעפטיקט אלע ארבעטסלאזע מיטגלידער; אכציק פּראָ־צענט פון זיי זיינען געווארן יוספס ברידער.

אין יענער צייט האט די אקטיארן יוניאן נאך נישט אריינגענומען אזויפיל נייע מיטגלידער ווי איצט. ווען זי טוט דאס דעמאלט, וואלט יוסף געהאט נאך מער ברידער.

איצטער גייען ארום די מענעדזשערס פון יענע טעאטערס אזוי ווי שאטנס און זיי זיפצן: אך, איז דאס געווען א גאלדענע צייט!

מתן תורה

קריג איך אריינגעשיקט א „פעס" פון שמעלקעס טעאטער אין איינעם מיט א בריוול:

„קומט זען אונדזער „נייעם סוקסעס". זינט דאָס אידישער טעאַטער לעבט, האָט עס נאָך אזא פּיעסע נישט געהאַט. די פּיעסע וועט זיכער לויפן 25 וואָכן און אפשר מער. הייסן הייסט די פּיעסע: „מתן תורה". די הויפּט העלדן זיינען דריי: דזשאָרדזש וואשינגטאָן, ברוך שפּינאָזא און משה רבינו.

„קומט און זעט אונדזער סוקסעס און אמוזירט זיך און שרייבט א גוטע קריטיק; די בעסטע וואָס איר האָט אמאָל געשריבן, מירן אייך אריינשיקן נאָך פּעסעס פאַר אייערע פריינט.

„מיט גרויס דרך ארץ, אייערער אויף לאנגע, לאנגע יאָרן הערי פּידריק — מענעדזשער און נאָך עפּעס פון נייעם שמעל־קעס טעאַטער".

איבערגעלייענט דאָס שיינע בריוול, האָב איך זיך אויסגע־פּוצט ווי צו א חתונה און אוועק זען די באַרימטע פּיעסע „מתן־תורה".

צו איך האָב זיך אַמוזירט? — פרעגט איר — נאָך ווי אמו־זירט! בעסער קאָן שוין נישט זיין; ערגער — אויך נישט.

ערשטער אַקט

דער ערשטער אַקט שטעלט פאָר די סצענע ווי די אידן זיינען מקבל די תורה אויפן בארג סיני. א קייט פון פעלזן און בערג גע־מאַכט פון די פיינסטע און הארטסטע פּאַפּיר וואָס מען קאָן נור קריגן אין נויאָרק. משה רבינו מיט א ווייסער באָרד, מיט א שטעקן אין האַנט, אין ברוינע שיך מיט „ראָבער־הילס", און מיט הערנער אויפן שטערן, קלעטערט ארויף אויפן בארג סיני און קרעכצט (דער אַק־טיאָר וואָס שפּילט פאַר משה רבינו'ן, האָט היינט די גריפּ; ער איז

עפּעס נישט מיט אַלעמען) , אַרום דעם באַרג זיינען פאַרזאַמלט אַרום אַכט אָדער צען כאָריסטן וואָס איך קאָן זיי אַלע ביי די נע־מען און וואָס איך שפּיל מיט זיי אַלע מאָל אין קאָרטן. דאָס איז דאָס „אידיש פאָלק" וואָס דאַרף אָננעמען די תורה.

און אָט באַווייזט זיך שוין משה רבינו אויפן שפּיץ־באַרג, מיט די לוחות אין האַנט; מיט די צען געבאָט, הייסט עס.

אונטער די צען געבאָט געפינט זיך דער אַדרעס פון סיין־פיינטער. זיין נאָמען איז: מאַקס לאַפּידות, 178 סאַפאָלק סטריט, ניויאָרק סיטי. טעלעפאָן דריידאָק, 21447.

און משה שטייט מיט די צוויי לוחות אין האַנט. אויפן מיטל־סטען פינגער בליסטשעט אַ דיימאָנד־רינג.

משה רבינו מיט אַ דיימאָנד־רינג; משה רבינו אין ברוינע שיך מיט „ראָבער־הילס"; ווי קאָמיש! און איך לאַך.

צווייטער אַקט

דער באַרג סיני רויכערט זיך. און אַזוי ווי עס דאַרף דונערן אויך, שטייט דער דזשעניטאָר פון טעאַטער, אַ איד אַ ליטוואַק און טרייסלט אונטער די קוליסן צוויי שטיקער בלעך, וואָס הענגען אויף שטריקלעך — דונערט עס!

און אַזוי ווי דונערן אָן בליצן קאָן ניט זיין, שטייט לעבן דעם ליטוואַק אַ פּאָלאַק אין אַ רויטן סוועטער מיט אַ „סוירטש־לאַיט" און ער וואַרפט בליצן אויפן פאָלק ישראל, אויף די עטלעכע כאָ־ריסטן, הייסט עס.

פאַרגליסט זיך דעם פּאָלאַק, וואָס מאַכט די בליצן מיטן „סוירטש־לאַיט", פאַררויכערן אַ סיגאַרעטל, שטעלט ער אַוועק אויפן לייוועגטענעם הימל אַ בליץ און דער בליץ בלייבט אַזוי שטיין אויף איין אָרט און פאַרלעשט זיך נישט, אַ סטעדי בליץ!

גיי דערצייל דעם עולם אין טעאַטער, אַז דער „בליץ" וואַרט ביז דער פּאָלאַק וועט זיך פאַררויכערן דאָס פּאַפּיראָסל.

דערווייל פליט די צייט. דאָס „פאָלק" פון די עטלעכע כאָריסטן, ווערט אומגעדולדיק; מאַנכע נעמען אַרויס פון די וועסטל־קעשענעס די גאָלדערנע זייגערלעך און קוקן און טשמאָקן מיט די ליפּן:

טשע־טשע־טשע־טשע־! — שוין אַ פערטל צו עלף, שוין באַלד אַרי־בער די נאַכט.

דריטער אַקט

דאָס דונערן און בליצן ווערט שטאַרקער און שטאַרקער; משה רבינו רעט צום פאָלק (צו די כאַריסטן, הייסט עס) אין גאָט'ס נאָמען: „וועט איר אָננעמען די תורה איז גוט; אויב נישט — לאָז איך אַרונטער דעם באַרג אויף אייערע קעפּ, איך גיב אייך איין מינוט צייט; נישט מער; איך קאָן נישט; „טאַים איז מאָני" און משה נעמט קוקן אויפן זייגערל.

דאָס פאָלק נעמט ציטערן, און איינער, אַ כאַריסט, הויבט אויף די האַנט אין דער הויך און ער רופט אויס: „אָלרייט — מיר'ן אָננעמען די תורה און געצעטלט".

און די אַנדערע כאַריסטן פּאַטאַקעווען:

„שור וועלן מיר זי אָננעמען, אַ ברירה האָבן מיר? ס'איז דאָך שוין באַלד עלף אַזייגער."

בלויז איינער פון די כאַריסטן, נישט קיין גרינער, האָט אַ פרעג געטאָן:

„און וואָס וועט זיין ווען מיר זאָלן די תורה ניט אָננעמען?"

„וועט איר נישט קריגן זונטיק אָונט אייער „פּעי", וועט מען אייך רעפּאָרטן צו דער יוניאָן, וועט מען אייך רעפּאָרטן — פאַלט אַריין דער מענעדזשער, הערריי פּידריק, וואָס שטייט אָן אַ זייט.

„דאַצרייט!" באַמקעט נאָך אַן אַלטער אַקטיאָר וואָס שפּילט די ראָלע פון משה רבינו'ס שוועסטער מרים הנביא, און וואָס וואַרט מען זאָל „איר" הייסן פּייקלען אויפן פּייקל.

משה גיט איבער די תורה צו די אידן (די כאַריסטן הייסט עס) און ער לאָזט זיך אַרונטערגיין פון באַרג סני אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער, אָבער דאָ כאַפּט ער זיך, אַז איין טרעפּל איז צו הויך און ער קאָן חלילה אַרונטערפאַלן און זיך צו נהרג'ען, טוט ער אַ וואונק, און דער פּאָלאַק וואָס האָט באַשאַפן די „בליצן", טראָגט צו אַ הילצערן קעסטל און שטעלט עס אַוועק, משה זאָל קאָנען אַרונטערקומען פון באַרג.

לאַכט, אידן, לאַכט

איך כאַפּ אַ קוק אויפן קעסטל, זע איך גרויסע ענגלישע ווער־טער אָנגעשריבן: „קוירקמאַנ'ס זייף".

פערטער אַקט

דער פערטער אַקט האָט פאָרגעשטעלט אַ הוליאַנקע אין מדבר סיני, וואו דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, ברוך שפּינאָזאַ און משה רבינו זיינען געגאַנגען אַ טענצל און משה'ס שוועסטער, מרים הנביאה, האָט צוגעפּייקלט אויפן פּייקל.

נאָכן הייסן טאַנץ האָט משה רבינו אויסגערופן הויך אויפן קול: „לשנה הבאָ בירושלים!".

און ברוך שפּינאָזאַ האָט געבלאָזן שופר און דזשאָרדזש־וואַשינגטאָן האָט אַרויסגעצויגן אַן אַמעריקאַנער פאָן און גענומען פאָכן מיט איר אין דער לופטן און די כאָריסטן האָבן אַלע געשריען: „הורראַ, הורראַ, הורראַ!"

און דער אָרקעסטער פון טעאַטער (זעקס מאַן שטאַרק) האָט גענומען שפּילן: „האָם סוויט האָום", „יענקי דודל", און „אלי אלי" און גאָר צולעצט די „התקוה".

נאָך גוט, כ'לעבן, וואָס איך גיי אין טעאַטער אויף אַ „פּעם", ווען איך זאָל חלילה דאַרפן באַצאָלן, וואָלט איך בעסער פאַר דעם געלט אַוועק אין אַ „טוירקיש בעטה".

מעג מען אויספייפן אַ פּיעסע?

„ווען איך זיץ אין טעאַטער, אין אידישן טעאַטער, לאָמיר זאָגן: אין כּאַנינעס טעאַטער, און מען שפּילט דאָרטן אַ פּיעסע און די פּיעסע טויג נישט, און דאָס שפּילן טויג נישט, און די מוזיק טויג נישט, און די לידלעך זיינען ציניש, ביליק, צוויי און דריי דייטיק, האָב איך אַ רעכט אַזאַ פּיעסע אויסצופייפן?״

אודאי! שור! עס איז אַ מצוה, עס איז אַ חוב, אַ פליכט אַזאַ פּיעסע אויסצופייפן!״

„טאָ זאָל זיך דיר דאַכטן״ — זאָגט מיין חבר — „אַז איך האָב זי שוין אויסגעפייפט; און אַז איך זאָג: — געפייפט, איז דאָס טאַקע געווען געפייפט! דאָס גאַנצע טעאַטער האָט זיך אַזש געטרייסלט פון מיין פייפן:״

פרעגט מיין חבר נאָך אַ פראַגע:

„האָט מען אַ רעכט אַזאַ איינעם וואָס פייפט אונטערהאַקן די זייטן און אים אַרויסוואַרפן פון טעאַטער?״

„אַקעגן וואָס פרעגסטו ביי מיר אַזאַ פראַגע?״

„אַקעגן דעם וואָס מען האָט מיך געשלאָגן און מיך אַרויסגעוואָרפן — אַבי מען זאָגט, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד, אַז יעדער איינער קאָן טאָן וואָס ער וויל; דאָס איז נישט מער ווי געבעבעט. שטעל זיך פאָר, צוליב אַזאַ זאַך ווי אויספייפן אַ פּיעסע, נעמט מען און מען האַקט מיר אונטער די זייטן און מען שלאָגט מיר אונטער די אויגן. דאָס וואָס איך האָב אַזוי פיל פּיעסן נישט אויסגעפייפט, דאָס איז, ביי די רוצחים, גאָרנישט, און טאָמער האָב איך איין פּיעסע יאָ אויסגעפייפט, נעמט מען און מען ממית׳ט מיך! זאָגסטו, הייסט עס, אַז מען מעג יאָ אויספייפן אַ פּיעסע״.

„יאָ, עס איז דאָס בעסטע וואָס מען קאָן טאָן אין אַזאַ טעאַטער; יעדער אינטעליגענטער מענטש דאַרף דאָס טאָן; נאָר פייפן: מען דאַרף אויספייפן נישט נאָר דאָס טעאַטער, נישט נאָר די פּיעסע, נישט נאָר די אַקטיאָרן, די מוזיק, די ווערטער פון די לידער, נאָר

אויך די בעל הבתים; אפילו דעם עולם האָט מען אַ רעכט אויסצו־פייפן. נאָר וואָס זשע דען? אַזאַ איינער דאַרף זיין אַ איד, אַ גיבור, אַ פיזיש־שטאַרקער מענטש, מען דאַרף האָבן כוח געגוג איבערצו־טראָגן די קלעפּ. איך, למשל, מוז זיצן אין טעאַטער און שווייגן; זיצן שטיל ווי אַ טויב, ווי אַ פיש. איך טאָר נישט פייפן; מחמת איך בין אַ שלאַפער מענטש, קוים וואָס איך לעב".

„וואָס־זשע טוסטו, אַז דו זיצט אין אַזאַ טעאַטער און מען שפּילט אַזאַ פּיעסע וואָס בעט זיך מען זאָל זי אויספייפן?"

„גיב איך זיך אַן עצה: איך נעם מיט מיט זיך אַ לאַנדסמאַן, אַ גע־זונטן אידן, און איך באַצאָל אים אַ פּאָר דאָלאַר — פייפט ער פאַר מיר! פאַר געלט קריגט מען אַלץ: פייפערס, ניסערס, שפייערס, הוס־טערס, פּאַטשערס — אַלץ קריגט מען פאַר געלט! וואָס טויג דיר מער? אָט בין איך אַמאָל געזעסן מיט אַ פרעמד ווייבל אין טעאַטער, האָט אונדז איר מאַן, דער אידיאָט, אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגיין און פאַרפּירט מיט מיר אַ געשלעג. האָב איך, באַלד אונטערגערוקט דעם לאַנדסמאַן; האָט דער לאַנדסמאַן געכאַפּט די קלעפּ, אָבער קלעפּ! און בשעת דער לאַנדסמאַן האָט געכאַפּט די קלעפּ האָב איך דערווייל געכאַפּט אַ טעקסי און אַוועק מיט דער ווייבל. אויף מאָרגן בין איך אַוועק אין בית ישראל האָספּיטאַל מבקר חולה זיין דעם לאַנדסמאַן. ער איז געלעגן אַ צו'ממית'טער מיט ווייסע באַנדאַזשן באַנד־אַזשירט, איין אויג איז אים געווען אינגאַנצן פאַרמאַכט. דער פאַר איז דאָס אַנדערע אויג געווען אינגאַנצן אָפן און דאָס פּנים געשוואָלן און דאָס מויל אָן אַ זייט: איין עק פון זיין מויל איז אויס־געקומען נאָנט צו אַן אויער. אַנשטאָט דאָס מויל זאָל זיין פאַר־ברייט, איז עס אויסגעקומען פאַר לייגג. און ער האָט געקרעכצט אַזוי הויך, אַז מען האָט אים געהערט ביז אַרויס אין דרויסן. אַז ער איז, אין אַכט וואָכן שפּעטער, אַרויס פון שפּיטאָל, אַ הינקעדי־קער, מיט איין האַנט אויף אַ פּאַטשיילע, מיט אַ פאַרגיבסעטן פוס האָט ער מיר אַריינגעשיקט אַ ביל אויף 150 דאָלאַר פאַר זיין „טראָבל".

האָט זיך מיין חבר פאַרטראַכט, זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער לינקער פאה און געבעטן ביי מיר דעם אַדרעס פון דעם לאַנדסמאַן...

צו פאַרטרייבן נודנקעס

אַ גאַנצן ווינטער האָב איך אויסצושטיין בערג מיט צרות פון אַלערליי קרענקס און נודניקעס און מאַרודניקעס.

מיין טיר פאַרמאַכט זיך נישט אויף איין מינוט — איינער אַריין און דער צווייטער אַרויס.

איינער קומט מיך גלאַט אַזוי אָנקוקן, זען סאַראַ פּנים איך האָב, וואָס פאַר אַ פרוי איך האָב און וואָס פאַר אַ קינדער איך האָב.

אַ צווייטער וויל זען מיין הויז, מיינע מעבל, מיין ראַדיאָ, מיינע ביכער.

אַ דריטער איז אַ שרייבער פון פּיעסן; וויל ער פאַר מיר פאַרלעזן צוויי פּיעסן זיינע, אַ לעבנס־בילד און אַ דראַמע; ער האָט נאָך פיר פּיעסן אין דער היים, אָבער ליידער האָט ער זיי נישט מיט זיך. אָבער ס'מאַכט נישט; ער וועט דאָ זיין נאָך אַמאָל; דערווייל זאָל איך אויסהערן די צוויי וואָס ער האָט מיט זיך — פיינע פּיעסן.

אַ פערטער איז אַ דיכטער. האָט ער איצט אָנגעשריבן אַ לאַנגע פּאָעמע וועגן די גריכישע געטער. וויל ער הערן וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן זיין אַרט שרייבן; ער האַלט מיך, מער אָדער ווינציקער, פאַר אַ מבין אויף פּאָעזיע, זאָגט ער.

אַ פינפטער שרייבט סקיצן. האָט ער ביי זיך נישט קיין סך, אַרום צוואַנציק. וויל ער זיי פאַר מיר פאַרלעזן; אויב איך וועל זאָגן, אַז זיי זענען גוט, אַז ער האָט טאַלאַנט, וועט עס זיין ביי אים זייער אָנגעלייגט.

ווייטער קומען צו מיר פרויען, וועלכע ווילן זיך מיט מיר אַן עצה האַלטן: איינע איז, נישט פאַר מיר געדאַכט, אַן אַלמנה, וויל זי וויסן, צי לוינט זיך איר איצט, אויף די עלטערע יאָרן, חתונה צו האָבן. די קינדער אירע זאָגן יאָ; אָבער זי וויל הערן וואָס איך האָב צו זאָגן; טאָמער זאָג איך יאָ, האָט זי באַלד חתונה. עפּעס אַ רעוורענד איז אין איר פאַרליבט; זי האָט זיך מיט אים באַקאַנט אין לאָנג ברענטש.

נאָך אַ פרוי וויל וויסן: וואָס זי זאָל טאָן מיט אירער אַ טאָכטער, מיט דער איינגסטער מיידל. זי שלעפּט זיך אַרום מיט אַן איטאַליענער. דאָס איז אַ חברה־מאַן וואָס האַלט תמיד ביי זיך אַ שאַרף מעסער און אַ געלאָדענעם פּיסטל; ווייל זי נישט האָבן אַזאַ אידים. אָבער די טאָכטער אירע גלייכט דעם איטאַליענער; ווייל זי די מאַמען ניט פאָלגן; איר מאַן ווייסט נאָך נישט דערפון; זי האָט אים מורא אויסצוזאָגן; ער וועט דעם איטאַליענער לאָזן אַרעסטירן, און מער פעלט איר נישט; זי וואָלט זיכער געבליבן אַן אַלמנה; דער איטאַ־ליענער וואָלט אים געשאָסן. און מער פעלט אים נישט; ער איז אַזוי אויך נישט קיין געזונטער מענש; ער ליידט פון גאַלשטיינער, ליידט ער.

ווייסט זי נישט ווי צו האַנדלען; זאָל איך איר געבן אַן עצה.

אָט אַזוי ווי איר הערט, איז אַ גאַנצן ווינטער.

איז מיר איינגעפאַלן אַ טייערער פּלאַן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די אַלע נישט־געבעטענע געסט.

איך האָב אָנגעזאָגט מיין שוואַרצער דינסטמיידל, אַז ווען זי וועט דערזען דורכן פענצטער, געסט, נודניקעס, קומען צונעמען מיין צייט, זאָל זי אַרויסגיין צו זיי און זיי זאָגן, אַז איך, איר מאַן, בין נישטאָ אין הויז; איך בין אַוועק אויף מיין וואַקיישאָן.

און טאָמער וועט מען פרעגן, ווען איך וועל זיין צוריק, זאָל זי ענטפערן, אין אַ חודש אַרום, מחמת איך בין אַוועק אַזש אין פלאָרידאַ.

האָט מיך מיין שוואַרצע דינסט־מיידל געפאָלגט און יעדן נודניק באַזונדער געלאָזט וויסן, אַז איך, איר מאַן, בין איצט אויף מיין וואַקיישאָן.

איז באַלד אַרוים אַ קלאַנג, אַז איך האָב פאַרלאָזן מיין פרוי און קינדער און וואוין מיט אַ נעגערטע, מיט אַ שוואַרצע.

האָב איך אָנגעהויבן קריגן בריוו פון קרובים, פון פריינט, פון לאַנדסלייט, פון קאָלעגן, פון מיין טאַטן און פון אַלע מיינע שוועסטער און ברידער, מיט טענות, אַלעמאַי איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ שוואַרצע; אַלעמאַי איך האָב צוגענומען צו מיינע קינדער אַ שוואַרצע שטיף־מאַמע; און וואו איז געווען מיין שכל, און ווי קומט עס צו מיר, און פאַרוואָס האָב איך בעסער נישט חתונה געהאַט מיט אַ ווייסע

מיידל? ווינציק אידישע טעכטער דרייען זיך אַרום אויף דער אידישער גאַס?

ווינציק מיידלעך ווילן חתונה האָבן? גיי איך און פאַרשוואַרץ אַלעמען דאָס פּנים.

סטייטש, איך, אַזאַ קלוגער מענש, אַ שרייבער, אַ ראַדיקאַלער מענש, אַ שטאַרקער אידישיסט, אַ מענש מיט קולטור, זאָל חתונה האָבן מיט אַ נעגערטע!

און מיין אַלטער טאַטע, אַ איד פון 88 יאָר, שרייבט צו מיר:

„מיין ליבער זון! אויב ס'איז טאַקע אמת, אַז דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ נעגערטע, וויל איך דיך מער נישט קענען; איך וועל אַרויסרייסן דיך פון מיין הארצן; איך וויל אַפילו נישט, אַז דו זאָלסט נאָך מיר קדיש זאָגן, אָדער קריעה רייסן. נאָך דאָס פעלט מיר, אַז איך זאָל האָבן שוואַרצע אייניקלעך!

„נישט אַנדערש, מיין קינד, דו ביזט אַרונטער פון זינען — ווי איז מיר!"

דאָס אייגענע אויך די קרובים: פעטערס, מומעס, קאָזינס, קאָזי־נעס און סעקאָנד קאָזינס.

אַפילו די לאַנדסלייט האָבן געווייכט פון מיר!

די איינציקע, וואָס האָבן נישט געווייכט, זענען געווען די נוד־ניקעס: זיי האָבן זיך געטאָן זייערס. זיי האָבן אַלץ נישט אויפ־געהערט צו קומען מיט זייערע פּיעסן, לידער, סקיצן, מעשהלעך און אַנדערע אָנשיקענישן.

אָבער די שוואַרצע דינסט מיינע האָט זיך געטאָן אירס: זי איז יעדן נודניק אַקעגן געגאַנגען און געלאָזט וויסן, אַז איר מאַן איז איצט אויף זיין וואַקיישאָן אין פלאָרידאַ.

איך און מיין ווייבל האָבן זיך ממש געקאַטשעט פון געלעכטער.

דער פאַרגאַנגענער ווינטער איז שוין ביי מיר געווען אַ שטילער.

עס האָבן זיך, סך הכל, באַוויזן צוויי נודניקעס. האָט מען זייביידן אַרויסגעוואָרפן.

אַ קוימענקערער

ווי איר ווייסט, האָב איך מיר מיין אייגנס אַ הייזל. אַ הייזל וואָס האָט אי מעלות אי חסרונות.

מילא, וועגן די מעלות וועלן מיר היינט נישט ריידן. איך האַלט עס נישט ביים פּאַרקויפן. אָבער וועגן די חסרונות וועלן מיר יאָ אַ שמועס טאָן. דער ערשטער חסרון איז, וואָס איך דאַרף אָפּצאָלן דעם מאָרטגיידזש; דער צווייטער חסרון איז, וואָס איך דאַרף צאָלן זעקס פּראָצענט אויף די געלטער; דער דריטער חסרון איז, די טעקסעס זיינען צו גרויס; דער פערטער חסרון איז, וואָס דער אויוון אין קעלער וויל נישט ברענען אָן קוילן. ער, דער אויוון, איז אַזוי פאַרברענט נאָך קוילן ווי אַ הונגעריקער נאָך אַ גוטן מאָלצייט.

און וואָס מער קוילן איר שטופּט אין אים אריין, אַלץ מער וואַרעמקייט גיט ער אייך, אַלץ מער סטים האָט איר פון אים.

און אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ פולן קעלער מיט קוילן, האָב איך אים, דעם אויוון הייסט עס, פאַרשטאָפּט זיין פינסטערן פּיסק: פרעס וויפיל דו קענסט; שלינג און ווער דערוואָרגן מיט די „שוואַרצע דימענטן" אינאיינעם אבי וואַרם אָן דאָס הייזל.

האָט מיך דער אויוון געפאָלגט און אויפגעגעסן איין טאָן נאָכ'ן אַנדערן און מיך געוואַרעמט ווי אַ געליבטע וואַרעמט איר געליבטן.

איז דאָך, דאַכט זיך, געווען גוט, האָט עס ערשט ניט געטויגט.

האָט זיך אין קוימען אָנגעקליבן צו פיל סאַזשע און דער אויוון האָט גענומען שטיקן. . . רויכערן. . . ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן ווי עס דאַרף צו זיין. ער האָט געשלונגען קוילן און ניט געוואַרעמט.

זאָגט צו מיר מיין ווייבל:

— זיי נישט פויל און קריך אַרויף אויפן דאַך און רייניק אויס דעם קוימען. גענוג געווען אַ שרייבער, ווער אויף אַ פּאָר שעה אַ קוימענקערער! עס איז כמעט די זעלבע זאַך: ביידע ווערן פאַרשוואַרצט.

— ווי אזוי מאַכט מען דאָס? — פרעג איך מיין פרוי.

— גאָר פּשוט: נעם די וואַש־לאַינס און בינד אַרום אַ זאַק אָדער אַן אַנדער שמאַטע, העגג אָן אַ שווערן שטיין און לאָז דאָס אַרונטער, דאַן צי דאָס הין און צוריק, אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דער קוימען וועט ריין ווערן.

— אָל־רייט.

איך נעם זוכן אַ זאַק אָדער אַ שמאַטע, אַ טראַנטע. ניטאָ.

זאָגט מיין ווייבל: אַזוי ווי עס וואַלגערט זיך אַרום דיין לאַנדס־מאַנ׳ס אויבער־ראָק און ער קומט אים נישט אָפּנעמען, נעם דעם אויבער־ראָק.

האָב איך געפאָלגט מיין ווייבל: גענומען מיין לאַנדסמאַנס אויבער־ראָק איינגעוויקלט אים ווי אַ קנויל, אַרומגעבונדן דעם שטריק, צוגעבונדן אַ שווערן שטיין, אַרויף אויפ׳ן דאַך, צוגעגאַנ־גען צום קוימען און דערזען צוויי רערן, צוויי פּייפּס. פאַרשטיי איך, אַז איין פּייפּ געהערט צו מיין הייזל און די אַנדערע פּייפּ צו מיין שכן, ווייל מיר האָבן ביידע אַ בשותפות׳דיקע וואַנד. ווייס איך אָבער נישט וועלכע פּייפּ ס׳איז מיינע און וועלכע עס איז דעם שכנ׳ס.

פרעג איך מיין פרוי, ווייסט זי אויך נישט, נאָר עס דאַכט זיך איר, אַז צו דער רעכטער זייט.

נעם איך דעם גאַנצן געשלידער און איך לאָז אַרונטער אין דער פּייפּ. דער שטיין האָט אַליין אַרונטערגעשלעפּט און איך האָב גענומען פידלען אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף און אויסגע־רייניקט דעם קוימען פון דער סאַזשע.

איך אַליין האָב זיך איינגעשמירט ווי גרויס איך בין. די נאָז־לעכלעך האָבן אויסגעזען ווי צוויי טינטערס און אין די אויערן איז גע־ווען אַזוי פינסטער, אַז מען האָט דאָרט געדאַרפט האָבן אַ לאַנטערן. געשפּיגן האָב איך שוואַרץ. ווען איך בין אַרונטערגעקומען פונ׳ם דאַך האָט מיך מיין פרוי נישט דערקאָנט. די קינדער האָבן זיך גע־קאַטשעט פאַר געלעכטער, און איך האָב זיך נישט אויפגעהערט צו באַרימען, אַז איך האָב געמאַכט אַ „פוירסט־קלעס דזשאַב". קיין קוי־מענקערער אין דער וועלט וואָלט אַזוי נישט געקאָנט אויסרייניקן אַ קוימען ווי איך.

אַז איך האָב זיך אַרומגעוואַשן און אַרויס אין גאַס האָט מיך באַגעגנט דער שכן מיינער, דערציילט ער מיר, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט זיין אויוון אין קעלער. ביז אהער האָט ער ניט געברענט און ניט געגעבן קיין סטים, און פּלוצים מיט אַמאָל, האָט ער זיך צופלאַקערט ווי אַ גהינום. די רעדיאַייטאָרס פּייפּן און ס'איז וואַרעם אין יעדן ווינקעלע.

גיי איך אַרונטער אין מיין קעלער זען וואָס מיין אויוון מאַכט, זע איך אַז ער מאַטערט זיך נעבעך, ווי אַ גוסס'ער, קוים וואָס ער זשיפּעט, ס'רויכערט פּונקט ווי אַלע מאָל.

רוף איך אַרונטער מיין ווייבל, צולאַכט זי זיך מיט איר אונגאַריש געלעכטערל: הי־הי־הי! האַ־האַ־האַ, כי־כי־כי! . . דו האָסט דאָך אויסגעקלינט דעם שכנ'ס קוימען, ניט דיינעם! און זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

דערצייל איך דאָס אויף מאָרגן מיין שכן, דאַנקט ער מיר.

זאָג איך: וואָס טויג מיר דער דאַנק, איך האָב אויסגערייניקט דיין קוימען, רייניק דו אויס מיין קוימען. און איך דערלאַנג אים דעם גאַנצן געשלידער.

גייט דער שכן אַרויף אויפ'ן רוף און ער לאָזט אַרונטער דעם שטריק מיט דער מאַכבריִקע. העלפט גאָט און דער שטריק רייסט זיך איבער און דער געשלידער בלייבט שטעקן אין קוימען, און דער שכן בלייבט מיטן שטריק אין האַנט.

איז דאָס פייער ביי מיר אין קעלער אינגאַנצן פאַרשטיקט געוואָרן, אויסגעגאַנגען — און

ברוך דיין אמת . . .

אויף מאָרגן איז געוואָרן אַ שטאַרקער פראָסט און איך מיט מיין פאַמיליע זיינען געזעסן אין הויז און מיר זיינען שיעור ניט פאַרפראָרן געוואָרן און ביי מיין שכן איז געווען וואַרם ווי אין אַ באָד.

שאַ, ווער גייט עס דאָרט? דאַכט זיך דער לאַנדסמאַן. יאָ, אַזוי ווי עס איז געוואָרן קאַלט איז ער געקומען אָפּנעמען זיין אויבערראָק.

היינט פאָלגט מיך אַ גאַנג און זאָגט אים אויס וואו זיין אויבער־ראָק געפינט זיך.

פרץ און שלום עליכם

אים וועלן מיר רופן יוסף און איר וועלן מיר רופן גיטל.
זי איז אַ פּאַטריאָטקע פון שלום עליכם׳ן; ער — פון פּרץ׳ן.
זי זאָגט: שלום עליכם וועט אייביק לעבן;
ער זאָגט: פּרץ וועט אריבערלעבן אַלע אייביקייטן.
„וואָס מיר פּרץ, ווען מיר פּרץ, וואָס פּאַר אַ באַדייטונג האָט ער פּאַר די מאַסן? מען פאַרשטייט אים נישט; ססרה תורה, קבלה, זוהר; נישט קלאָר, פאַרנעפּלט, אָבער שלום עליכם רעט אַ זאַפּ־טיקן אידיש, אַ פאָלקס־אידיש, ברענגט אַריין פריידן און געלעכ־טער אין טויזנטער הייזער; דאָס אַליין, וואָס ער מאַכט לאַכן אַ פאָלק פון ווײנער, אַ פאָלק פון זיפצער און קדיש־זאָגער, דערמיט אַליין איז ער שוין איינער פון די גרעסטע!״
זאָגט ער:
„ווער עס האָט געלייענט פּרץ׳ס פאָלקסטימלעכע געשיכטן, זײ־נע חסידישע מעשיות, די „גאָלדענע קייט״, דעם „גלגול פון אַ ניגון״ און „צווישן צוויי בערג״ — דער וועט מוזן צוגעבן, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער. אַז שלום עליכם קומט נישט צו זיינע קנעכלעך!״
זי שרייט: „שלום עליכם! און ער גוואַלדעוועט: „פּרץ!״
הערן זיי אויף צו ריידן; ווערט אַ ברוגז; זיפצט מען.
קומט אָן די נאַכט טראָפּנווייז, טריט ביי טריט; קומט אָן אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט געגאַנגען אין זיידענע זאָקן.
אין הויז איז אויך שטיל, אַ מחיה; דאָס פּאָר פאָלק רעט נישט.
זיצן זיי ביים טיש און עסן און שווייגן; שווייגן און — עסן.
נאָכן עסן זעצן זיי זיך אַוועק אין באַזונדערע ווינקלען לייענען:
ער לייענט אַ צייטונג; זי — לייענט אַ בוך.
אַרום עלף אַזייגער גייט ער אַריין אין שלאָפצימער, טוט זיך אויס, לייגט זיך אין בעט אַריין.

נאָר שלאָפן קאָן ער נישט; עס נעמט אים נישט קיין שלאָף.

זי, ווידער, גייט אַריין אין באָד־צימער, נעמט זיך אַ באָד, טוט אָן איר זײַדענע נאַכט־העמד, קומט אַריין אין שלאָף־צימער אַ פרישע, אָן אויסגעבאָדענע; די שוואַרצע האָר אַרונטערגעלאָזן.

זי כאַפּט אַ גנב׳שען קוק אויף אים, לאָזט אַרויס אַ זיפצל.

ער ליגט מיט האַלב אָפענע אויגן, די בליקן אָנגעשטעלט אויף איר.

עפּעס אַ זיסע וואַרעמקייט נעמט אים אַרום. אין געדאַנק האָט ער שוין חרטה; עס טוט אים באַנג, אַלעמיי ער האָט זיך מיט איר צוקריגט.

ער גראָבט אַריין טיפער זײַנע בליקן אין איר ווייסן קער־פּער און ער טראַכט: טאַקע, וועמען אַרט עס? זאָל זײַן, אַז שלום עליכם איז גרעסער ווי פּרץ; זיי זײַנען ביידע גרויס; איטלעכער איז גרויס אויף זײַן פעלד; אויף זײַן געביט.

זי שטייט בײַם שפּיגל און טראַכט דאָס אייגענע: זאָל זײַן אַז פּרץ איז גרעסער; וועמען אַרט עס? ברוגז ווערן צוליב אַזאַ זאַך, לוינט זיך נישט, ווען ער זאָל מאַכן דעם אָנהויב, וואָלט איך זיך אי־בערגעבעטן.

און ער טראַכט, בשעת מעשה: די אידישע חכמים זאָגן, אַז כעס איז אַן עבודה זרה; אַז דער וואָס גיט זיך אונטער דער ער־שטער, איז אַלע מאָל דער קליגערער;

עס הערט זיך אַ וואַרעם קול:

„גיטל, איך דענק, אַז שלום עליכם איז טאַקע גרעסער ווי פּרץ; אַסך גרעסער; ער ברענגט אַריין פרייד און געלעכטער אין טויזנ־טער אידישע הײַזער; ער פאַרטרײַבט דעם אומעט, ווישט אויס די טרערן פון טויזנטער אויגן; יאָ, שלום עליכם איז גרעסער".

„הייסט עס, אַז דו גיסט זיך אונטער? אויב אַזוי ביזטו אַ מענטש; ליב איך דיך!" — קלינגט גיטלס קול.

זי פאַרלעשט דאָס עלעקטרישע לעמפּל, עס ווערט פינסטער, קריכט אַריין אין בעט, טוליעט זיך צו צו אים און ער טראַכט טאַקע אין דער פינצטער:

ווער עס בעט זיך איבער דער ערשטער, דער איז דער קלי־גערער. די חכמים האָבן רעכט...

ער איז קאָוונער

זיץ איך מיר אזוי מיט מיינעם א פריינט אין א וויין־קעלער און מיר טרינקען וויין און פארבייסן מיט געזאַלצענע מאַנדלען און מיט גראַשיצע.

עס איז א סך, א סך בעסער ווי צו פאַסטן תעניתים און וויינען אויף די טעג, וואָס פליען אַוועק.

מיר הערן אויך זינגען א זינגער „אָטשי טשאָרניאַ", „נאַ־טאַשאַ" און „בובליטשקי".

עס קומען אריין דריי אידן און אַלע דריי אידן ריידן. זיי קומען אפּנים פון א מיטינג, מחמת זיי היצן זיך וועגן א ברודער וואָס האָט אויסגענאַרט פאר צוויי וואָכן בענעפיט און ער איז נישט גע־ווען קראַנק.

און אָט זיצן זיי שוין אַלע דריי ביי א טישל, ווייט אַוועק פון אונדז און זיי באַשטעלן א קריגל וויין און זיי פאַרפירן א שמועס און מיר הערן זיך צו:

— האָסטו געלייענט קאָוונערס שטיפעריי וועגן אונדזער לאָדזש?

— געלייענט!

— וואָס דיינקסטו וועגן זיין שרייבן?

— ער איז א גרויסער ליץ!

— איך מיין נישט דאָס, איך מיין: ווי ער לאַכט אָפּ פון אונ־דזערע סימוואָלן, פּאַסיר־ווערטער; פון אונדזערע דעבאַטן מיט אונד־זערע צערעמאָניעס; ער שרייבט, אז מיר האָבן מער נישט אין זינען ווי קרקע, לוויות און ווי צו באַגראָבן אונדזערע מעמבערס. ער זאָגט, אז אין אונדזער מיטינג לאָקאַל געפינט זיך נישט קיין איין גאַנצער טשער; אַלע טשערס, זאָגט ער, זיינען צובראָכן געוואָרן איבער אונדזערע קעפּ ביי די ספּעשל מיטינגען און ביי די וואַלן פאר נייע באַאמטע.

ער שרייבט, אַז קיין איין לאָדזש יוזט נישט אזוי פיל בענקלעך ווי מיר. עס געפעלט אים אויך נישט ווי אזוי מיר פירן אריין נייע מעמבערס: דאָס בויגן זיך זיבן מאָל צו דר'ערד; דאָס שנעלן זיך אין נאָז; דאָס ציען זיך פאַר'ן לינקן אויער. ער מאכט חוזק פון אונדז. פאַר אַזאַ חתונה דאַרף מען אים אונטערהאַקן די זייטן און אויסברעכן אַ האַנט.

— דאָס איז נאָך ווינציק. מען דאַרף אים פאַר אַזאַ זאַך מאַכן פאַר אַן אייביקן קאַליקע — מישט זיך אריין דער צווייטער.

— שיסן דאַרף מען אים!

— שיסן איז אַ קאַפּיטשקע צופיל, אָבער פאַר אַ קאַליקע דאַרף מען אים יאָ מאַכן!

— איר הערט, פריינט קאָוונער, וואָס מען רעט וועגן אייך? — פרעגט מיך דער פריינט מיינער. — זיי קאָנען אייך אַפּנים נישט פערזענלעך.

— אודאי, נישט, — זאָג איך, — ווען זיי זאָלן מיך קאַנען פערזענלעך, וואָלטן זיי אזוי נישט גערעט; וואָלטן זיי מורא געהאַט.

— ווען איך בין אויף אייער אָרט, — זאָגט דער באַגלייטער מיינער, — ווען איך בין איר, גיי איך צו צו זייער טישל און איך זאָג זיי ווער איך בין; זאָלן זיי וואַגן הויבן אַ האַנט! מען וואָלט זיי אַרויסגעטראָגן פון דאַנען אין נאַסע לייַלעכער. אַך, ווען איך בין אויף אייער אָרט!

— אויב איר זייט יאָ אַזאַ העלד, — זאָג איך צו מיין פריינט, — גייט מען אַליין צו און מען זאָגט זיי: חברה, זייט וויסן, אַז איך בין דאָס דער ב. קאָוונער, וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון אייער לאָדזש, פון אייערע באַאַמטע, פון אייערע צערעמאָניעס און טוט מיר עפּעס! עס איז אינטערעסאַנט צו זען מיט וואָס אַזאַ געשיכטע קאָן זיך ענדיקן.

— וואָס מיינט איר, ווען איר זאָלט מיר דאָס ערלויבן, טו איך דאָס!

— פאַרוואָס נישט? איך ערלויב עס אייך. גייט צו און זאָגט זיי דאָס, וואָס איר ווילט, איך זאָל זיי זאָגן. גיט זיך אַרויס פאַר קאָוונער'ן.

פוילט זיך נישט דער פריינט מיינער, און ער גייט צו שטאָלץ

מיט אַ פּאַררוסענעם קאָפּ, שטעלט זיך אָוועק ביי זייער טישל און טוט אַ זאָג:

— איך בין דאָס דער ב. קאָוונער, וואָס האָט אַזוי חוזק גע־מאַכט פון אייער לאַדזש, פון אייערע באַאַמטע, פון אייערע מיטינ־גען; איך האָב דאָס באַשריבן אייערע פּאַיטס מיט אייערע נאַרישע דעבאַטן וועגן סעמעטערי; איך בין דאָס און וואָגט הויבן אַ האַנט אויף מיר! ציינט וואָס איר קאָנט! זייט נישט קיין טרוסן! אַנו, וואָס האַלט איר די הענט ביי זיך? מויל־העלדן זייט איר, נישט מער; אין אַ וויין־קעלער ביי אַ גלעזל וויין זיינט איר גאַנ־צע קנאַקערס!

די דריי אויפגערעקטע אידן האָבן זיך אָנגעקוקט איינס ס'אַנ־דערע, געקוקט אויף מיין פריינט און נישט געוואוסט וואָס מיט זיי טוט זיך. דער זינגער האָט אויפגעהערט זינגען, דער וועיטער איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און דער באַלעבאָס האָט זיך נישט געוואָלט אריינמישן — נישט זיין עסק.

דער סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער.

דער פריינט מיינער ליגט איצט ביי זיך אין הויז אַ צעקלאַפּ־טער ווי אַ וויניקער עפּל.

ער איז דעקאָרירט אין ברוינע און בלויע צייכנס; קיין גאַנצן ביין האָט מען אים נישט איבערגעלאָזן.

ביז היינט האָט שוין דער פריינט מיינער געהאַט פיר דאָק־טוירים און איין פּראָפעסאָר.

איך האָב נעכטן אָנגעפרעגט זיין ווייבל דורכ'ן טעלעפאָן, וואָס ער מאַכט, האָט זי זיך צוואויינט און געענטפערט:

— נישט אַזוי פריילעך.

זאָל אים דער, וואָס לעבט אייביק, צושיקן אַ רפואה שלמה.

שטילע קינדער

הענעך איז א שרייבער וואָס שרייבט פאַר קליינע קינדער. וואו א א קינדער־צייטונג, וואו א קינדער־זשורנאַל טרעפט איר הענעך'ס אַרטיקלען. ווען ער זאָל האָבן געלט — זאָגט ער — וואָלט ער אָבגעקויפט אַלע טעגלעכע צייטונגען און זשורנאַלן און זיי פאַרוואַנדלט אין קינדער־צייטונגען.

הענעך'ס ווייב איז מיט הענעך'ן ניט איינפערשטאַנען. זי זאָגט, אז זייט הענעך שרייבט פאַר קליינע קינדער, זיינע אירע אייגענע קינדער געוואָרן שטאַרק צולאָזן. אמת'ע שדים, מזיקים! זיי דרייען איר אָפּ דעם קאָפּ און קערן איבער דאָס הויז און לאָזן קיינעם אין גאַס ניט דורכגיין.

און אויב איר דיינקט, אז הענעך האָט בלויז צוויי אָדער דריי קינדער, האָט איר א טעות. ער האָט קיין עין הרע, זיבן. פינף אינגעלעך און צוויי מיידלעך. און אַלע זיינען זיי געזונט, און אַלע האָבן זיי א מוראדיקן אַפּעטיט צום עסן, און אַלע האָבן זיי א שטאַרקן חשק צו שטיפן; און אז זיי ווערן מיד פון שטיפן, נעמען זיי זיך נהרגן און די קולות זייערע הערן זיך אויף א מייל די ווייט.

און מערקווירדיק איז דאָס, וואָס הענעכס באַליבטעסטע טעמעס זיינען: „עצות ווי איינצושטילן קינדער".

איינמאָל פאַלט הענעכ'ן איין א טעמע:

„שטילע קינדער"

און ער זעצט זיך אוועק ביי זיין שרייב־טיש, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זאָגט אָן זיינע מזיקים, די קינדער, הייסט דאָס, אַז זיי זאָלן ניט טומלען, ווייל ער גייט שרייבן אַן אַרטיקל וועגן „שטילע קינדער".

בעט זיך די פרוי ביי אים: „הענעך, אפשר וואָלסטו דיין אַרטיקל אָנגעשריבן אין רעדאַקציע? דו ווייסט דאָך, אַז אין הויז וועסטו ניט קאָנען שרייבן."

ענטפערט הענעך: „וואָס הייסט עפּעס ניט קאָנען? אויב זיי וועלן ניט האַלטן פערמאַכט די פּיסקעס, וועל איך זיי מאַכן פאַר קאַליקעס!"

— דו שרייבסט דאָך אָבער תמיד, אז מען טאָר ניט שלאָגן קיין קינדער?

— און אז איך שרייב איז וואָס? — שרייב איך!

און ער טונקט איין די פען אין טינט און נעמט זיך צו דער אַרבעט:

„קינדער זיינען א ברכה פאַר עלטערן; קינדער זיינען די רויזן פונ'ם פאַמיליען־לעבן. קינדער ברענגען גליק און רו און — — —

אָבער הענעך'ן איז אונמעגלעך צו שרייבן! דאָס הויז גייט כאַדאָראָם! די צוויי אינגערע באָיטשיקעס רייסן זיך פאַר די האָר, נאָך א באָיטשיקל קלאַפּט מיט א האַמער אין א בלעכענעם קעסל, איין מיידעלע טאַנצט אַרום אויף דער סאָפאַ, דער שטויב פון דעם אַלטן פּלוש צושפּרייט זיך איבער'ן שטוב.

הענעך און זיין פרוי נעמען ניסן.

הענעך ווערט אויפגערעגט און נעמט ממיתן די קינדער.

די הענעך'טע שרייט גוואַלד:

הענעך לאָזט אָפּ די קינדער, זעצט זיך צוריק אַוועק און ער שרייבט ווייטער:

„די עלטערן וואָס ווילן, אז זייערע קינדער זאָלן ניט וויינען, ניט שרייען, ניט איבערקערן דאָס הויז מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, דאַרפן די קינדער ניט שלאָגן. שלאָגן קינדער איז ניט גוט; בלויז באַרבאַרישע טאַטעס שלאָגן קינדער".

דאָ האָט זיך דערהערט א נייער גוואַלד:

— וואָס איז שוין ווייטער? — פרעגט הענעך.

— וואָס זאָל זיין? יונה'לע האָט אַרויסגעכאַפּט פון אסתר'לען א האַלבן עפּל, שרייט זי.

לייגט הענעך ווידער אַוועק די פעדער, נעמט אַרונטער דעם לעדערנעם פּאַסיק, טוט א כאַפּ אָן יונה'לען פאַר א הענטל, לייגט אים אַריבער אויף די קני און ציילט: איינס, צוויי, דריי, פיר...

די אַנדערע קינדער קוקן אויף יונה'לען און לאַכן.

סטראשעט זיי הענעך, אז ער וועט זיי „דעם טויט מאכן" אויב זיי וועלן ניט פארמאכן די פיסקעס!

די קינדער ווערן א ווײַלע שטיל און הענעך שרײַבט ווײַטער:

„די עלטערן וואס ווילן אײַנשטילן זייערע קינדער, דארפן וויסן ווי צו האנדלען, דערציען קינדער דארף מען קענען און פארשטיין. די בעסטע זאך איז: געבן די קינדער פאלשטענדיקע פרייהייט צו שטיפן און צו שרײַען. דאס שטיפן זייערס אנטוויקלט זייערע קערפערלעך און דאס שרײַען — זייערע שטימעלעך."

דא האט זיך געהערט א גוואלד: פא! פא! אייבי האט צוגענומען מײַן פענסל!

הויבט זיך הענעך ראפטאם אויף, לויפט צו צו אייבין, טוט אים א הויב אויף אין דער לופטן, לאזט אים מיט אימפעט ארונטער. ער ווערט שיער ניט צעשאטן. דערשרעקן זיך די אנדערע קינדער פאר'ן בייזן טאטן און הייבן אן פאר שרעק צו וויינען. ווערט אין הויז א יללה. . . מאכט עס הענעך'ן נאך מער נערוועז, נעמט ער ווידער ארונטער דעם פאסיק.

וויינען די קינדער נאך העכער.

נעמט ער זיי גוט דערלאנגען, שרייט הענעכס פרוי, אז זי וועט זיך היינט א מעשה אנטאן, און אז אך און אז ווי איז צו דער פרוי, וואס האט א מאן א שרייבער! בעסער א הינט-שלעגער, א גנב.

כאפט הענעך טאלסטאיס ביוסט וואס שטייט אויף זיין שרייבטיש און דערלאנגט אים א שמיץ אן דער ערד.

דער ביוסט ווערט צושמעטערט אויף קליינע שטיקלעך.

הענעך'ס פרוי טרייבט ארוים די קינדער אין גאס: „גייט" — זאגט זי — „גייט, אז ניט וועט אייך דער טאטע אלעמען אויסהרג'ענען!"

און הענעך זעצט זיך אוועק און ענדיקט דעם ארטיקל:

„אז איר וועט געבן אייערע קינדער פולשטענדיקע פרייהייט, וועלן זיי אייך ליבן און אכטן און זיין אייערע פריינט."

אַ צושטערטער באַנקעט

עטלאכע שרייבער, קאָלעגן פון דעם גרויסן דיכטער פּנחס, האָבן געהאַט א זיצונג אין מנשה'ס זאַל און באַשלאָסן צו מאכן פּנחס'ן א באַנקעט.

אזוי ווי עס ווערט איצט פופצן יאָר, ווי ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, און אזוי ווי ער האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א גרויסער טאַלאַנט, וואָס האָט רייכער געמאַכט אונזער ליטע־ראַטור, אונזער פּאָעזיע, קומט אים א באַנקעט.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אז ער אַליין, פּנחס, טאָר דערפון נישט וויסן; מען מוז אים איבערראַשן. אויב מען זאָל אים אָנזאָגן פריער, וועט ער נישט וועלן; וועט ער זיך זיכער אָפּ־זאָגן פון דעם כבוד, מחמת פּנחס איז זייער א שטיל מענטשל; ער האָט פיינט טומל, ער אנטלויפט פון כבוד, פון באַנקעטן. ער האָט צוליב שטילקייט חתונה געהאַט מיט א שטומער פרוי. אָט אזא מענטש איז ער.

איז געבליבן, אז מען זאָל אים לאָזן וויסן מיט א דריי פיר שעה איידער דער באַנקעט דאַרף זיך אָנהויבן.

די שרייבער האָבן אָפּגעמאַכט מיט א גרויסן רעסטאָראַן אויף א דאָלאַר מיט פופציק סענט א מאָלצייט, אחוץ וויין און שנאַפּס און אַנדערע געטראַנקען.

די שרייבער האָבן אויך באַזאָרגט א פּאָר גוטע זינגערס, א זינגערין, א פידל־שפּילער און א פּאָרלעזער, וואָס זאָל פּאָרלעזן פּנחס'עס לידער.

ווען אַלץ איז געווען פאַרזאָרגט האָט מען ארויסגעשיקט שיינע בריוו צו באַרימטע שרייבער, קריטיקער, רעדנער און גלאַט אזוי צו לייטישע מענטשן.

אַז די איינלאַדונגען זיינען שוין געווען ארויסגעשיקט, האָבן מיר, די שרייבער, ווידער געהאַט א מיטינג און באַשלאָסן צו

מאַכן פּנחס'ען אַ מתנה: אַז אַ מענטש שרייבט שוין פופצן יאָר לידער, איז ער ווערט אַ מתנה.

האָט איינער געזאָגט: „מען זאָל אים קויפן אַ גאָלדן זייגערל און לאָזן אויפ'ן דעקל אויסקריצן זיין נאָמען — דאָס וואָלט געווען די שענסטע מתנה".

אַ צווייטער שרייבער האָט געזאָגט: וואָס ער דאַרף, איז פּשוט אַ שטיקל ברויט אין הויז. ער גייט ממש אוים פאַר הונגער מיט זיין שטומער ווייב אינאיינעם. ווען זי וואָלט געקאַנט ריידן, די ווייב זיינע, וואָלט זי געמאַכט די גרעסטע גוואַלדן. עס איז אַ גאָט'ס רחמנות אויף איר, זייט זי איז פאַרהייראַט צו פּנחס'ן, האָט זי נאָך קיין איין זאַטן מאָלצייט נישט געהאַט; קיין לייטיש קליידל נישט געטראָגן; קיין גאַנצע פּאָר שיך נישט פאַרמאָגט און קיין דירה־געלט האָט ער אויך נישט. אַלע פּאָר חדשים דאַרף מען אים ארויסהעלפן מיט אַ חודש דירה־געלט; מען האָט אים שוין נישט איין מאָל ארויסגעשטעלט אין גאַס מיט זיינע בעבעכעס. איז די גלייכסטע זאַך, מען זאָל אים געבן אַ פופציקער אין קעש.

האָט זיך אויפגעשטעלט אַ גאַליציאַנער דיכטער און גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט אין זיין גאַליציאַנער אידיש:

— קאָלעגן און חברים! עץ מאַכט ענק נאַריש; עץ רעץ און רעץ און עץ וואיסט ניש וואָעס עץ רעץ; פּנחס'ן איז גיט ווי די וועלט; פּנחס האָט אַ שטים וואָב און מיר האָבן דאָס נישט; פּנחס האָט קיין קינדער נישט, און מיר האָבן עס יאָ; פּנחס איז נישט געוואוינט צו זייגערלעך, ער איז אויך נישט געוואוינט צו עסן און צו צאָלן דירה־געלט; ער וועט ענק די פיפציג טולער צוריקגעבן. עך קען אים בעסער פון ענק אַלע. עץ האָטץ נישט אזויפיל האָר אין קאָפּ וויפיל קוואָדערס פּנחס קימט מיר שוין. מאַן פּלאַן איז אַ בעסערער: מען דאַרף אים קויפן אַ סוט און פאַר זיין פרוי — אַ קליידל מיט אַ פּאָר שיך; טאָמער וועט עץ דאָס נישט טאָן, וועט ער נישט קימען צי זיין אייגענעם באַנקעט; נישט ער, נישט זי. פאָלגט מעך, וועט עץ קיין חרטה נישט הובן.

האָט נאָך אַ שרייבער גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

— קאָלעגן, שרייבער! שרייבעריי האָט נישט צו טאָן מיט סוטס; שרייבעריי האָט אויך נישט צו טאָן מיט גאָלדענע זייגער־

לעך און מיט בלומען; שרייבערייַ האָט צו טאָן מיט — שרייבערייַ; מיט אַ פען, מיט אַ פעדער; דאַריבער איז מיין עצה, אַז מען זאָל אים מאַכן אַ מתנה אַ פאונטען פען; זי זאָל נישט רינען, זי זאָל נישט צושניידן דאָס פּאַפּיר, מען זאָל זיך נישט איינריכטן די פינ־גער אין טינט. דאָס אַלץ וואָס מען דאַרף! פאַר צוויי דאָלאַר קאָן מען היינט קריגן אַ גוטע פען. וואָס־זשע דאַרפן מיר אויסגעבן פופציקערס? .

דאָ איז ווידער דער גאַליציאַנער קאָלעגע אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אויסגערופן הויך אויף'ן קול:

— אַ טעות, קאָלעגע! עך וואייסט ניש וואועס עך רעטץ. עך זוג אָך, אַז דער חבר פנחס האָט נישט וואועס אָנצוטאָן, וואָים עך וואועס איך זוג; ער וועט צים באַנקעט ניש קימען; עך וועץ זען נישט ער, נישט זיין שטים וואַב.

ווען מען איז אַוועק צו פנחס'ן אים בעטן צו קומען צו זיין באַנקעט, האָט ער אויסגעהערט די קאָמיטע, זיי האַרציק באַדאַנקט פאַר זייער חבר'שאַפט און געזאָגט:

— צום באַנקעט קאָן איך נישט קומען, ווייל איך האָב נישט וואָס אָנצוטאָן; גיין אין דער שמאַטע, וואָס איך האָב, ווייל איך נישט; איך בין אַ אידישער דיכטער און ס'איז נישט שיין צו גיין צו אַן איינגענעם באַנקעט אין אַ געבאָרגט סוטל.

און דער גאַליציאַנער שרייבער האָט געטראָפן: דער באַנקעט איז צושטערט געוואָרן. פנחס איז נישט געקומען.

אויף מאָרגן האָבן אַ פּאָר אידישע צייטונגען אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דעם באַנקעט.

„אַריבער צוויי הונדערט שרייבער און כּלל־טוער און גלאַט אַזוי באַרימטע מענטשן זיינען געווען ביים באַנקעט. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן שיינע רעדעס. דער דיכטער פנחס איז באַוואָרפן געוואָרן מיט רויזן. מען האָט אים געגעבן אַלערליי מתנות: אַ גאָל־דענעם זייגער, אַ גאָלדענע פאונטען־פען, 50 דאָלאַר אין גאָלד. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַלע זיינע לידער אין פינף גרויסע בענדער, געבונדן אין רויטע לעדער. דער קאָנצערט איז געווען דער בעסטער. טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען פון גאַנץ אַמעריקע און אויך פון יענער זייט ים".

אַ שרייבער איז גוט

איך איז גוט, זאָגט צו מיר אַ שכן, אַ איד, וואָס ארבעט אין אַ פאַבריק. איר האָט נישט אויף זיך קיין באָס, קיין פאָרמאַן, איר דאַרפט נישט אויפשטיין 6 אזייגער פאַרטאָג, פליען נישט קיין אויסגעשלאָפע־נער צו דער קאַר, פון דער קאַר צו דער סאָבוויי, קיין מאָל נישט האָבן קיין אָרט וואו צו זיצן, מוזן שטיין צונויפגעפרעסט, — נישט קענען אפילו אָטעמען — איר דאַרפט די אַלע זאַכן נישט מיטמאַכן; איר שטייט זיך אויף 10 אין דער פרי, עסט אָפּ אָנבייסן, לייענט איבער די צייטונגען, כאַפּט זיך אַ שפּאַציר מיט'ן שטעקל אין האַנט, דערנאָך קומט איר אהיים און זעצט זיך אַוועק לעבן אייער שרייב־טישל און איר שרייבט זיך אָן עפּעס אַ מעשה'לע, אַ חכמה, אַ וויץ, אַ ווייס־איך־וואָס; די גאַנצע חתונה געדויערט אייך אפשר אַ האַלבע שעה אויפ'ן זייגער און פאַרטיק מיט אַ טאָג ארבעט! און דערפאַר באַצאָלט מען אייך אַ גוטע פּרייז. איך מאַך עס נישט אין צוויי טעג, וואָס איר מאַכט אין אַ האַלבע שעה. מיין פרוי זאָל לעבן, האָט טאַקע טענות צו מיר: דוד הערש, אַלעמאַי נעמסטו זיך אויך נישט צו שרייבעריי? די גרויסע חכמות וואָס עס שטעקט אין דעם? די שאַרפע תורה? אַז קאָוור־נער קאַן, וועסטו אויך קאָנען! גלויב מיר, דוד־הערש, אַז ער האָט אויך ניט געקאָנט; ער איז נישט געבוירן דערמיט; ער איז אויך אַמאָל גע־ווען אַן ארבעטער; אַ שווערער אַרבעטער! ווערדליק איך האָב געהערט, האָט ער אַמאָל געאַרבעט ביי שניידעריי, געפּעדלט מיט צייטונגען, געהאַלטן אַ וואורשט־געשעפט, אַן אייז־קרים געשעפט, אַ בוך־געשעפט, און דאָך האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און זיך גענומען צו שרייבעריי, און איצטער מאַכט ער אַ פיין לעבן. פאָלג מיך, דוד־הערש, און נעם זיך אויך צו שרייבעריי.

הער איך אויס מיין פרוי און איך זאָג: מעכליע, זאָג איך צו איר, מעכליע, דו ביזט, דאַכט זיך, ניט קיין נאַר, און דאָך ביזטו נישט קלוג. אזוי ריידן ווי דו רעטסט, פּאַסט פאַר אַ נאַרישע פרוי, פאַר אַ

יאַכנע, אָבער ניט פאַר דיר. ווען דאָס שרייבעריי וואָלט געווען אזא גרינגע ארבעט ווי דו זאָגסט, וואָלטן דאָך אַלע מענטשן געוואָרן שריי־בער; וואָלטן דאָך אַלע שעפער און אַלע פאַבריקן געפּוסטעוועט. ס'איז נישט אזא גרינגע „טרייד" ווי דיר דאכט זיך; א שרייבער ארבעט לענגערע שטונדען ווי דער שווערסטער ארבעטער. א שרייבער, איידער ער זעצט זיך שרייבן, מוז ער שוין האָבן פארטיק זיין טעמע, זיין סוזשעט, וואָס ער וויל אָנשרייבן. ער מוז פריער טראכטן, און טראכטן איז נישט אזא גרינגע זאַך. ער טראכט ווען ער שלאָפט, ווען ער איז וואך, ווען ער פאָרט, ווען ער גייט, ווען ער זיצט אין טעאַטער. נישטאָ א מינוט אין מעת־לעת, א שרייבער זאָל נישט טראכטן; היינט שטעל זיך פאָר ס'ארא קאטאָרזשנע ארבעט דאָס איז!

„דו רעדסט ווי א גולם!" — טוט זי מיך א זידל אָפּ — „ס'איז נישט אזוי שווער ווי דו מאכסט עס! ווען מען לעזט די שרייבערשע זאכן, זעט מען, אז זיי טראכטן גאָרנישט; אז דאָס טראכטן איז נישט אין זייער לאַין. ווען שרייבער וואָלטן אזוי פיל געטראַכט ווי דו דיינקסט אז זיי טראכטן, וואָלטן זיי נישט אויסגעזען אזוי יונג און שיין און פריש; וואָלטן זיי נישט געפירט קיין ראָמאַנען; וואָלטן זיי נישט זיין אזוי פריילעך. נישטאָ קיין איין שרייבער, וואָס זאָל נישט האָבן א שטיקל ראָמאַן הינטער זיין פרוי'ס פּלייצעס."

אויסגעהערט מיין פרוי: זאָג איך צו איר: מעכליע, איך'ל דיך פאָלגן; כ'על טרייען; וועט עס גיין — איז גוט, וועט עס נישט גיין — זאָלסטו צו מיר קיין טענות נישט האָבן. יא, איך וועל טרייען ווערן א שרייבער! אָבער הער: איך וויל האָבן דיזעלבע פרייהייט וואָס אַלע שרייבער האָבן.

„וואָס מיינסטו?"

„איך מיין. . . איך מיין. . . אז איך זאָל אויך קאָנען פירן ליבעס מיט פרעמדע ווייבלעך, ארומגיין מיט שיינע אקטריסעס, מיט יונגע כאָריסטקעס, מיט. . . מיט. . .

האָט זיך מיין ווייבל א כאַפּ געטאָן, אז זי האָט דאָ פארקאַכט א קאַשע; אז זי איז צו ווייט פארקראָכן, האָט זי חרטה באַקומען אויף דעם גאנצן פּלאַן:

„דוד־הערש, מיר דאכט זיך, אז דו האָסט טאַקע רעכט. ס'איז נישט פאַר דיר; זאָל עס שוין גיין ווי עס גייט".

קינדער, קומט אַהער

„קינדער, קומט אהער און ווארמט זיך אָן אָן מיר. דער טאַטע אייערער האָט הונדערט מיט פינף גראַד היץ".

אַט אַזוי האָב איך געזאָגט צו מיינע קינדער, בעת איך בין געלעגן מיט עטלאַכע וואַכן צוריק אויפ'ן טויטן־בעט.

די פרוי מיינע האָט געוויינט. און איך, זעענדיק ווי די טרערן גליטשן זיך אַרונטער פון אירע געפּאַרבטע באַקן, האָב זיך פאַרטראַכט. (בלויז אַ הומאָריסט קאָן טראַכטן אין אַזאַ צייט). איך האָב געוואָלט טרעפן פאַרוואָס זי וויינט: צי וויינט זי דערפאַר וואָס זי האַלט מיך אין פאַרלירן, צי יאָמערט זי דערפאַר וואָס זי האָט מורא אַז איך וועל חלילה געזונט ווערן?

די טיר האָט זיך געעפנט און מיין מומע חיה איז אריין אין הויז. און, ווי די מאָדע איז, האָט זי מיך געשטראָפט, אַלעמאַי „איך מאַך זיך נאַריש און אַלעמאַי בין איך נישט קראַנק געזונט צו זיין". — די אַלטע, אויסגעדראַשענע חכמות, דאַן האָט זי אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן מיינעם און פאַרקרימט דאָס פּנים. מיין פרוי האָט איר געלאָזט וויסן, אַז איך האָב לונגן־ענצינדונג און אַז דער דאָקטאָר קומט דריי מאָל אַ טאָג.

— ס'איז דאָס אמת'ע פּעקל! — האָט אויסגערופן מיין מומע — מיין אברהם חיים, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, האָט אויך געהאַט דאָס אייגענע פּעקל. און דער פעטער מיינער, אשר דוד, מיר צו לאַנגע יאָר, איז אויך אַוועק פון דער וועלט פון דער זעלבער קראַנקהייט; און זיין פאָטער, אַ מליץ יושר זאָל ער דאָרט זיין פאַר גאָט, איז אויך געשטאָרבן פון לונגן־ענצינדונג.

אַט אַזוי האָט זי מיר אויסגערעכנט אַ צעטל אפשר פון צוואַנציק מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען פון דער וועלט פון דער זעלבער חולאת.

די פרוי מיינע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג בעט און גענומען וויינען. אָבער איך האָב אירע טרערן ניט געגלויבט. פאַלשע

טרערן... אַ סימן: אַז ווי נור די טרערן האָבן אַביסל אָפּגעוואַשן די פאַרב פון די באַקן, איז זי באַלד צו צום שפּיגל און פאַרריכט די פּלעקן.

איך, פילנדיק אַז איך בין אַליין אויף דער ליכטיקער וועלט, האָב איך ביי זיך בעשלאָסן, אַז איך מוז מיך האַלטן ווי אַ מענטש, ניט אונטערגעבן זיך; ניט לאָזן די פּאַסקודנע קראַנקהייט נעמען די אויבערהאַנט. עס זיינען אויך געקומען אין געדאַנק די אַרטיקלען פון די צייטונגען, וואָס האַלטן אין איין גוואַלדעווען, אַז די שרעק הרג'עט אוועק מער מענטשן ווי די מגפה; ווען ניט די מורא פאַר'ן טויט, וואָלט קיינער ניט געשטאָרבן.

האָב איך זיך געשטאַרקט, אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די געפאַר אין וועלכע איך געפין זיך. אַרויסגעשטעלט דעם מלאך־המות אַ לאַנגן צונג מיט צוויי פייגן און זיך גענומען וויצלען, לאַכן דעם טויט אין די אויגן אריין.

די מומע חיה האָט אָנגענומען דאָס וויצלען זיך פאַר אַ שלעכטן סמן: „מיין אברהם חיים, מיר און אייך צו לאַנגע יאָר, האָט זיך אויך געוויצלט פאַרן טויט, און איר פעטער אָשר דוד איז אויך געוואָרן אַ וויצלער פאַר דער גסיסה; אַלע מענטשן פילן זיך פריילעכער איידער זיי פאַרשליסן די אויגן".

אָט אַזוי ווי איר הערט, האָט די מומע חיה ניט אויפגעהערט פּלאַפּלען און מיך בעדויערן, וואָס אַזאַ „יונגער בוים" , אַזאַ „גאָלדערנער מאַן און טרייער טאַטע" דאַרף נעבעך שטאַרבן אַזוי יונג. „ער האָט דאָך נאָך גאָר ניט געלעבט" — האָט זי גענומען מאַכן פּיסקעס און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? זיי וועלן בלייבן לעבעדיקע יתומים — ווייִ איז צו איר — און וואָס קאָן נעבעך טאָן אַזאַ וויסטע אַלמנה? ווער וועט זיך אויף איר אומקוקן? ווער וועט זי נעמען?

די טענות אירע האָבן אַזוי צונומען מיין פרוי, אַז זי האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד. זי וויל דאָס גאָר ניט דערלעבן — האָט זי געיאָמערט — „זאָל זי בעסער פאַרלייגן פריער מיטן קאָפּ."

דאָס איז געוועזן מיט זעקס וואָכן צוריק און נעכטן, ערשט נעכטן, האָט זי זיך צופּיסקעלט:

— טויזנטער מענער מאַכן זייערע ווייבער פאַר אַלמנות, נאָר זי האָט קיין מזל ניט!

אַ באַנקעט

איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט און נישט פאַר קיין שום אידן געדאַכט, געווען ביי אַ באַנקעט. און געווען איז דער באַנקעט נישט אין נויאָרק, נישט אין באָסטאָן, נישט אין פּעטערסאָן, נישט אין וואַשינגטאָן.

ער איז געווען אין די הויפּט־שטאָט פון די בערג, פון סאַלעווען קאָונטי.

צו ערשט דער זאַל:

אַן אַלטע הילצערנע הייזקע מיט אַ נידריקן סופיט, אַזוי נידריק, אַז ס'איז אַפילו נישט געווען קיין פּלאַץ וואו אַ הויכן לאַך צו טאָן.

און וואָס איז אויף די לאַנגע טישן געווען?

מאַסלינעס, מאָסטאַרד, טוט־פּיקס, קוואַס, גלעזער, פּאַפּירענע „נעפּקינס", פאַרזשאַווערטע גאָפּלען און בלעכענע לעפל.

די בילדער אויף די ווענט?

פּעטער קראָפּאָטקין, מענדעלע מוכר ספרים, קאַרל מאַרקס, אַ פּאָגראָם־בילד, וואו אַ איד אַנטלויפט מיט אַ ספר תורה, פערדינאַנד לאַסאַל, אַ מזרח, מיכאאיל באַקונין, דער עמבלעם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, יודזשין דעבס, לינקאָלן, מאַקסים גאָרקי, אַ טשאַרטער פון די „סענדער עליע לאָדזש נומער 88" אַ ליסט פון באַגראָבענע מעמבערס און אַ צווייטע ליסטע פון מעמבערס וואָס מען דענקט ערשט צו באַגראָבן.

און אונטער די טרויער־ליסט, צוויי פּאָוסטערס: איין פּאָוסטער וואָס אַדווערטייזט „ראָבער־הילס" און אַ צווייטער פּאָוסטער וואָס אַדווערטייזט „אָטאָמאָביל טאַיערס".

אַרום האַלב נאָך צען דעם זייגער, האָט זיך באַוויזן אַ איד מיט אַ קאָשיק עפּל, אַ צווייטער איד מיט אַ קאָשיק קאַרנביף און אַ דריטער איד מיט צושניטענע ברויט. און יעדער איינער האָט באַקומען אַן

עפּל, אַ שטיקל קאַרנבייט און צוויי שטיקלעך ברויט ער זאָל זיך אַליין מאַכן אַ סענדוויטש.

אין צוויי מינוט צייט איז דער גאַנצער זאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סענדוויטש פעקטאָרי. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַפּעטיט, האָט געמייסטערוועט אַ סענדוויטש און געגריזשעט אַן עפּל.

אינמיטן עסן האָט זיך אויפגעשטעלט דער טשערמאַן פון באַנ־קעט, אַ הויכער מאַן מיט שיטערע וואָנסעס און אָנגעהויבן בזה הלשון:

— איצטער, מיינע פריינדע, אַז מיר האָבן אייך שוין פאַרשטאָפּט די מיילער, וועלן מיר אָנהויבן דעם קאָנצערט. מיר האָבן די בעסטע קרעפטן וואָס מיר האָבן געקאָנט קריגן.

דער עולם האָט געוואָלט אַפּלאָדירן, אָבער די הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט די סענדוויטשעס און מיט די עפּל.

די עסערס וואָלטן אפשר געווען אויסגעדריקט זייער באַגייסטע־רונג מיט די מיילער, זיינען אָבער די מיילער אויך געווען פאַרנומען.

האָט דער טשערמאַן געזען, אַז קיינער אַפּלאָדירט נישט, האָט ער גענומען פאָרשטעלן די טאַלאַנטן.

דעם ערשטן — און מען קען זאָגן דעם בעסטן טאַלאַנט — האָט ער פאָרגעשטעלט אַ פידל־שפּילער, אַ בחור מיט אַ קויטיק העמד, מיט קויטיקע הענט, מיט אַן אַלט פאַרשמאַלצן סוטל, מיט אַרויסגעשטופּטע קניען פון די הויזן.

און פאָרגעשטעלט האָט ער דעם פידל־שפּילער אַן קונצן:

— איך האָב דאָס פאַרגעניגן פאָרצושטעלן פאַר אייך אַ פידלער, וואָס וועט עפּעס פידלען פאַר אייך אויפן פידל. וואָס ער וועט פידלען ווייס איך נישט. נאָר איין זאַך ווייס איך יאָ: ער וועט פידלען עפּעס אַ זאַך און עס וועט זיין וואָס צו הערן. איר זייט געבעטן צו זיין אַ קאָ־פּעטשקע שטילער; שמאַטשקעט נישט אַזוי מיט די ליפּן. . . איך וויל אייך אויך באַמערקן, אַז דער פידלער איז ביים טרייד אַ קאַרפּענטער! נאָר ער קאָן האַלטן אין האַנט אַ פידל אויך. אַז ער האָט נישט קיין אַרבעט ביי קאַרפּענטעריי, גיט ער לעסאָנס אין פידל, 50 סענט אַ לע־סאָן נעמט ער. דער טאַטע זיינער האַלט אַ גאַראַדזש און די מאַמע זיי־נע האַלט באָרדערס. איך בעט אייך זייט שטיל און הערט זיך איין. גיט אים אַ שאָו!

דאָ האָט זיך דער פידלער, וואָס איז ביים טרייד אַ קאַרפּענטער, צוגעבויגן צום טשערמאַן און אים עפּעס אַריינגערוימט אין אויער.

דער טשערמאַן האָט זיך באַלד געווענדעט צום עולם און געזאָגט:

דער פידלער לאָזט מיר וויסן, אַז ער איז זייער נערוועז. דעם ערשטן מאָל וואָס אים קומט אויס צו שפּילן פאַר אינטעליגענטע מענטשן. טאָמער וועט ביי אים ציטערן די האַנט אָדער ער וועט מאַכן אַ מיסטייק, זאָלט איר זיך נישט צולאַכן הויך אויף אַ קול.

איצטער הערט זיך, זייט מוחל, איין. סטאַפּט אויף אַ ווײַלע גריזשן די עפּל.

דער פידלער האָט גענומען שפּילן עפּעס „פון קאָפּ". וואָס ער שפּילט האָט קיינער נישט געוואוסט.

דער צווייטער נומער אויפ'ן פּראָגראַם איז געווען: דאָס רוקן פון טשערס (דאָס האָט סך הכל אָנגעהאַלטן פינף מינוט).

דער דריטער נומער איז געווען: דאָס געוויין פון קליינע קינדער (דאָס האָט אָנגעהאַלטן נישט מער ווי דרייסיק מינוט).

פערטער נומער: אַ רעדנער וואָס האָט גערעט אונטער'ן צונג און געפּינטלט מיט אַן אויג.

דערנאָך האָב איך געלייענט מיינע אַ פּאָר מעשיות, אָבער קיינער האָט אַ שמייכל נישט געטאָן.

שפּעטער האָט מיר דער טשערמאַן ערקלערט, אַז די מענטשן האָבן נישט געוואָלט לאַכן פון מיינע וויצן, איך זאָל זיך נישט געפיינען באַליידיקט.

אַ לאָדזשן־מיטינג

ביי דעם מיטינג פון די „בני געמבע בן געמבע לאָדזש נומער 144" זיינען אַלע ברידער פאַרזאַמלט, אַרום 30 אין צאָל. מאַנכע אַביסל שכור׳לעך, אַנדערע אַ סך מער און אַנדערע מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און בלויע נעזער.

דער ברודער פּרעזידענט, אַ געזונטער אידל מיט האַרטע מוסקולן, מיט אַ שווערן האַמער אין האַנט האָט געעפנט דעם מיטינג: „ברידער, ווערט צוזעצט, די צייט לויפט און מיר האָבן היינט אַ סך צו פאַרהאַנדלען! אין נאָמען פון די בני געמבע בן געמבע לאָדזש נומער 144 ערקלער איך דעם מיטינג פאַר ערעפנט! ברודער „פּראָטאָקאָל"־סעקרעטער, לעזן זי פאַר דעם „פּראָטאָקאָל" פון לעצטן מיטינג; מאַכן זיי דאָס „סנעפּי!"

עס ווערט שטיל און דער סעקרעטער, אַ פּאָנפּעוואַטער אידל מיט אַ פאַרמאַכט אויג, לעזט:

„דער לעצטער ספּעשל מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַפּריל דעם ערשטן אין אונדזער סטעדי מיטינג לאָקאַל אויפ׳ן ערשטן פלאָר, אונטער דעם פּאָרזיץ פון אונדזער ווירדיקן פּרעזידענט, מיסטער קניש. ברודער צימבל האָט זיך געמאָלדן קראַנק. עס ווערט באַשלאָסן אים נישט צו געבן קיין סיק בענעפיט, ווייל ער איז אַ פּעיקער.

„עס ווערט אויך באַריכטעט, אַז ברודער טומטום איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ שיינע אַלמנה, אַ יונגע און אַ בלאָנדע. באַשלאָסן צו שיקן דעם וויים־פּרעזידענט צו טרייסטן די אַלמנה.

„עס ווערט אויך באַשלאָסן צו „ראָנען" אַן אונטערנעמונג אָדער אַ באָל, אָדער אַ קאָנצערט, אָדער אַ באַנקעט, אָדער עפּעס אַנדערש.

„ברודער פּייפער מאַכט אַ פּאָרשלאַג אַרויסצוּוואַרפן דעם ברודער קנאַקער פון מיטינג לאָקאַל, ווייל ער איז טויט שכור און ער זידלט די בעאַמטע. דער ברודער פּייפער מאַכט אַ געגן־פּאָרשלאַג, אַז מען זאָל אים נישט אַרויסוואַרפן, מחמת ער האָט זיך אָנגע׳שכור׳ט

פאַר זיין אייגן געלט, נישט ווי די בעאַמטע, וואָס שכור'ן זיך אָן פאַר די ברידער'ס געלט, וואָס זיי נעמען פון דער קאַסע.

„עסוועט אויך צוגעלאָזן אַ קאָמיטע פון אונדזערע אַלטע לאַדזשן־ברידער, וואָס זיינען אַלט און קראַנק. עס וועט באַשלאָסן זיי צו שטיצן מיט צוויי טאָלער. ברודער קוואַס מאַכט אַ פאָרשלאָג צו מאַכן אַ באַנקעט פאַר דעם נייעם טרעזשורער, ווייל ער איז נאָך נישט אַנט־לאָפן מיט דער קאַסע. דער פאָרשלאָג ווערט אונטערשטיצט טאַקע פון דעם טרעזשורער אליין.

„דערמיט ווערט דער מיטינג פון די בני געמבע בן געמבע לאַדזש נומער 144 געשלאָסן פון אונזער ווירדיקן ברודער פרעזידענט, מיסטער קניש".

דער פרעזידענט פרעגט:

— האָט יעמאַנד עפּעס אָנצואווענדען, אָדער צו צוזעצן צום פּראָטאָקאָל?

עטלעכע ברידער „בעטן די פלאָר". דער פרעזידענט טוט אַ קלאַפּ מיט'ן שווערן האַמער און אַ געשריי:

— שאַראַפּ! וואָס שפּרינגט איר אַלע מיט אַמאָל אויף? וואָס האָט איר קיין צייט נישט? דער ברודער שמיטשיק האָט דאָס וואָרט.

דער ברודער שמיטשיק, אַ איד מיט אַ גוידער, נישט קיין ראַזיר־טער, מיט אַ פּליאַמע אויף איין באַק, נעמט דאָס וואָרט און ער רעט מיט אַ כריפּ:

— ברודער פרעזידענט און מיינע ברידער! דער ברודער פּראָטאָ־קאָל סעקרעטער האָט, ווי עס ווייזט אויס, אַ קעצענעם קאָפּ; ער האָט פאַרגעסן אריינצושרייבן, אַז איך האָב דעם ערשטן טראָסטי אָפּגעהאַקט אַ לונג, ווייל ער האָט מיך גערופן זשוליק. איך דיינק, אַז אַזאַ וויכטי־קע זאַך האָט מען באַדאַרפט פאַרשרייבן.

— אודאי! אודאי! — הערן זיך קולות פון עטלעכע ברידער, — אודאי האָט מען אַזאַ וויכטיקע פּאַסירונג באַדאַרפט פאַרשרייבן.

דער ברודער פרעזידענט טוט אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער און שרייט:

— סידאַן! פאַרמאַכט די פּיסקעס! לאָזט אָנגיין מיט'ן מיטינג!

ס'ווערט אַביסל שטילער און דער ברודער שמיטשיק ענדיקט:

„ברודער פרעזידענט, איך פאָדער, אַז דער ברודער פּראָטאָקאָל־סעקרע־טער זאָל קאָרעקטן דעם פּראָטאָקאָל און אריינשרייבן וועגן די קלעפּ,

וואָס דער ערשטער טראָסטי, ברודער זשימזשיק, האָט אריינגעכאַפּט פון מיר. מיינע קלעפּ האָבן באַלאַנגט צום מיטינג און וואָס עס באַלאַנגט צום מיטינג מוז ווערן פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל־בוך".

דער ברודער פּרעזידענט טוט אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער און באַפעלט:

— ברודער סעקרעטער, איר וועט אַזוי גוט זיין און פיקסן דעם פּראָטאָקאָל ווי ברודער שמיטשיק פאַרלאַנגט. און איצט קריגט דאָס וואָרט ברודער בעבע. ברודער בעבע, איר האָט די פלאָר!

ברודער בעבע שטעלט זיך אויף און זאָגט:

— ברודער פּרעזידענט, דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטער האָט אויך פאַרגעסן איינצושרייבן וועגן דער קלאַגע, וואָס איז אריינגעקומען אויף אונדזער ווירדיקן פּרעזידענט, אַז ער, דער ווירדיקער פּרעזידענט, האָט זיך געטשעפּעט צו ברודער שורקע'ס דינסטמיידל.

דער פּרעזידענט טוט אַ קלאַפּ מיט'ן שווערן האַמער און אַ געשריי מיט כעס:

— דער ברודער בעבע איז געבעטן צו פאַרמאַכן זיין שטאַל! ס'איז נישט זיינע חזיר'שע ביזנעס זיך אריינצומישן אין סטריקט־פּריוואַטע אַנגעלעגנהייטן! ווען איך גיי אַרויס פון מיטינג לאָקאַל, בין איך אַ פּריוואַטער מענטש, נישט קיין פּרעזידענט.

שפּרינגט אויף דער ברודער בעבע, ווי אַן אונטערגעשאָסענער:

— אַ פּרעזידענט פון אַזאַ לאָדזש ווי אונדזער לאָדזש איז, דאַרף זיין אַ לייטישער מענטש נישט קיין זשוליק. ס'איז אַ שאַנדע פאַר אַזאַ אַזאַ. . . און איך מאַך עס טאָקע צום פאָרשלאַג, אַז די ברידער זאָלן אויסקלייבן פון זיך אַ שטאַרקע קאָמיטע אַרונטערצוּוואַרפן אונדזער ווירדיקן פּרעזידענט פון טשער!

דער ברודער פּרעזידענט הערט נישט אויף צו קלאַפּן מיט'ן האַמער אָן טישל און שרייען מיט קולות:

— סידאַן! סידאַן! וואָס שטייט איר, מיינע ברידער, ווי די גולם'ס? פאַרוואָס וואַרפט איר אים נישט אַרויס? וואַרפט אים אַרויס! זאָל ער גיין מיט'ן קאָפּ אין דר'ערד!

דאָ האָט ברודער בעבע דערלאַנגט אַ שפּיי אויפ'ן ווירדיקן פּרעזידענט, און טאַקע באַלד דערלאַנגט דעם ברודער פּרעזידענט אַ פּאָר־פּאַר אין די אויגן, אַז פונקן האָבן גענומען פליהען. . .

יאַגדעס

טשעפּעט זיך צו צו מיר אַ אידל פון יענע אידלעך מיט אַ טענה:

— אַלעמאַי וואַקסט נישט אויף אייער לאַנד קיין יאַגדעס? אַלץ, זאָגט ער, וואַקסט ביי אייך: קוקורוזע, רעטאַך, פּעטרישקע, ציבעלעס, ווילדע בלומען, נאָר ניט קיין יאַגדעס. איך מיין די שוואַרצע יאַגדעס, וואָס מען גיט זיי אַריין אין בראָנפן. פאַרוואָס וואַקסט ניט ביי אייך קיין שוואַרצע יאַגדעס, פאַרוואָס? עס איז טאַקע נישט מיין עסק; אָבער עס ווילט זיך וויסן; ס'טייטש, אַזאַ מענטש ווי איר, מ'קאָן זאָגן אַ נאַטור־מענטש, און עס וואַקסט נישט ביי אייך קיין יאַגדעס. וויל איך וויסן פאַרוואָס וואַקסן נישט ביי אייך קיין שוואַרצע יאַגדעס, פאַרוואָס?

— עס וואַקסט נישט ביי מיר קיין יאַגדעס, ווייל עס וואַקסט נישט! עס איז, זאָג איך, אַזאַ סאָרט ערד. נישט אומעטום קאָן דאָך וואַקסן יאַגדעס. דערפאַר וואַקסן ביי מיר אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען פּונקט אַזוי וויכטיק ווי יאַגדעס.

— דאָס איז בלאָטע! די דאָזיקע זאַכן וואָס וואַקסן ביי אייך, וואַקסן ביי יעדן איינעם. אָבער יאַגדעס, דאָס, זעט איר, איז שוין אַ זעלטנהייט! ווען איר פאָלגט מיך, וואָלט איר פאַרקויפט אייער הייזל און געקויפט אַן אַנדערס.

— איך דאַרף נישט קיין אַנדערס, דאָס הייזל איז גוט גענוג פאַר מיר.

— אָבער עס וואַקסט דאָך נישט ביי אייך קיין יאַגדעס.

— נישט אויף יאַגדעס שטייט די וועלט. פאַראַן גענוג הייזער אין די בערג וואָס האָבן נישט קיין יאַגדעס.

— טויגן זיי טאַקע נישט. איך וואָלט נישט גענומען אַזאַ הויז ווען מען גיט עס מיר אוועק בחינם! יאַגדעס איז זייער אַ גוטע אכילה; מען קאָן עסן יאַגדעס מיט צוקער, מיט זיסע קרים, מיט זויערע קרים

און אן קרים. דאָקטוירים הייסן עסן א סך יאַגדעס. כאָטש דריי מאָל א טאָג.

— מען זאָגט, אז פון יאַגעדעס קריגט מען א שווארצן צונג און א שלעכטן מאָגן.

— עט! הערט נישט וואָס מען זאָגט; הערט בעסער וואָס איך זאָג אייך.

— הייסט עס, אז מען דארף פארקויפן דאָס הויז און קויפן אן אנדער הויז?

— יאָ, אָבער אָן יאַגעדעס־בוימלעך זאָלט איר נישט קויפן.

— ווי איז דער דין, אז עס וועט זיך מיר מאַכן צו קויפן א פיין הייזל פאַר א ביליקן פרייז און ס'וועט נישט האָבן קיין יאַגעדעס?

— האָב איך דאָך אייך שוין געזאָגט: זאָלט איר עס נישט קויפן!

— קאָן איך דאָך איינפלאַנצן יאַגעדע בוימלעך.

— וואָס רעדט איר? איר ווייסט ווי לאַנג מען דארף ווארטן ביז יאַגדעס קומען ארויס? אכט יאָר. היינט פאָלגט מיך א גאַנג און זעצט זיך אוועק ווארטן אכט יאָר אויף יאַגעדעס!

— אז מ'עט דארפן וועט מען ווארטן — ענטפער איך אים.

— און ווי וועט זיין אז די בוימלעך וועלן זיך נישט אָננעמען? די ערד קאָן אמאָל ניט טויגן. דאָס הייסט, טויגן קאָן זי, נאָר נישט פאַר קיין יאַגעדעס.

— מען דארף פרואוון.

— וואָס טויג אייך דאָס פרואוון, אז מען קאָן קריגן פארטיקע וואָס אנדערע האָבן געפלאַנצט. איך ווייס פון אזא הייזל. מען קאָן עס קריגן זייער ביליק.

— וואָס רופט איר אָן ביליק?

— ביליק הייסט ביי מיר נישט טייער, אין גלייכן געלט.

— דאָך?

— פאַר 24 הונדערט טאָלער.

— וויפל רומס?

— פינעף.

— גוטן לאַנד?

— פול מיט יאַגדעס.

— און דאָס הייזל אליין האָט עפעס א ווערט?

— דעם אמת זאָגנדיק, האָט דאָס הייזל אַליין געמעגט זיין א קאַפּעלע איינגער און בעסער.

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אז דאָס הייזל דאַרף שוין אַלט זיין א יאָר 50 אָדער 60 און אפשר די גאַנצע 70. אָבער ס'איז נאָך נשקשה פון א הייזל. עס דאַרף בלויז האָבן א נייעם דאַך און א נייעם גאַניק. ווייטער איז עס אביסעלע נידריק, מ'קאָן זאָגן, אז דער סילינג ליגט אויפ'ן קאָפּ. אַזאַ מענטש ווי איר קאָן דאָרט נאָך גיין גלייך, אָבער איך דאַרף זיך שוין אַביסל איינבויגן.

— האָט עס וואַסער אין הויז?

— ניין, וואַסער אין די מאָונטענס איז אַן איידעלע זאַך.

— וואו־זשע נעמט מען וואַסער?

— ביי א שכן.

— ווי ווייט איז דער שכן?

— אויב מען וויל רעכנען אויף ניואָרקער בלאָקס, דאַרף עס זיין א פינף בלאָק, און אפשר זעקס. געמאָסטן האָב איך נישט.

— האָט עס עלעקטריק?

— ווייסיך וואָס!

— שטייט עס אויף א בערגל?

— ניין, אין א טאָל.

— און מאָסקיטאָס?

— מאָסקיטאָס איז אויך פאַראַן, אָבער מען גיט זיך אַן עצה: מ'גייט ניט אַרויס אין דרויסן.

— און וואָס הערט זיך מכח פרוכט־בוימער?

— פרוכט־בוימער איז אַמאָל געווען א סך.

— וואו זיינען זיי אַהינגעקומען?

— זיי זיינען דאָ, אָבער זיי גיבן שוין מער נישט קיין פרוכט.

— אויב אַזוי איז דאָס נישט ווערט דאָס געלט.

— פאַרגעסט אָבער נישט, אַז עס איז דאָרטן פאַראַן א סך יאַגדעס.

— באַצאָלן 24 הונדערט טאָלער בלויז פאַר יאַגדעס איז צופיל.

— עס קאָן זיין, אָבער נישט אומעטום קריגט מען אַזעלכע יאַגדעס; יעדער יאַגדע איז באַצויגן מיט אַ בלויען אָטעם; אַזעלכע יאַגדעס האָבן די ווערט אַ טאָלער אַ קוואָרט. און דער פאַרמער

האָט מיר געזאָגט, אַז פון זיינע בוימעלעך קאָן מען ארונטערנעמען ביי א 16 קוואָרט יאַגעדעס.

דאָס דאָזיקע אידל האָט מיך אזוי לאַנג גענודיעט מיט זיינע יאַגעדעס, ביז איך האָב אים געלאָזט וויסן, אַז איך האָב ערשט מיט א וואָך צוריק גענומען טראָגן מיט זיך אַ פּיסטאָל.

— האָט איר לייסנס? — האָט מיך דאָס אידל געפרעגט און גענומען ציטערן.

— יאָ.

— און שיסן קאָנט איר אויך?

— וואָס פאַרא פראַגע?

דאָס אידל איז פּלוצים נישט געוואָרן.

אין די גרויסע היצן

בערג מיט בריוו קומען מיר אָן פון מיינע טויזנטער און טויזנטער לעזער און אַלע ווילן וויסן: „וואָס צו טאָן אין די גרויסע היצן? ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען?"

נישט זיי עסן, נישט זיי שלאָפן, נישט זיי קאַנען ארבעטן, נישט זיי קאָנען אָטעמען.

האָב איך אויף זיי רחמנות און איך זאָג זיי מיין וואָרט:

ווען גאָט דער אַלמעכטיקער שיקט ארונטער זיינע גרויסע היצן אויף דער זינדיקער ערד; ווען ער נעמט פארשפרייטן זיינע מורא'דיקע פייערן איבער אייערע קעפּ און איר קאַנט עס מער נישט אויסהאלטן, טוט זיך דעמאָלט אויס מוטער-נאַקעט, שעמט זיך נישט פאַר קיינעם, און זעצט זיך אריין אין אַ וואַנע מיט קאַלט וואַסער און זיצט אַזוי לאַנג ביז דאָס וואַסער ווערט הייס, ביז דאָס וואַסער הויבט אָן צו קאָכן. אַזוי זאָלט איר טאָן כסדר, די גאַנצע צייט ווי לאַנג די היצן האַלטן אָן.

טאָמער האָט איר ניט קיין וואַנע, קאָנט איר טאָן דאָס אייגענע אין אייער „וואַש-טאָב" (אויב ער רינט נישט).

אין די גרויסע היצן טאָרט איר נישט עסן, נישט ארבעטן, נישט גיין שפּאַצירן, נישט חתונה האָבן (אויב איר זייט סינגל) און זיך נישט אויפרעגן (אויב איר זייט אַ באַווייבטער).

איר האָט בלויז אַ רעכט צו זיפצן און צו אוי'קן און האָבן טענות צום רבנו-של-עולם — (שעמט זיך נישט פאַר אים).

די פרויען, אַזוי גוט ווי די מיידלעך, דארפן זיך אין אַזעלכע גרוי־סע היצן נישט אויסטאָן, ווייל זיי גייען סאַי ווי סאַי ארום נאַקעט און דאָס געפעלט מיר.

די היצן האַלטן נישט אָן זייער לאַנג: אויב אַ סך, איז צוויי חדשים, דזשולייי און אויגוסט; און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אַכט וואָכן אין מענטשלעכן לעבן?.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי; אין מענטשלעכן לעבן זיינען פאַראַן מער ווי אַכט הייסע וואָכן. ווען אַ מענטש לעבט זיך אָפּ זיינע הונדערט יאָר, האָט ער זיך זיינע אַכט הונדערט הייסע וואָכן און אַכט הונדערט הייסע וואָכן אין הונדערט יאָר, איז נישט קיין סך: שלעכט וואָלט געווען ווען מען גיט אים די אַכט הונדערט הייסע וואָכן סטעדי, מיט אַמאָל.

מיינע לעזער פון די בערג פרעגן מיר: וואָס זאָלן זיי טאָן מיט די מאָסקיטאָס, וואָס בייסן?

אונדזער ענטפער איז: קראַצן זיך! ניטאָ קיין לאַגישערע זאַך, קיין בעסערער מיטל! איך טו אויך דאָס אייגענע און מיין טאַטע און מיין זיידע האָבן אויך געטאָן דאָס אייגענע.

קוים באַווייזן זיך די מאָסקיטאָס, מוזן מיר זיך קראַצן. אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס אַלע מאָל זיין, כּל זמן וועלט וועט זיין וועלט.

אָפּטמאָל, בשעת איך ווער צופיל געבאַדערט פון די בייסערלעך, פרעג איך אַ פראַגע ביי גאָט:

„גאָט! נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן מאָסקיטאָס אויף דער וועלט? מילא פויגל זיינען שיין, זיי טשעפּן קיינעם נישט; זיי זינגען און פאַרשאַפן אונדז פאַרגעניגן; האָסט באַשאַפן די פייער פליגעלעך, טשעפּן זיי אויך קיינעם נישט, פאַרקערט: אין דער פינסטער קוקן זיי אויס ווי נשמהלעך וואָס פלאַמען אויף און פאַרלעשן זיך.

האָסטו,גאָט, באַשאַפן עופות, ליגן זיי אייער, בריען זיי אויס הינדלעך; האָסטו באַשאַפן ציגן, האָבן מיר ציגענע מילך; האָסטו באַשאַפן פערד, האָבן מיר פון זיי נוצן.

„אָבער נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן אָט די בייסערס? ווער דאַרף זיי האָבן? וואָס האָט מען פון זיי?”

אָט אַזעלכע טענות האָב איך צו גאָט. אָבער גאָט גיט מיר קיין ענטפער ניט.

ער רעדט נישט צו מיר; איך בין שוין מיט אים צוקריגט אַ שיינע פּאָר יאָר.

קורץ: איר, מיינע ליבע, טייערע, הייסע, שוויצנדיקע לעזער, האָט נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי אויספאָלגן מיינע עצות וואָס צו טאָן אין די גרויסע היצן.

און טאָמער געפעלן אייך נישט מיינע עצות, זאָלט איר קיין פאַראיבל נישט האָבן: מחמת איך שרייב פון היץ. . .

אַ גט

„מיסטער! אויב איר ווילט האָבן אַ גוטע טעמע פאַרא מעשה׳לע זאָלט איר צוקומען מאָרגן צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג צו מיר. עס וועט פאָרקומען אַ גט צווישן אַ מאַן און אַ פרוי וואָס זיינען שוין עלף יאָר פאַרהייראַט.

אייער לאַנדסמאַן און פריינד

רעווערענד טשיזשיק".

אויף מאָרגן בין איך אַוועק צום רעווערענד.

פונקט צוויי אַזייגער איז אַריינגעקומען אַ געזונטער אידל מיט אַ הארט בערדל ווי דראָט און הינטער אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ קליין מאָגער ווייבל, זייער אַ שלאָפע.

דער רעווערענד, האָט אַריינגערופן אַ שכן, ער זאָל זיין אַן עדות און איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר׳ן צווייטן עדות.

דאָס געזונט אידל, דער „בעל שמחה", האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זיינע טענות:

— איך וויל מיט איר ניט מער זיין אונטער איין דאַך. דאָס איז ניט קיין פרוי, נור אַ פליג; וואָס זאָג איך אַ פליג; אַ פליג האָט מער כח אין מינדסטן נאָגל, ווי זי אין איר גאַנצן לייב־און־לעבן. זייט איך האָב זי דערקאַנט האַלט זי אין איין קרענקען. דאָס גאַנצע הויז מיינס איז פול מיט מעדיצינען און פילן און פראַשקעס און שמירעכצער און אַנדערע אָנשיקענישן.

קומט צו גיין דער ווינטער, הויבט זיך אָן אַ סדרה מיט היי־בעדער, און שטרוי־בעדער, און זאַלץ־בעדער און בלאָטע־בעדער.

קומט צו גיין דער זומער, גייט אַוועק אַ סדרה פון ים־לופט, און בערג־לופט און אַ פּאַקעניש און אַ פּאַרעניש — הימל און ערד און קאָונטרי!

וואָלט זי כאָטש אַ קינד געהאַט. כ׳ווייס, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה! איז קיין קינד האָט דאָס ניט, און קרעכצן קרעכצט דאָס, און נערוועז איז דאָס, און שעלטן שעלט דאָס און דער דאָקטאָר גייט פון שטוב ניט ארויס, און דרייערלעך און פינפערלעך און צענערלעך גייען ווי מצה־וואַסער, און זי האָט נאָך טענות. איך האָב אויסגערעכנט אַז פאַר דעם געלט וואָס איך האָב שוין אויסגעגעבן איר צו פערלאַטן, האָב איך געקאָנט האָבן צוויי נייע פרויען.

מיין גאַנצע האַרעוואַניע פון עלף יאָר, איז אריין אין איר מיט אירע דאָקטוירים און אָפּעריישאַנס! פון עסן איז דאָך אָפּגערעט. ווי שלאָף דאָס איז און ווי מאָגער דאָס איז, האָט עס אָבער אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט.

ווען איר זאָלט בלויז רעכענען, אַז זי מאַכט מיר קאַליע פאַר פינף דאָלאַר אַ וואָך עסן, באַטרעפט דאָס אויך 2 הונדערט מיט 60 דאָלאַר אַ יאָר!

עלף מאָל 2 הונדערט מיט 60, האָט איר אַזוי גרויס ווי 2 טויזנט 8 הונדערט מיט 60 דאָלאַר!

דאָ האָט זיך דאָס אידל פאַרויכערט אַ ליולקע און געענדיקט:

— איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שוואַכע באַשעפעניש דאָס איז, אַז זי קאָן אפילו ניט איבערטראָגן קיין קלאַפּ! איר ווייסט דאָך, מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, מען ווערט בייז, אויפגע־רעגט, ניטאָ צו וועמען אויסצולאָזן דאָס ביטער־האַרץ, לאָזט מען דאָס אויס צו דער פרוי. און אַז איך ווער אויפגערעגט, גלייך איך דערלאַנ־גען אַ קלאַפּ. וועמען־זשע דען זאָל איך דערלאַנגען קלעפּ אויב ניט אַן אייגן ווייב? — האָב איך איר אַ פּאָר מאָל אונטערגעהאַקט די זייטן. אַן אַנדער פרוי, אַ געזונטע, וואָלט צוגענומען די קלעפּ און געמאַכט אַ שוויַיג. שאַ, זאָל די וועלט ניט וויסן! וואָס טוט מען ניט צוליב שלום בית ווענן? איז זי דאָך אָבער זייער אַ שלאַפע, האָט זי באַלד גענומען שרייען און גוואַלדעווען, אַז די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן.

אָט דאָס קומט ארויס ווען מען האָט אַ פליג ניט אַ פרוי! אַ גע־זונטע פרוי קען מען שלאָגן און שלאָגן פון היינט ביסקל מאָרגן. אָט דערפאַר וויל איך זיך מיט איר גט׳ן!

פרעגט דער רעוורענד ביי דער פרוי:

— מיסעס, וואָס האָט איר צו זאָגן?

— איך האָב בלויז צו זאָגן, אז ווען איך האָב מיט אים חתונה געהאַט בין איך געווען אַ קראַסאַוויצע, אַ געזונטע, האָט ער דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט זיך איינגערעדט, אז אַ מאַן דאַרף זיין שטאַרקער ווי אַ פרוי. האָט ער מיך גענומען שלאָגן, האָט ער מיך אזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט מיך קראַנק געמאַכט. איצטער האָט ער טענות; איצטער וויל ער איך זאָל אים זיין געזונט און האָבן קינדער... מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן, איך בין צופרידן פטור ווערן פון אים כאָטש שוין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער זיינען זיי שוין געווען פרייע מענטשן.

וואָס איז די גריפּ?

(אַ לעקציע)

דער באַרימטער דר. קוילער האָט אַ לעקציע: וואָס איז אַזוינס די גריפּ און וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט זי?

און ער ענטפערט:

ווען אַ געזונטער מענש, קריגט אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש אין די זייטן, און דער קאָפּ טוט אים וויי, און ס'רינט אים פון נאָז, און ס'טרערן אים די אויגן, און ס'נודיעט אים, און ער קריגט פּיבער, און ס'וואַרפט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן, און ער פאַרלירט דעם אַפּעטיט צום עסן, און ס'ווערט אים ענג אין גאָרגל — אַזאַ מענש האָט די גריפּ.

דאָס איז, ווען גאָט העלפט און מען האָט די גריפּ אַליין, אָן צוטשעפּענישן.

מחמת צו דער גריפּ טשעפּעט זיך אַמאָל צו לונגען־אַנטצינדונג, אָדער ווי ס'הייסט ביי אינטעליגענטע מענשן: ניומאָניע.

איז ווען איינער קריגט באַלד נאָך דער גריפּ ניומאָניע, איז ער אַ פאַרזאָרגטער מענש. אַזאַ איינער מעג זיך געזעגענען מיטן לעבן. ס'טרעפט, געוויינלעך, אַז מען זאָל געזונט ווערן אויך, אָבער ניט אַלע מאָל טרעפט זיך אַזאַ זאַך.

סיידן ווען איינער שפּאַרט זיך איין מיט אַלע כחות: ער וויל ניט שטאַרבן! ווייל ניט אַלע מענשן, וואָס האָבן ניומאָניע, האָבן חשק צו שטאַרבן. אַ סך ווילן ניט שטאַרבן, ווייל זיי האָבן אויסגעפונען, אַז לעבן איז אַ סך געזינטער; צווייטנס, ווילן זיי לעבן גלאַט אַזוי, כדי צו זען ווי לאַנג זיי קענען לעבן. ס'איז אינטערעסאַנט.

נאָר לאָמיר זיך צוריקקערן צו דער גריפּ: די גריפּ אָן־און־פאַר־זיך שוואַכט זייער אָפּ דעם מענשן; דער מענש די גריפּ — טוט ניט קיין שאָדן, אָבער די גריפּ דעם מענשן — טוט יאָ שאָדן.

און זייער אָפּט ווערט מען נאָך טויב אויף אַן אויער אויך.

און אויב מען ווערט ניט טויב, פּייפּט עס אין אַן אויער. נאָר בעסער איז אַז ס'פּייפּט ניט; ס'איז שטילער.

אויף דעם אויער, וואָס מען ווערט טויב, הערט מען ניט; און אויב מען הערט יאָ עפּעס, הערט מען אַזעלכע זאַכן וואָס ס'לוינט זיך ניט צו הערן.

די טויבקייט ברענגט בלויז נוצן אין צוויי פעלע: ווען די שוויגער שעלט און ווען די פרוי בעט געלט.

ווען דער חולה איז קראַנק, מוז ער ליגן אין בעט. ער דאַרף טרינקען הייסע טיי מיט לעמאָן, געקאָכטע מאַלינעס, האַלטן אַן אייז־בעג אויפן קאָפּ, אַ הייסע וואַסער־בעג צו די פיס, אַ הייסע בעג אויפן האַרצן און איין בעג מיט הייסע וואַסער מוז ער האַלטן אין האַנט. גלאַט אַזוי; זען צי ער איז שטאַרק גענוג.

ווייטער דאַרף ער ליגן אונטערגעבעט מיט אַ פּאָר וואָלענע בלענקעטס און טראָגן לעפלעך אויף די אויערן און האָבן ניט ווינציקער ווי הונדערט און פינף גראַד היץ.

איך האָב געוואָלט זאָגן מער ווי הונדערט און פינף, נאָר ס'האָט זיך אַזוי אַרויסגעכאַפּט, פאַרפאַלן. אויב ס'וועט זיין ווינציק, וועל איך צו דער נעקסטער לעקציע דערלייגן אַ פּאָר גראַד.

נאָך אַ זאַך: די פענצטער אין הויז מוזן זיין פאַרהאַקט. קיין לופטל טאָר ניט צוקומען צום קראַנקן; לופט פאַר אַ חולה איז סם.

ווען דער פיבער ווערט העכער, דאַרף מען אים ניט מאַכן נידע־ריקער; מען דאַרף אים לאָזן גיין זיין וועג. אמת, דער חולה קריגט דערפון אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק, אָבער ס'איז ביי אים ווערט, אַז ער ווייסט, אַז ער האָט אַ קאָפּ. פאַראַן אַ סך קראַנקע, וואָס האָבן ניט וואָס עס זאָל זיי ווי טאָן.

אויב מען באַמערקט ביים חולה סמנים פון אָפּשוואַכונג, דאַרף מען אים באַלד איינגעבן אַ ביסל רידזשי לאַטיססטימולאַנטים. ניט קיין סך: אַמאָל פּאַסירט, אַז נאָך אַזאַ מעדיצין זאָל דער קראַנקער ווערן נאָך שוואַכער ווי ער איז, און אַמאָל טרעפט, אַז ער קען ניט אויסהאַלטן, ציט ער אויס די קאָפּיטעס.

אָבער דאָס איז ניט דעם דאָקטאָרס שולד: דאָס איז די שולד פונם חולה: אויסציען די קאָפּיטעס איז אַ פּריוואַט־זאַך.

ווען די היץ פאַלט אַרונטער צו הונדערט און דריי, איז די בעסטע זאַך איינצושלאָפן. נאָר טאָמער קען ער ניט איינשלאָפן, זאָל ער זיך לאָזן אַרויסנעמען די ציין און שווענקען דעם האַלז מיט זאַלץ־וואַסער.

זאַלץ־וואַסער איז געזונט. דערפאַר זיינען די פיש, וואָס מען כאַפּט אין ים, אַלע מאָל געזונט. ווייל זיי שווענקען אַלע מאָל זייערע העלזער מיט ים־וואַסער.

פאַרוואָס ים־וואַסער איז געזאַלצן, ווייסט מען ניט; נאָר ליטוואַקעס זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין ים כאַפּט מען הערינג.

ווען דער אַפּעטיט פאַרבעסערט זיך, דאַרף דער חולה גאָרניט עסן. ס'קאָן אים נאָך, חלילה, שאַטן. ער דאַרף וואַרטן ביז דער הונגער גייט אים איבער. דעמאָלט איז די בעסטע זאַך אָנהויבן צו עסן.

טאָמער מאַכט זיך אים געז אין מאָגן, מוז ער מאַכן אַ שוויג; אַז נישט, וועט זיך די געז־קאָמפּאַני טשעפּען צו אים.

און אויב ער האָט ניט קיין געז, מוז מען אים געבן דריי פאָר־ציעס אַ טאָג סטימולאַנטים, וועט ער קריגן געז.

געז איז דאָ, אין אַמעריקע, זייער טייער; מיך, למשל, קאָסט צוועלף טאָלער אַ מאָנאַט געז און עלעקטריק.

איצט נאָך עטלעכע ווערטער וועגן האַרץ: אַ האַרץ האָט אַ טבע, ס'גלייכט קלאַפּן — נאָר ס'קלאַפּט! בייטאָג און ביינאַכט; שבת און יום־טוב; זומער און ווינטער. נאָר סע קלאַפּט; דער זינדיקער מענש איז שוין אַזוי באַשאַפן: דאָס אויג זעט, דאָס אויער הערט, די נאָז איז פּייכט, דער מאָגן וויל עסן, דער פּוס גייט, די האַנט טאַפּט און שטעלט אַרויס דער וועלט אַ פייג און דאָס האַרץ — קלאַפּט. טאָמער הערט עס אויף צו קלאַפּן אויף איין טאָג, איז דער מענש אויס מענש; זיין לעבן איז דעמאָלט נישט ווערט אַ ציבעלע!

קיין אמת'ע רפואה צו דער גריפּ איז נאָך דערווייל נישטאָ.

ווי איר זעט, איז די גריפּ נישט קיין געזונטע קראַנקייט און קיין גרויסע נוצן פאַר דער מענשהייט ברענגט זי אויך נישט.

בלויז דאָקטוירים מאַכן אַ לעבן פון איר; פאַר זיי איז די גריפּ אָל־רייט.

אַ באַרימטער שאָופּער

מיין חבר אשר איז זייער אַ נערוועזער מענש. פאַרוואָס ער איז נערוועז ווייס איך נישט. דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס קומט דערפון וואָס ער איז זייער אַ נערוועזער.

האָט אים גאָט געהאָלפן. ער האָט זיך דאָ, אין אַמעריקע, שיין אַרויפגעאַרבעט. געמאַכט אַ שיינע פּאָר דאָלער און אַז מען האָט אַ שיינע פּאָר דאָלער, האָט מען שוין אַן אייגן הויז, אַן אייגן ווייב, אייגענע צוויי קינדער און אַ דינסט.

וואָס־זשע פעלט אים? וואָס־זשע האָט אַזאַ אשר געדאַרפט טאָן ווען ער וואָלט געהאַט שכל? וואָלט ער געדאַרפט זיצן אין הויז און עסן און טרינקען און לעזן צייטונגען און ביכער, און גיין אין דער אָפּערע און הערן באַרימטע זינגער און שיינע מוזיק.

וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער האָט זיך געקויפט אַ מאַשין, אַ פּעקערט, און די פרוי זיינע האָט זיך אויסגעלערנט פאָרן מיט איר.

האָט ער דערזען אַז זי קען, איז אים די געשיכטע ניט אָנגע־שטאַנען. האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט די מלאכה.

ווען ער טרייבט די קאַר, וויל ער אַז אַלע גאַסן זאָלן זיין ליידיק. קיין איין מענש זאָל זיך דעמאָלט אין גאַס ניט באַווייזן! אַז קיין אָטאָמאָביל, קיין פערד און וואָגן און קיין בייסיקל זאָל זיך דעמאָלט אין דרויסן ניט געפינען. אפילו קיין מענשן זאָלן זיך אין די גאַסן נישט אַרומדרייען. דאָס מאַכט אים שטאַרק נערוועז... סטייטש, ער וועט פאָרן, קען נאָך, חלילה, אימיצער מיט אַן אַנדער מאַשין אָנקומען פון אַ זייט און אַריינפליען אים אים! און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט אַריינפאָרן אין אַן אַנדערן און יענעם צעממיתן? אַ שיינע חתונה קען דערפון אַרויסקומען! ער קען נאָך, חלילה, איבער־פאָרן אַ טאַטן פון אַכט קינדער. דער געדאַנק אַליין מאַכט אים נערוועז!

און ביי מיר האָלט ער אין איין פרעגן: אַלעמאַי פליען אַרום

אַזוי פיל אַטאָמאָבילן אין די גאַסן? ווער דאַרף זיי האָבן? און נאָך וואָס דאַרף מען האָבן אַט די אַלע וועגן מיט די פערד? וואָס פאַר אַ נוצן ברענגען זיי? און ווער דאַרף האָבן די סטריט-קאַרס? און אַלעמאַי פּלאָנטערן זיך אַרום אַזוי פיל מענשן אין די גאַסן? זענען זיי נישט קראַנק צו זיצן אין הויז? ווער דאַרף זיי, ווער? ממה נפשך: האָבן זיי אַרבעט, דאַרפן זיי זיצן אין די שעפּער און אַרבעטן; האָבן זיי נישט קיין אַרבעט, וואָס-זשע קריכן זיי אַרום אין די גאַסן און וואַרטן מען זאָל זיי איבערפאָרן?

האָט ער דערזען אַ מאַשין אָדער אַ פערד און וואָגן, אָדער אַ קינד, מיט צען בלאָק ווייטער, איז ער באַלד געוואָרן טויט ווי אַלע טויטע! די הענט און די פיס האָבן אָנגעהויבן ביי אים צו ציטערן, די אויגן צו פינטלען און ער האָט נישט אויפגעהערט צו טרובען.

איצט איז מיין חבר אשר געפאַלן אויף אַ שכל. הערט, אדרבא, אַן איינפאַל:

איידער ער וויל אַרויספאָרן מיט זיין מאַשין, שיקט ער מיט עטלעכע טעג פריער אַרוים בריוו צו אַלע מענשן וואָס האָבן מאַשינען, אַז דעם און דעם טאָג זאָלן זיי זיך נישט וואַגן צו באַווייזן אין די גאַסן, ווייל ער דענקט אַרויספאָרן.

און צו די מוטערס שיקט ער אַפילו דורך די צייטונגען, אַז זיי זאָלן די און די צייט נישט אַרויסלאָזן זייערע קינדער אין גאַס, טאָמער וועט זיך טרעפן אַן אומגליק, וועט ער ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך. און צו דעם „ראָוד דעפּאַרטמענט" שיקט ער אַריין אַ ביטע, אַז טאָמער געפינט זיך ערגעץ אין אַ גאַס אַ גריבעלע אָדער אַ בערגעלע, זאָל מען דאָס באַלד פיקסן. און אויב מעגלעך, זאָל מען אַריבער-מופן די טעלעגראַף סלופּעס. זיי שטייען צו נאָענט צום „גאָדער". און אויב מעגלעך, זאָל מען ברייטער מאַכן געוויסע גאַסן.

אַנומעלטן זאָגט ער צו מיר: „ווילסט נעמען אַ „ראַיד" אין מיין מאַשין?"

— ווער וועט זיין דער שאָופער, דו אָדער דיין פרוי?

— איך וועל זיין דער שאָופער.

— אויב אַזוי, פאַר איך נישט. איך בין נאָך אַ יונגער מענטש, איך קען נאָך לעבן און לעבן.

אָט אַזאַ נערוועזער מענש איז מיין חבר און לאַנדסמאַן אשר.

אַ יאַזדע קיין פלאָרידאַ

קומט אריין א גוטער פריינט צו מיר אין הויז, א פריילעכער, און מאכט מיר א פאָרשלאָג, איך זאָל מאכן מיט אים א רייזע אזש קיין פלאָרידאַ.

—איך פאָר אליין, אָן מיין ווייבל; אליין איז די נשמה ריין; וויל איך דו זאָלסט מיטפאָרן מיט מיר. וועט מיר זיין פריילעכער און דיר וועט אויך גאָרנישט פעלן.

פרעג איך אים:

—דו פאָרסט מיט דער טריין?

—וואָס פארא טריין, וואָס פארא שמיין! איך פאָר מיט מיין מאַשין, פאָר איך.

—מיט׳ן פאָרד׳ל?

—יאָ, מיט מיין פאָרד׳ל.

— און וואָס הערט זיך מיט הוצאות? עס דאַרף דאָך קאָסטן געלט — זאָג איך.

— איך האָב עטלאכע טאָלער. מיין חיה־בלומקע וויים ניט דערפון; דאָס האָב איך זומער־צייט געוואונען אין קאָרטן, וועל איך האָבן גענוג פאר זיך.

און ער מאכט מיר א חשבון, אז ער דאַרף מער נישט האָבן ווי א צוויי הונדערט דאָלאר: 60 דאָלאר אויף גאַז, אויל און אנ־דערע קלייניקייטן. אויף עסן, שלאָפן און זיין א צוויי וואָכן אין מיאמי, דאַרף ער האָבן דאָס איבעריקע, און אזוי פיל האָט ער כמעט.

— וואָס הייסט ביי דיר כמעט? — פרעג איך מיין חבר.

— כמעט הייסט ביי מיר, אז א 50 דאָלאר האָב איך, פעלט מיר נאָך, הייסט עס, אוים הונדערט מיט 50 דאָלער.

— וואָס זשע ווילסטו פון מיר?

— וויל איך, אַז דו זאָלסט מיטפאָרן מיט מיר, וועט אונדז,

צוזאַמען, קאָסטן ביליקער; וועל איך צוליב דיר קאָנען מאַכן די יאַזדע, און דיר וועט אויך נישט קאָסטן קיין סך. די גנז און די אויל איז דאָסזעלבע; בלייבט איבער בלויז עסן און שלאָפן, וועלן מיר עסן נישט קיין סך און איין מאָל אַ טאָג, און שלאָפן וועלן מיר אין זעלבן בעט. פאַר איין בעט דאַרף מען נישט צאָלן אַזוי פיל ווי מ׳צאָלט פאַר צוויי בעטן.

— ווי איז אָבער דער דין, אַז איך האָב אויך נישט קיין געלט?

— האָב איך אַ פּלאַן: דו זאָלסט סיי ווי סיי מיטפאָרן מיט מיר; צוליב פּריילעכקייט וועגן.

— איך דאַרף דאָך אָבער עסן און שלאָפן און אַמאָל אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן.

— דאָס איז בלאָטע! איך וועל מיטנעמען גענוג פאַר דיר אויך; קיין געלט האָב איך נישט; אָבער העמדער און זאָקן און קראַוואַטלאַך האָב איך פּלענטי.

וועגן די נאַרישקייטן דאַרפן מיר אַפילו נישט ריידן — באַמערקט מיין חבר — זע צו קריגן אַ פּאָר טאַלער און קום; דאָס וועטער איז איצט, ווי געבוירן פאַר אַזאַ רייזע; טראַכט נישט און קום.

— עס וועט מיר זיין שווער אָוועקצופאָרן פון מיין פרוי, גלאַט אַזוי אין מיטן דערינען. ווי גאָרנישט, דאַרף אַזאַ יאַזדע נעמען אַ חודש; און אַ חודש וועט מיין ווייבל נישט וועלן זיין אָן מיר.

— איך פאַרשטיי; אָבער מ׳מוז אַמאָל זיין אָן דער פרוי אויך; עס עסט זיך צו; דערפאַר, אַז דו וועסט אַהיימקומען, וועסטו זיין אַ גוטער גאַסט; וועט זי דיך ערשט וויסן ווי צו שעצן, ווי אָפּ־צוהיטן.

הכלל, ער האָט אַזוי לאַנג גערעט ביז איך האָב צוגעשטימט. מיין ווייבל איז דעמאָלט געוועזן אין גאַס.

אַז מיין ווייבל איז אַהיימגעקומען און איך האָב איר דער־ציילט די גאַנצע מעשה, האָט זי נישט געוואָלט הערן דערפון; זי וויל בשום אופן נישט בלייבן אָן מיר; און ווער ווייסט וואָס אויף אַזאַ רייזע קאָן זיך טרעפן! מ׳קאָן אונדז דערהרגענען ער־

גען און אריינוואַרפן אונדזערע קערפּערס אין אַ זומפּ, אָדער אין אַ טייך, אָדער מ׳קאָן אונדז אַזוי לאָזן ליגן און שוואַרצע קראָען זאָלן אונדזערע קערפּערס אויפעסן, אָדער מ׳קאָן מאַכן אויף אונדז אַ האָלד־אָפּ, צונעמען די פּאָר דאָלאַר מיט דער מאַשין און מיר וועלן ביידע בלייבן נישט אהין און נישט אהער. מיר וועלן זיך דאַרפן שלעפּן חדשים־לאַנג צו פוס ביז מיר וועלן צוריקקומען. אָדער עס קאָן זיך טרעפן אַן ערד־ציטערניש, אָדער אַ פאַרפליציונג און מיר וועלן האָבן ביידע אַ שווידערלעכן טויט.

אָבער איך האָב געהאַט שכל: איך האָב זי באַלד גענומען קושן און זיך בעטן ביי איר:

— טייערע, לאָז מיר מאַכן די רייזע! דו ביזט דאָך אַזאַ גוטע, אַזאַ שיינע, אַזאַ יונגע, אַזאַ אינטעליגענטע — לאָז מיך, זיי אַ ספּאָרט. אָט לאָזט חיה־בלומקע איר לואי׳ן אויך פאָרן; און זי ליבט איר מאַן נישט ווינציקער ווי דו מיך.

און איך האָב זי ווידער און ווידער געקושט היים און הייסער, און דאָס האָט געהאָלפן.

דריי טעג שפּעטער זענען מיר, איך און לואי, געווען אויף דער רייזע קיין פלאָרידאַ.

און איצטער הויבט זיך ערשט אָן דער אמת׳ער טראָבל: ער, לואי, האָט געהאַט ביי זיך 50 דאָלאַר און איך 50; צוזאַמען האָבן מיר, הייסט עס, געהאַט אַ הונדערטער.

האָט די מאַשין באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זי איז נישט בכוח צו מאַכן אַזאַ לאַנגע יאַזדע, נישט פאַר אירע כוחות.

און מען האָט, באַלד, אויפ׳ן ערשטן טאָג, געמוזט אויסגעבן 14 דאָלאַר פאַר צוויי נייע טײַרס און 4 דאָלאַר פאַר 6 נייע „ספּאַרק־פּלאָגס". און גריזן און געז און זעקס קוואָרט אויל האָט אויך געקאָסט 5 דאָלאַר מיט 30 סענט.

האָט איר שוין אריבער 23 דאָלאַר.

אויף דידאָזיקע הצאות האָבן מיר זיך נישט גערעכנט.

אויפ׳ן צווייטן טאָג האָט דער „דזשענערייטאָר" גענומען מאַכן מאָנקי ביזנעס און מען האָט אים געמוזט אויסבייטן פאַר אַ נייעם, האָט אונז ווידער געקאָסט 10 דאָלאַר.

אויפ׳ן פערטן טאָג האָבן מיר שוין געהאַט אויסגעגעבן פאַר

דער מאַשין אַליין 45 דאָלאַר מיט 85 סענט.

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן קוים־קוים דערגרייכט מי־אַמי ביטש, אָבער אויף עסן און שלאָפן האָט זיך אונדז נישט אָפּגעשטעלט מיר האָבן אינגאַנצן געהאַט, ביי זיך 29 דאָלאַר. איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך באַלד אומקערן אַהיים.

אויב די מאַשין וועט נישט באַדערן, אויב זי וועט זיין אַ מענטש און נישט מאַכן קיין מאַנקי־ביזנעס, וועלן מיר, אפשר, האָבן גענוג די 29 דאָלאַר אויף געז און אויף אויל.

און וואָס וועט זיין מיט עסן און מיט שלאָפן?

גאָרנישט וועט זיין; גוטע ברידער, חברים, וועלן זיך אַן עצה געבן.

און מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון פּלענער: איינער פון אונדז זאָל עסן ברעקפעסט און דער צווייטער — דינער. און ווידער איינער סאַפּער און ווידער איינער ברעקפעסט.

מיר זאָלן דעם זעלבן מאָלצייט נישט עסן צוזאַמען; איין מאָל־צייט מוז ווערן איבערגעהיפּט. און שלאָפן זאָלן מיר ביידע אין דער מאַשין: מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן לעבן אַ וואַלד, אָדער הינטער אַ שטעטל אָדער אַ דערפל, פאַרשליסן די קאַר פון אינ־וויניק און שלאָפן.

אָט אַזוי ווי איר הערט, האָבן מיר זיך געמוטשעט צוויי וואָכן.

אַהיימגעקומען זיינען מיר ביידע מיד און קראַנק, מיט בלאַסע פּנים׳ער און איינגעפאַלענע אויגן; די מאַגנס האָבן נישט געאַר־בעט און בערד האָבן מיר געהאַט ווי מיר וואָלטן געווען חזנים.

אָבער פאַר אונדזערע פרויען האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין באַרימען, אַז מיר האָבן געהאַט אַ „מאַרוועלאַז טאַים״.

אַ הומאָריסטישער יתום

פייביש דער הומאָריסט קומט אריין אין דער רעדאקציע, א פארוויינטער, מיט פארשוואָלענע אויגן. דער רעדאקטאָר דערזעט אים און רופט אויס: „גוט וואס דו ביזט געקומען! איך וואַרט אויף דיר ווי אויף משיח'ן . . . איך דאַרף נויטיק האָבן אויף מאָרגן א הומאָרעסקע. אָבער א הומאָרעסקע, עס זאָל קנאַקן! מענטשן זאָלן שטאַרבן לאַכענדיק!"

— איך קאָן היינט ניט שרייבן קיין הומאָרעסקעס. איך בין א יתום געוואָרן, מיין מאַמע איז מיר נעכטן געשטאָרבן. איך קום דאָס ערשט פון דער לויה. איך האָב ערשט מיט א שעה צו־ריק קדיש געזאָגט; לאָזט מיר בעסער אהיים גיין שבעה זיצן — און דער הומאָריסט פייביש צעכליפּעט זיך .

— פע! — רופט אויס דער רעדאקטאָר — פע! ניט שיין פאַר א הומאָריסט צו וויינען! איבעריקעס, קענסטו דאָך פריער אויפשרייבן די הומאָרעסקע און שפּעטער וויינען; דאָס וויינען וועט ניט אַנטלויפן; מאָרגן איז אויך אַ טאָג.

— אָבער איך קאָן ניט — בעט זיך דער הומאָריסט מיט טרערן אין די אויגן — איך קאָן ניט, ערשט א יתום געוואָרן, ערשט אויפ'ן בית־עולם געווען, ערשט קדיש געזאָגט — ווי קאָן איך איצט שרייבן הומאָרעסקעס?

ווערט שוין דער רעדאקטאָר אויפגערעקט און שרייט:

— עס וועט דיר ניט העלפן קיין וויינען און קיין קלאָגן! די הומאָרעסקע מוזטו אָנשרייבן; און טאַקע באַלד, אויב ניט, קאָנסטו זיך זוכן אַן אַנדער שטעלע; פאַר פופציק דאָלער אַ וואָך קאָן מען קריגן א הומאָריסט, א פאַרטיקן יתום, אָן אַ טאַטן און אָן א מאַמען. פאַראַן גענוג הומאָריסטן יתומים!

אויף מאָרגן האָט שוין אין דער רעדאקציע געאַרבעט אַן אַנ־דער הומאָריסט, אַן אַלטער, איינגעטריטער יתום, וואָס האָט ניט קיין טאַטן און ניט קיין מאַמען.

„ליידיעס פוירסט"

א מאָל איז געווען אַ בחור מיט אַ מיידל. ביידע אָרעמע, ביידע יתומים, ביידע דערשלאָגענע און ביידע פינטשעווער. אַ שטעטל אַזאַ וואָס מען רופט עס פינטשעוו. האָט זיך אַ איד אַ שדכן, וואָס מען רופט אים כמעט ביינוש, אריינגעמישט צווישן דעם בחור מיט דער מיידל און זיי אריינגעפירט אין אַ גרויס אומגליק. ער האָט זיי געמאַכט פאַר חתן־כלה. פון די חתן־כלה האָט פאַמעלעך אַרויסגעשפּראָצט אַ ליבע, אַ חתונה, פון דער חתונה — אַ טראַגעדיע.

פון דער טראַגעדיע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קליין בערעלע, אַ קאַראַפּוזיקל מיט שוואַרצע הערעלאַך און אַ פּלאַטשיק נעזעלע. און געקומען איז דאָס בערעלע אויף דער וועלט מיט שרעקלעכע קולות. עס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי ער שרייט אויף זיינע עלטערן אַלעמאַי זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון ביינוש דעם שדכן.

א האַלב יאָר נאָך דער חתונה האָבן זיי פאַרלאָזן פינטשעוו, אַוועק קיין קראָקאָוו, פון קראָקאָוו קיין בערלין, פון בערלין קיין האַמבורג, פון האַמבורג אויף אַ שיף, פון אַ שיף — גלייך אריין אין ניו יאָרק, אין אַטוירני שטראַסע נומער ערגער.

אויסגערוט זיך פון זיין רייזע, און זיך געזען מיט זיינעם אַ חבר, וואָס איז ביים טרייד אַ טשאַכאַטניק, איז ער נעגאַנגען אַרבעטן ביי הויזן. האָט ער אַזוי לאַנג געהאָרעוועט ביז ער האָט אָפּגעשפּאָרט דריי הונדערט דאָלאַר. האָט ער מורא געהאַט צו האַלטן דעם אוצר אין הויז, האָט ער עס אַריינגעגעבן אין באַנק.

און אַ באַנקיר, ווי איר ווייסט, האָט אַ טבע ניט צו באַרייסן זיינע קאָסטאָמער. ווען אַ דעפּאָזיטאָר האָט למשל אין באַנק טויזנט דאָלאַר, קריגט ער אָנגעפייפט פונקט פאַר טויזנט דאָלאַר און טאָמער בערעלע זייערם מיישב געווען: וואָס וועט ער לאָזן אַנדערע בערעלעך, איינגערע פאַר אים שטאַרבן פון דער מגפה און

האָט איינער בלויז פופציק דאָלאַר, פּייפּט ער אים אָן פּונקט פֿאַר פופציק.

און אזוי ווי אונדזער פינטשעווער יתום האָט געהאַט אין באַנק בלויז דריי הונדערט דאָלאַר, האָט מען אים אָנגעפּייפּט פּונקט אויף אַזאַ סומע (ניט אַ סענט מער).

פּטור געוואָרן פון די עטלאַכע דאָלאַר, האָט אויסגעבראָכן די קינדער־מגפה (אינפאַנטיל פּאַראַליזיס). האָט זיך דאָס קליינע ער וועט ארומגיין געזונד און שטאַרק און לאַכן פון דער וועלט? וואו איז יושר? סאָלידאַריטעט? עס איז דאָך אַ חרפה פאַר פרעמדע מענטשן! האָט ער קיין סך ניט געטראַכט, ביי קיינעם ניט געפרעגט (אפילו ניט ביי זיין טאַטע־מאַמע) און זיך אריינגעלייגט אין בעט און איידער וואָס־ווען, איז ער שוין אוועק שלאָפן אונטער אַ שטום־זאַמד־בערגעלע, וואו די ווינטן וויינען.

און אזוי ווי די צייט איז געלאָפן (די צייט האָט קיין מאָל קיין צייט ניט, זי איילט זיך תמיד) און קיין אנדער געלט האָבן זיי נישט געהאַט און קיין אַנדער קינד איז נישט געקומען האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פיינט צו האָבן (פּאַרהייראַטע מענטשן קאָנען דאָס זייער גרינג אויספירן). זי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף פרעמדע מע־נער און ער — אויף פרעמדע פרויען.

האָט זי אויסגעפונען וואָס ער טוט, און ער האָט אויסגעפּו־נען וואָס זי טוט, איז פוןביידע טועכצן ארויסגעשפּרונגען צווישן מאַן און פרוי אַ הייסע דעבאַטע.

און וואָס מיינט איר האָבן זיי דעבאַטירט: ער האָט דעבאַ־טירט, אַז ער איז דער ערשטער באַרעכטיקט זיך איינצוליבן אין אַ פרעמדער פרוי און זי האָט ארגומענטירט, אַז זי דאַרף זיין די ערשטע איינצוליבן זיך אין אַ פרעמדן מאַן. און אויסגלייכן האָבן זיי זיך ניט געקאָנט. וואָס טוט מען? ווי קריכט מען ארויס? האָט זיי אַ שכן אַן עצה געגעבן: פאָלגט מיך און פרעגט אָן ביי קלוגע מענטשן. ביי מענטשן וואָס זיינען שוין לענגער אין אַמעריקע ווי איר, וואָס זיינען שוין לענגער פּאַרהייראַט ווי איר. האָט זי פון גאָר נישט געוואָלט הערן און גע׳טענה׳ט איר טענה: איך דאַרף זיין די ערשטע, ווייל אין אַמעריקאַ האַלט מען פון „לידים פוירסט"

דער סוף איז געווען, אַז זי האָט אויסגעפירט, נישט ער.

אַ דריטער קאָזין

ווי נאָר איך האָב זיך אוועקגעזעצט צום טיש שרייבן און גע־נומען קנייטשן דעם שטערן און טראַכטן וואָס צו שרייבן — פּונקט דעמאָלט האָט מיר מיין פרוי געלאָזט וויסן, אַז עפּעס אַ איד מיט אַ אידענע מיט צוויי קינדער, אַ אינגל און אַ מיידל, זיינען געקומען און ווילן מיט מיר עפּעס רעדן. וואָס, ווייסט זי נישט.

האָב איך זיי געהייסן אַריינלאָזן. לאָזט זיך אַריין אַ איד פון די היימישע אידן, מיט היימישע מאַניערן. און די אידענע, אַן אָפּ־געלאָזענע, אַ האַלב־פאַרשלומפּערטע, און די קינדער אויך אָפּגעלאָזענע, מיט קויטיקע נעזלעך און בלאַטיקע פּנים׳לעך.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — פרעג איך דעם אידן — וואָס קען איך טאָן פאַר אייך, איך האָב קיין צייט ניט, מאַכט עס שנעל.

— איך בין דיינער אַ דריטער קאָזין — לאָזט מיר דער איד וויסן, — איך בין דאָס איצטער געקומען צו דיר אַזש פון באָסטאָן. לאָז מיר אוועקלייגן די רענצלעך, גיב מיר אַ צימער, און אַז איך וועל עפּעס אָפּעסן און זיך אויסרוען, וועל איך דיר אַלץ דערקלערן; וועסטו וויסן ווער איך בין און וואָס איך בין און ווי אַזוי איך בין דיינער אַ דריטער קאָזין. דאָס וואָס איך „אירץ" דיך נישט, איז שוין אַ סימן, אַז איך וויים וואָס איך רעד.

איך האָב אוועקגעלייגט די פּעדער, אוועקגעשיקט די פּאָר געדאַנקען און זיך גענומען אינטערעסירן מיט די געסט.

דער איד איז מיר געוואָרן זייער אינטערעסאַנט. אַ איד, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען, קומט אַריין אין הויז צו מיר מיט אַ ווייב און צוויי קינדער און ער רעדט צו מיר ווי צו אַ אינגל און ער שאַפט זיך מיט מיר און מיט מיין פרוי — אַזאַ אידן דאַרף מען אויסהערן.

איך האָב אים אָנגעוויזן אַ צימער. מיין פרוי האָט געמאַכט קאַווע, אוועקגעשטעלט אייגענע געבאַקענע קיכלעך. דער איד האָט זיך צוגערוקט צום טיש, גענומען טרינקען די קאַווע און צובייסן. און

נאָך יעדן זופּ האָט ער זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס מיט די פינגער.

ווען מיין פרוי האָט אים אָנגעגאָסן דאָס צווייטע טעפּעלע קאַווע און צוגעלייגט נאָך קיכלעך, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איצטער הער: איך בין דוד בעריש אַבעלעס, אַבעלע דעם שוחט'ס. איך בין זיין עלטסטער זון. איך הייס נאָך מיין זיידן דוד בעריש. אונזער פאַמיליע נאָמען איז באַבער. מיין זיידע, נאָך וועמען איך הייס, האָט געהייסן דוד־בעריש באַבער און איך הייס אויך דוד־בעריש באַבער. איך בין אַבעלע דעם שוחט'ס ערשטער זון. אַבעלע דער שוחט האָט געהאַט דריי ברידער: איציק, הענעך און אָשר. צוויי פון זיי, זיינען שוין, אונדז צו לענגערע יאָר, געשטאָרבן און איינער, איציק, לעבט נאָך. מען קען גיכער זאָגן, אַז ער לעבט נישט, נאָר ער מוטשעט זיך. ער איז ערגעץ אַ מלמד און ער שטאַרבט פאַר הונגער דריי מאָל אַ טאָג.

די באָבע מיינע האָט מען גערופן באַשע לאה גענענדלס. געווען אַ פרומע, אַ גאָטס פאַרכטיקע פרוי. נישטאָ היינט אַזעלכע פרויען. באַשע לאה גנענדלס איז געווען דעם זיידנס צווייטע פרוי.

די ערשטע פרוי זיינע האָט געהייסן שרה־חיה. האָט ער מיט איר קיין קינדער נישט געהאַט, האָט ער זיך מיט איר גע'גט און באַלד חתונה געהאַט מיט דער באָבען. מיט איר האָט ער געהאַט פינף קינדער: אַבעלע, איציק, הענעך, אשר, און איין טאָכטער, פייגע חנה. די דאָזיקע פייגע חנה האָט חתונה געהאַט פאַר אריה לייזערן. דער אריה לייזער איז געווען נחמן דעם ווינשענקערס אַ ברודער. ער איז אַ יאָר נאָך דער חתונה געשטאָרבן אין גאַס און זי, די יונגע אַלמנה, איז אַוועק קיין לעמבערג און דאָרטן ווידער חתונה געהאַט פאַר אַ לשון־קודשדיקן לערער מיטן נאָמען פּנחס קאָרקער. וואו זי איז איצט, ווייס איך נישט; אודאי שוין געשטאָרבן.

דער גאַסט האָט זיך אַליין אָנגעגאָסן נאָך אַ טעפּעלע קאַווע, אריינגענומען אין מויל אַ שטיקל צוקער און אַזוי, מיט די צוקער אין מויל, ווייטער גערעדט:

— אונדזער עלטער באָבע, דבורה הענע, איז געווען אַ טוקערין. זי איז געווען אַ שוועסטער צו גיטעל שפּרהס. גיטל שפּרהס איז געווען דריי מאָל פאַרהייראַט און מיט אַלע דריי מענער קיין קינדער נישט געהאַט. זי איז געווען נישט קיין געזונטע. מיין מאַמע, אונדז צו

לענגערע יאָר, פֿלעגט עס דערציילן. מיין מאַמע איז געווען דעם בעקאָווסקער דיינ׳ס אַן איניקל און געהייסן האָט זי ציפּורה. נאָר אַזוי ווי איר מוטער האָט געהייסן חוהלע, האָט מען זי גערופֿן ציפּורה חוהלעס. ווייטער איז געווען אין אונדזער משפּחה אַ פֿעטער עליע, אַ פֿעטער אהרן, אַ פֿעטער גדליה און אַ פֿעטער סענדער. אַלע פֿיר פֿעטערס זיינען געווען גאַרבערס. פֿלעגן אויסגאַרבן פֿעל און פֿאַר־קויפֿן צו די לעדער־הענדלער. די פֿיר פֿעטערס זיינען געווען שטאַרקע מענטשן. גבורים! דער אינגסטער פֿון זיי איז געשטאָרבן צו 88 יאָר. נישטאָ היינט אַזעלכע דורות, און פֿרומע אידן געווען; אידן, וואָס פֿלעגן גאַרבן פֿעל און בשעת מעשה זאָגן תהלים.

די פֿיר פֿעטערס האָבן געהאַט אַ שוועסטער: פֿריידע האָט מען זי גערופֿן. די דאָזיקע פֿריידע האָט חתונה געהאַט מיט אַ מלמד פֿון קאָנטשיקע און געהאַט מיט אים זעקס קינדער. איינער פֿון די זעקס האָט געהייסן גרשון. און אָט־אָ דער גרשון איז געווען דיין זיידע.

דער גאַסט האָט אַריינגעלייגט נאָך אַ שטיקל צוקער אין מויל און געענדיקט: איז גרשון געווען... שאַ, איך האָב זיך שוין אַליין צעטומלט... ווער איז טאַקע געווען דער גרשון? יאָ, דער דאָזיקער גרשון האָט חתונה געהאַט פֿאַר דער מומע צירלס אַ טאָכטער, שפּרינצע ביילע, און געהאַט מיט איר זיבן קינדער: פֿינף מיידלעך און צוויי אינגלעך. איינער פֿון די אינגלעך האָט געהייסן זלמן לייב. און אָט־אָ דער זלמן לייב איז דאָס געווען דיין פֿאָטער. אַ־יאָ, דיין פֿאָטער האָט געהייסן זלמן לייב?

— ניין, זאָג איך, מיין טאַטע לעבט נאָך, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און ער הייסט נישט זלמן לייב, נאָר הערשל. הערשל ברוך׳ס רופֿט מען אים.

— עס קען נישט זיין! — שפּאַרט זיך דער גאַסט, — עס קען נישט זיין!

— ווער ווייסט בעסער ווי מיין טאַטע הייסט — איך, צי איהר?

— איך ווייס בעסער! — בייזערט זיך דער איד — און ער זופּט די הייסע קאַווע.

— פֿון וואַנען שטאַמט איר?

— פֿון דער ליטע.

— און מיין טאַטע איז גאָר אַ גאַליציאַנער; ער איז און וועט

לאַכט, אידן, לאַכט

בלייבן אַ גאַליציאַנער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

— וואָס רעדסטו?

— דאָס וואָס איר הערט. איר האָט אַפּנים אין זינען אַן אַנדער פאַמיליע, נישט מיינע. ווי קומט צו מיר אַזאַ גרויסע כאַליאַסטרע? אַזוי פיל מלמדים און שוחטים און דיינים און גאַרבערס?

— ווי רופט מען דיך? — טוט ער פּלוצים אַ פרעג — ווי איז דיין נאָמען?

— מיך רופט מען יעקב.

עס קען ניט זיין! אַבי איך האָב געמיינט, אַז מען רופט דיך אַברעמל!

— ניין, איך הייס יעקב.

— ביזטו זיכער?

— זיכער!

— האָב איך, הייסט עס, טאַקע געמאַכט אַ טעות; אויב אַזוי מוז מען גיין אויפזוכן אַברעמלען.

— ווי איז אַברעמלס צווייטער נאָמען? — פרעג איך.

— אַברעמל גרינשפּאַן.

— אויב אַזוי, האָט איר טאַקע פאַרבלאָנדזשעט; דער אַברעמל גרינשפּאַן וואוינט דאָס צווייטע הויז פון דאַנען.

און איך האָב דעם אידן מיט זיין ווייב און צוויי קינדער צוגעפירט צו אַברעמל גרינשפּאַן; זאָל אַברעמל גרינשפּאַן זיין זיין דריטער קאָזין, איך פאַרגין עס אים פונם גאַנצן הארצן.

די באַנען

... אַך, די באַנען, די באַנען! ווען איך זאָל זיין, הערט איר, דער פּרעזידענט פון אַמעריקע, וואָלט איך אין גאַנצן אָפּגעשאַפט די באַנען. וואו שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז האָבן באַנען?

איר פרעגט: אַלעמאַי איך בין אַזוי אין כעס אויף די באַנען? אויב איר פרעגט, וועל איך אייך ענטפערן: בחנם איז קיינער ניט אין כעס; כאָטש אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז כעס איז אַן עבודה זרה; נאָר מאַלע וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט! אַלעמאַי זיי האָבן געזאָגט אין פּרק: אַז צו פערציק יאָר דאַרף אַ מענטש האָבן שכל. נו, איז דען פאַראַן ווייניק פערציק יעריקע שוטים? און אַז דער פּרק זאָגט, אַז צו אַכטצן יאָר דאַרף מען חתונה האָבן — נו, האָט מען חתונה?

נאָר לאָמיר ניט פאַרקריכן אין בויבעריק. איך וויל אייך בלויז אַרויסברענגען, אַז איך בין נישט אומזיסט אין כעס אויף די באַנען.

איך בין, ווי איר קוקט מיך אָן, אַ ליטוואַק; דאָס הייסט, אַז מען וויל רעדן דאָס אייגענע אויף צוריק, בין איך בלויז אַ האַלבער ליט־וואַק. מחמת די מאַמע מיינע, אונדז צו לענגערע יאָר, איז געווען פון גאַליציען. אָבער, עס מאַכט ניט, אַ מאַמע איז אַ מאַמע, כאָטש זי קומט פון גאַליציען. בין איך, הייסט עס, אַ האַלבער ליטוואַק און אַ האַלבער גאַליציאַנער. „פיפטי־פיפטי", ווי מען זאָגט דאָ אין אַמעריקע, און איך בין, אין מיין גאַנצן לעבן ניט געווען אין קיין טעאַטער און ניט אין קיין מואוויס. אין דער היים, ביי אונדז, אין פיטשעריטשע, זיינען די זאַכן נישטאָ.

ווען איך בין, מיט דרייצן יאָר צוריק, אַהער געקומען, זאָגט צו מיר די שנור מיינע: „שווער, לעבן, קומט מיט מיר אין די מואווינג פיקטשעס".

פרעג איך זי: „וואָס איז דאָס?" זאָגט זי: „קומט, וועט איר זען."

טראַכט איך, וואָס קען איך דאָ, אַ שטייגער, פאַרלירן? גיי איך מיט איר אין די מואווים.

קום איך אַריין אין אַ גרויס פינצטער פּלאַץ, וואָס איין מענטש זעט ניט דעם אַנדערן; וואו ס'איז שווער צו דערקענען דעם חילוק פון זכרים און נקבות. חושך ווי אין מצרים!

פרעג איך ביי מיין שנור: „פּעשעלע, פאַרוואָס צינדט מען ניט אָן קיין לאָמפּ? מ'קען דאָך דאָ הרגענען אַ מענטשן קיינער זאָל אפילו ניט זען?" לאַכט זי, די שנור מיינע: „עס איז אומיש־נע געמאַכט פינצטער, זאָגט זי, עס דאַרף אַזוי צו זיין. זעצט איך אַוועק, שווער לעבן, און קוקט אויפן לײַלעך און שווייגט."

פאָלג איך מיין שנור, זעץ זיך אַוועק און איך קוק אויפן לײַלעך און איך שווייג.

איר ווילט וויסן, וואָס איך האָב געזען? זאָג איך אייך, אַ חידוש אין דער וועלט! אַ כישוף:

אַ גרויסע בריק האָט זיך איינגעבראָכן; צוויי ראַטעס סאָלדאַטן זיינען אַריינגעפאַלן אין וואַסער און דערטרונקען געוואָרן, אַ דריטע ראָטע האָט חרוב געמאַכט אַ דאָרף, אונטערגעצונדן אַלע הייזער, דער־נאָך האָבן אינדיאַנער אַוועקגענבעט אַ פערד פון אַ שטאַל און אַנ־דערע אינדיאַנער האָבן אים דערפאַר געשאָסן. דערנאָך האָבן זיך צוויי מענער געקושט מיט איין פרוי — און — — און דערנאָך האָט מיך אָנגעהויבן צו שלעפערן, האָב איך פּאַמעלעך פאַרמאַכט די אויגן און געכאַפּט אַ דרעמל.

ווי לאַנג איך האָב אַזוי געדרעמלט ווייס איך ניט, כ'האָב ניט גע־קוקט אויפן זייגער, אָבער ווען כ'האָב צוריק געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויפן לײַלעך, האָב איך געזען אַ וואַלד, לעבן וואַלד — רעלסן פון אַ באַן, אויף יענער זייט רעלסן — אַ טייכל, אַ לויטער טייכל ווי קרישטאָל, אַ היימיש טייכל.

קוק איך מיר אַזוי אויפן לויטערן טייכל און כ'קען די אויגן ניט אָפּרייסן דערפון! פּלוצים... קומט אַרויס פון אַ געדיכטן וואַלד אַ מיידל, אָבער אַ מיידל, אַ יפת תואר, אַ קראַסאַוויצע, איינע אין דער וועלט. אַזאַ שיין מיידל האָבן נאָך מיינע אידישע אויגן קיינמאָל ניט געזען. איז זי אַזוי אַרויס פון אַ געדיכטן וואַלד, איינע אַליין, איז צוגעגאַנגען צום טייכל, זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן אויב

קיינער זעט ניט און זי האָט זיך גענומען אויסטאָן... איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז זי וויל זיך באָדן אין טייכל. ניט קיין נאַריש מיידל — האָב איך זיך געטראַכט — וואָס קאָן נאָך זיין בעסער אין אַזאַ הייסן טאָג, ווי זיך אָפּבאָדן אין אַזאַ קיל טייכל?

און דאָס מיידל וואַרפט פון זיך אַרונטער צוערשט דאָס אויבער־שטע קליידל, דערנאָך די שיך, די זאָקן, ביז זי בלייבט שטיין אין איין העמד.

און דאָס האַרץ ביי מיר — טיאָך, טיאָך, טיאָך, ס'קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, דער מח הויבט זיך אַזש פון שאַרבן! אָט ווערט מיר קאַלט, אָט ווערט מיר הייס, איך ווייס פשוט ניט אויף וועלכער וועלט איך בין. שטייט זיך אַזוי דאָס מיידל אין איין העמד און איך נעם פון איר די אויגן ניט אַראָפּ. איכ'ל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת: איך האָב זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין: סטייטש, איך, אַזאַ פרומער איד, וואָס דאַוונט יעדן טאָג, וואָס היט אָפּ אַלע תרי"ג מצוות, ווי גאָט האָט געבאָטן, זאָל קוקן אויף אַ האַלב נאַקעטע מיידל.

און ווידער קוקט זיך דאָס מיידל אַרום, און ווען זי זעט אַז מען זעט זי נישט, נעמט זי זיך שוין אויסטאָן דאָס העמד אויך... און... אָט־אָט בלייבט זי שטיין ווי די מאַמע האָט זי געהאַט... אָבער דאָ איז, פּלוצים, אָנגעלאָפן אַ באַן, אפשר מיט הונדערט וואַגאָנען און — אוים! אוים מיידל, אוים טייכל.

האָט מיך די געשיכטע שטאַרק פאַרדראָסן. נאָר גיי טענה זיך אוים מיט די היגע באַנען! פונדעסטוועגן האָב איך ניט אויפגעגעבן דעם בטחון. כ'האָב גערעכנט, די באַן וועט אַוועק, וועל איך ווידער זען דאָס מיידל. אָבער אומזיסט! ווי נאָר דער לעצטער וואַגאָן איז פאַרשוואונדן, האָט זיך די שפּיל געענדיקט. און אַ סוף!

אהיים גייענדיק, שפּעט ביינאַכט, פרעגט מיך די שנור מיינע: „נו, שווער לעבן, ווי איז אייך עפּעס געפעלן דאָס לעצטע בילד?"

„עט, האָב איך איר געענטפערט, „די באַן האָט אַלץ אַוועק־געהרגעט. ווען ניט די באַן, וואָלט געווען אַלראַיט".

אויף מאָרגן בין איך שוין געגאַנגען אַליין אין די מואוויס, אָן דער שנור, טאַקע אין זעלבן פּלאַץ. כ'האָב גערעכנט: אפשר וועט זיך היינט די באַן פאַרשפּעטיקן.

אָבער אומזיסט — די באַן האָט זיך ניט פאַרשפּעטיקט!

משה מעשעלס חשבונות

זיצט משה־משל דער שניידער, א מענטש אין די פערציקער, אן אויסגעמוטשעטער, מיט אן איינגעפאלענער ברוסט און האלב־פארלאשענע אויגן און רעכנט:

דעם לענדלארד בין איך שולדיק פאר פיר חדשים דירה־געלט 72 דאלער; פאר גראסעריס און פלייש און מילך און אייז בין איך שולדיק 24 דאלער; פאר דער נייער ראדיא — 10 דאלער מיט 50 סענט. אין ארבעטער רינג פאר דריי קווארטאלן, א חוץ 2 דאלער פאר בילעטן; דיוס צו דער יוניאן — 21 דאלער; דעם וויאלין־טיטשער — 10 דאלער; געבארגט ביי בעני דעם בארבער 10 דאלער; ביי דוד עליען — 15 דאלער; ביי סעמקע דעם שמש — 5 דאלער. וואס זאג איך 5, — 8 דאלער. 3 האב איך צוגעבארגט אויף מארגן. דעם שווער בין איך שולדיק 10 דאלער. געגומען סך־הכל אויף איין וואך און ס'איז שוין א האלב יאר. דעם שוואגער איטשען בין איך שולדיק 15 דאלער. דעם צווייטן שוואגער בין איך שולדיק 25 דאלער קעש. און קיין ארבעט איז ניטא, און ווער ווייסט ווען ס'וועט זיין. דערוויל איז ביטער.

קומט צו משה־מעשלס פרוי צו משה־מעשלען — אן אויסגע־טריקנטע פרוי מיט בלויע אדערן אויפן האלדז און מיט טרערן־קיש־קעלעך אונטער די אויגן — זעצט זיך אוועק לעבן משה־מעשלען און זי פרעגט:

— משה־מעשל, וואס שרייבסטו? וואס פאר א פעיפערל האלט־סטו אין האנט?

—איך רעכן, ווערמען איך בין אלץ שולדיק, — ענטפערט משה־מעשל מיט א זיפץ — אט איז דאס צעטל.

— און דאס וואס איך בין שולדיק רעכנסטו אויך?

— פון וואנען זאל איך וויסן וועמען און וויפיל דו ביזט שולדיק?

און די פרוי האט גענומען אויסרעכענען:

— דער מיסעם טשיפּטשיק — אַ דאָלער; דער מיסים גרינגאָל — אַ דאָלער; דער מיסים פון טאָפּ־פלאָר, צו דער רעכטער האַנט, 2 דאָלער; דער מיסים פינטשיק, פון דער לינקער האַנט, 50 סענט; דעם מצבה־מאַכער — 2 דאָלער; דעם זייגער־מאַכער — 3 דאָלער און ביי דעם אידן, וואָס פּעדלט מיט הייסע אַרבעס — אַ קוואָדער.

משה מעשל האָט אַלץ פאַרשריבן און אויסגערעכנט, אַז מיט צוויי הונדערט און פופציק דאָלער צאָלט ער אויס אַלע זיינע חובות.

טאָ וואו נעמט מען צוויי הונדערט און פופציק דאָלער?

בלייבט ער זאָל זיך בּאַראַטן מיט זיינעם אַ פעטער; אַ מענטש וואָס האָט אַמאָל געבּרענט אַ וועלט; געהאַט צו טאָן מיט וואָל סטריט.

האָט דער דאָזיקער פעטער אויסגעהערט משה־מעשלען, איבער־געקוקט דאָס לאַנגע צעטל מיט די חובות און אים, משה־מעשלען, אַריינגערופן אין שלאָף־צימער, פאַרשלאָסן די טיר און אים געגעבן אַן עצה, אַז ער, משה־מעשל, זאָל זיך דערקלערן באַנקראָט.

— נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג! — האָט דער קלוגער פעטער געזאָגט. — אַז דו וועסט זיך דערקלערן באַנקראָט, וועלן אַלע דיינע חובות אָפּגעמעקט ווערן; וועסטו בלייבן אַ ריינער מענטש, מיט אַ ריינעם געוויסן און דו וועסט האָבן אַ געזעצלעך רעכט צו מאַכן פרישע חובות... פאַרשטייט זיך, אַז נאָכן באַנקראָט וועסטו מוזן אַרויסמופן אין אַן אַנדער געגנט, ווייט־ווייט פון דאַנען; אין אַזאַ אָרט וואו מען קען דיך נישט.

— אַרעסטירן פאַר אַזאַ זאַך קען מען נישט? — פרעגט משה מעשל אַ צערודערטער.

— דו רעדסט ווי אַ שוטה! ווען מען זאָל פאַר אַזעלכע זאַכן קענען אַרעסטירן, וואָלטן אַלע געשעפטסלייט פון אַמעריקע געזעסן אין דזשייל.

— ניין, נישט איך וועל דאָס טאָן, נישט איך קען עס טאָן; איך בין שולדיק די פּאָר טאָלער צו אָרימע לייט; מיין געוויסן וועט מיך פּלאַגן... איך וועל אייך נישט פאָלגן, פעטער! איך וועל וואַרטן ביז די צייט וועט ווערן בעסער, וועל איך צוביסלעך אָלעמען באַ־צאָלן. מען קען נישט באַראַבעווען קיין אָרימע לייט.

דער פעטער האָט באַטראַכט משה־מעשלען און אַ זיפץ געטאָן:

„דו וועסט שוין, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרבן אַן אָרימאַן!"

אַ גוטע עלטער

פאַרוואָס איך וויין? פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען? אַז מען האָט אַ גוט קינד, מוז מען וויינען. דאָס זיינען פריידנס־טרערן.

איך מיין טאַקע דעם זון מיינעם. אַ באַרג מיט גאָלד האָט ער מיך אָפּגעקאָסט. געשטודירט אין ווין, אין רוים, אין פּאַריז. אַלע וואָך אים געדאַרפט שיקן געלט, אַ ברירה האָב איך געהאַט? מען קען דאָך נישט לאָזן שטיין אַ קינד אין מיטן דער אַרבעט. געשריבן האָט ער מיר: „טאַטע, לאָמיך נאָר אויסשטודירן, לאָמיך נאָר ווערן אַ מענטש מיט אַ שטיקל נאָמען, מיינע בילדער זאָלן אָנערקענט ווערן, וועל איך דיר אָפּצאָלן צען מאָל אַזויפיל. איך וועל דיך האַלטן ביי מיר אין הויז, עס וועט דיר גאָרנישט פעלן: וועסטו האָבן אַ רואיקע היים, איך וועל דיר פאַרשאַפן אַלע פאַרגעניגנס, וועסט האָבן אַ גליקלעכע עלטער. דערווייל, שיק מיר אַרוים דריי הונדערט דאָלער, שיק עס טעלעגראַפיש".

און גאָט האָט געהאָלפן. ער האָט אויסגעשטודירט, געוואָרן אַ מענטש, אַהיים געקומען מיט אַ שיינעם נאָמען. ער האָט שוין גע־נומען פאַר אַ בילד טויזנט דאָלער; דאָס איז געווען אַ בילד פון אַ שיין מיידל. ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין מאָלן פּאָרטרעטן פון שיינע מיידלעך. ער איז געוואָרן כמעט דער איינציקער אין דעם פאַך. ער האָט זיך געעפנט אַ סטודיאָ נישט ווייט פון צענטראַל פּאַרק. דאָרט קומען צו אים יעדן טאָג שיינע מיידלעך, מיט שיינע קערפּערס און זיי טוען זיך אויס פאַר אים מוטער־נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט און ער קוקט און קוקט אויף זיי און מאָלט בילדער. די דאָזיקע מיידלעך רופט ער אָן מאָדעלן. ער צאָלט זיי אויף דער שטונדע.

קיין גרויסע גליקן מאַכן זיי ניט, די דאָזיקע מיידלעך. עס טרעפט זייער אָפט, אַז זיי אַרבעטן פאַר דריי־פיר מאַלערס אין איין צייט. זיי דאַרפן זיך דריי און פיר מאָל אַ טאָג אויסטאָן און אָנטאָן

און זיך ווידער אויסטאָן און אַזוי אָפּשטיין אַ פּאָר שעה נאַקעטע פּאַר פּרעמדע מענערשע אויגן. מיין זון האָט צוויי מיידלעך, זייער שיינע און יונגע. ער צאָלט זיי בעסערע פּרייזן ווי אַנדערע.

איצטער, מיין פריינט, קום איך צום עיקר: ווען איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, געוואָרן אַן אַלמן, בין איך געבליבן אַליין אויף דער וועלט, בלויז דער איינער זון איז מיר געבליבן. מער קיין קינדער האָב איך נישט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין מער אין שטוב נישט גע־קאָנט איינזיצן; איך פלעג אויפשטיין פאַרטאָג, ווען גאָט האָט נאָך געשלאָפן, ווען די זון האָט זיך ערשט איבערגעקערט אויפן צווייטן זייט, זיך אָנגעטאָן, אַוועק אין שול צום ערשטן מנין, אָפּגעדאַוונט, אַוועק אַהיים, זיך אַליין געמאַכט אַ גלעזל וואַרעמס און נישט אויפ־געהערט צו קוקן אויף דער וואַנט וואו איר בילד איז געהאַנגען.

איז ווי לאַנג קען דאָס אַ מאַן קוקן אויף זיין פאַרשטאָרבענער פרוים בילד?

זאָג איך איינמאָל צו מיין זון:

— הערשעלע, די מאַמע איז געשטאָרבן, איך בין איינער אַליין אין הויז, ס'איז מיר סקוטשנע, אומעטיק, און אַרומשלאָנדערן אין די גאַסן האָב איך קיין כח נישט. די פיס מיינע דינען מיר נישט, זיי זיינען אַזוי ווי קלעצער. פאַרגעס נישט, העשעלע, אַז איך בין נישט קיין אינגעלע: באַלד, באַלד און איך וועל ווערן אַ זעכציקער, און קיין האָניק האָב איך די גאַנצע צייט נישט געלעקט, געהאַט צרות פון דער מאַמען, צרות פון דיר און צרות פון זייטיקע מענטשן. איז נישטאָ קיין קרעפטן.

פרעגט מיין זון:

— טאַטע, וואָס זשע ווילסטו?

זאָג איך:

— אַזוי ווי מיר איז אומעטיק אויפן הארצן, וויל איך יעדן טאָג צוקומען צו דיין סטודיאָ זען ווי דו מאָלסט. אפשר וועל איך זיך אַ קאַפּעטשקע צושטרייען, פאַרגעסן אָן די אַלע צרות.

זאָגט ער, דער זון מיינער:

— טאַטע, ס'איז נישט שיין פאַר דיר צו קוקן אויף נאַקעטע מיידלעך! זייער ניט שיין! מענטשן וועלן רעדן. מילא — איך

מוז; ס'איז מיין פרנסה, מיין פּראָפעסיע. אָבער דו, אַן אַלטער איד מיט אַ שיווער באָרד, וואָס דאַוונט יעדן טאָג מיטן ערשטן מנין — פאַר דיר איז דאָס נישט שיין!

זאָג איך:

— דאָס לאָז איבער צו מיר. איך ווייס אַליין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט; וואָס ס'איז שיין, און וואָס ס'איז נישט שיין. אַז מיר געפעלט, דאַרף עס דיך ניט אַרן. אַזוי לאַנג ווי דאָס קען מיך צושטרייען. דאַרפסטו מיר ניט שטערן. דו האָסט דאָך מיר אַלע מאָל צוגעזאָגט אין דיינע בריוו, אַז ווען דו וועסט ווערן אַ מענטש און זיין פאַר זיך, וועסטו מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

זאָגט ער:

— אמת, טאַטע, אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וועסטו האָבן ווען דו וועסט קוקן אויף די מיידלעך?

זאָג איך:

— בעסער ווי צו קוקן יעדן טאָג אויפן בילד פון דיין פאַר־שטאָרבענער מוטער.

האָט זיך דער זון מיינער געוואָלט אַרויסדרייען, זאָגט ער צו מיר:

— טאַטע, די מיידלעך וועלן זיך נישט וועלן אויסטאָן ווען דו וועסט זיין אין סטודיאָ. זיי וועלן נישט וועלן, אַז אַן אַלטער איד מיט אַ שיווער באָרד זאָל קוקן אויף זיי.

זאָג איך:

—די סאָרטן מיידלעך שעמען זיך נישט. זייער פרומקייט מעג פאַלן אויף אַלע וויסטע וועלדער און פוסטע פעלדער. עס וועט זיי אַרן ווי די וואַנט!

האָט דער זון מיינער געזען, אַז ער קען מיט מיר גאָרנישט מאַכן, אַז איך לאָז זיך נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ, האָט ער מיר געמוזט נאָכגעבן.

און איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת: ער האָט מיך ממש געראַטעוועט, דער זון מיינער! איצט האָב איך וואו אַריינצוגיין, וואו צו פאַרברענגען די צייט. יעדן טאָג, באַלד נאָכן דאַוונען, נעם איך מיר אַ שפּאַציר צו פוס אין מיין הערשעלעס סטודיאָ, און איך קוק די גאַנצע צייט אויף די נאַקעטע מיידלעך וואָס שטייען פאַר

מיין זון. און בשעת מעשה טראַכט איך: סאַר'אַ מאָדנע פּרנסות מענטשן זוכן אויס! פון אָנהויב איז מיר די גאַנצע זאַך פאָרגעקומען עפּעס פּריקרע, אָבער איצטער בין איך שוין צוגעוואוינט.

יאָ, דאָס איז דאָס איינציקע שטיקל פאַרגעניגן, וואָס איך האָב אויף די עלטערע יאָרן. ווען נישט דאָס, וואָלט איך אַרונטער פון זינען. אין טעאַטער גיי איך נישט, צו קיין לעקטשורס גיי איך נישט, הערן אַ חזן קען איך נישט, מחמת איך בין, נישט פאַר אייך גערעדט אַ טויבער. אין אויב איך קען נישט הערן, טאָ זאָל איך כאָטש עפּעס זען.

און געלויבט איז דער אויבערשטער דערפאַר. איך קען זיך נישט באַקלאָגן. אַ סך פון מיינע לאַנדסלייט זיינען מיר שטאַרק מקנא. אייך איז גוט, זאָגן זיי, אייך איז וואויל. איר האָט, קיין עין הרע, אַ גוטע עלטער, הלוואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן.

נעכטן זאָגט צו מיר דער שמש פון שול, אַ איד שוין אין די זיבעציקער:

— איך וואָלט זיך געוואונטשן צו שטיין הינטער דער טיר פון אייער זונס סטודיאָ און כאָטש אַריינקוקן דורכן שליסל-לאָך.

איצטער ווייסט איר שוין פאַרוואָס איך וויין? דאָס זיינען טרערן פון פרייד. איך פריי זיך וואָס גאָט האָט מיר געגעבן אַזאַ גוטן זון, אַזאַ טייערן זון.

וואָס וואָלט איך געטאָן ווען מיין זון זאָל זיין אַ חברה-קדישא שמש אָדער אַ מלמד? וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט איך געהאַט אויף מיינע עלטערע יאָרן?

אָבער אַזוי...

אַטמאָספערע

מיין ליבע גאָסע!

איך שרייב צו דיר דאָס בריוול פון די בערג, פון אַ לאַנדשאַפט, וואָס איז ווערט אַלע פאַרמעגנס פון דער וועלט.

נישט ווייט פון מיין האָטעל געפינט זיך זייער אַ גרויסער טייך, אַ בלויער, אַ טיפער, אַ רואיקער.

אַרום דעם טייך — בערג און ביימער. איך בין זייער צופרידן מיטן האָטעל וואו איך געפין זיך, נישט פאַר זיינע באַקוועמלעכקייטן, נישט פאַר זיינע ווייכע בעטן און גוטע עסנס, נאָר פאַר דער שטימונג, וואָס דאָ הערשט. ווען איך זאָג: שטימונג, מיין איך אַטמאָספערע. און אַטמאָספערע איז זייער נויטיק פאַר אונדזערע סאָרטן מיידלעך. פאַרשטייט זיך, אַז אַטמאָספערע אַליין איז נאָך נישט אַלץ; מיט אַטמאָספערע אַליין קען מען גאָרנישט מאַכן. מען מוז אויך צו דער אַטמאָספערע האָבן מיט וועמען צו פאַרברענגען, יונגעלייט, וועמען מען זאָל ליבן. אָן דעם נויטיקן עלעמענט קען מען דאָ, אין די בערג, קיין אַטמאָספערע ניט האָבן... און אַזאַ עלעמענט האָב איך דאָ.

דאָ געפינען זיך אַ פּאָר יונגעלייט, וואָס זיי אַליין בענקען אויך נאָך אַטמאָספערע. זיי זיינען צוליב דעם אַרויסגעקומען אַהער. איז ווי נאָר איך האָב זיי דערזען, האָב איך זיך באַלד מיט זיי מער־וויניקער אַסימילירט...

מיר האָבן זיך באַקאַנט און מיר האָבן איינגעפירט, מער־וויי־ניקער, געגנזייטיקע הילף, ווי מען דריקט זיך אויס אין דער שפּראַך פון אונדזערע סאָסייטיס.

איך בעט דיך, טייערע, קאָנסידער נישט, וואָס איך האָב צוויי יונגעלייט. וואָס מער מען האָט דאָ דעם דאָזיקן עלעמענט, אַלץ בעסער, אַלץ מער פאַרגעניגן האָט מען.

דער עיקר איז: דאָס אַסימילירן זיך מיט זיי. אויב מען פאַרשטייט דאָס, קען מען מיט זיי פיין פאַרברענגען.

האָב איך דאָ גאַנצע צוויי שטיק. איינער אַ פּאָריער און דער צווייטער — אַ דיזיינער ביי קלאָוקס.

איינער איז אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר און מען רופט אים דייווי און דער צווייטער איז אַכט און צוואַנציק, מען רופט אים הערי.

האָב איך מיט וועמען צו גיין, מיט וועמען צו פאַרברענגען און מיט זיי שאַפט זיך די אמת'ע אַטמאָספערע.

דער עיקר ווען די נאַכט איז אַ שיינע, אַ ליכטיקע, אַן אויסגע־שטערנטע, אַ לבנהדיקע. דעמאָלט נעמט מיך איינער פון די צוויי יונ־געלייט אונטערן אָרעם און מיר גייען אַוועק ווייט אין וואַלד אַריין, און דאָרט לעבן אַ גרויסן שטיין זעצן מיר זיך אַוועק און מיר נעמען זיך אַרום, און ער נעמט זיך שפּילן מיט מיינע הענט, מיט מיין האַלדז, מיט מיינע שוואַרצע האָר און די אַטמאָספערע הויבט זיך אָן... אַרום אונדז איז שאַ, שטיל. די בלעטער אויף דיביימער שלאָפן זייער גרינעם שלאָף; די פייגל אין די נעסטן שלאָפן אויך; מען הערט נישט פון זיי קיין פּיפּס, קיין טשוויטשער, און ער, הערי, שווייגט און איך שווייג, און די גאַנצע נאַטור שווייגט...

איך זאָג דיר, טייערע גאָסע, אַז אַזאַ שעה איז מער ווערט ווי אַלע אוצרות פון דער וועלט. די אַטמאָספערע איז דעמאָלט גאָר־נישט אָפּצושאַצן...

און וואָס שפּעטער עס ווערט און וואָס קילער עס ווערט, אַלץ הייסער ווערן די בלוטן, אַלץ ברענענדיקער דער פאַרלאַנג נאָך ליבע, נאָך לאַסקעס; עס וועבט זיך דעמאָלט אוים אַזאַ בענקשאַפט נאָך לעבן, אַזאַ שטימונג, אַז מען פאַרגעסט זיך, וואו מען איז און מיט וועמען מען זיצט און וואָס יענער איז אויסן.

ווי געזאָגט, ווערט מען געפאַנגען פון דער אַרומיקער אַטמאָס־פערע.

אין אַזאַ מאָמענט נעמט הערי מיך קושן, דריקט מיך צו צו זיך און בשעת מעשה קייקלען זיך פון זיין מויל ווערטער ווי פּערל... איך ווייס גאָרנישט ווי עס נעמט זיך צו אַ יונגענמאַן אַזאַ שיינע שפּראַך.

„פּענעלע, טייערע, דו ביזט דאָך אַזוי שיין, אַזוי באַ'חנ'ט, אַזוי באַ'טעמ'ט, אַזוי זיס. פון אַלע מיידלעך, וואָס איך קען, ביזטו די שענסטע, די געטלעכסטע. אין דיין האָרץ וואוינט אַ

מלאך מיט ווייסע פליגל. אין דיינע אויגן זיצן צוויי בלויע פייערן, וואָס לויכטן און שימערן און שיקן אַרויס אויף דער וועלט חלומות... דיינע ציין זיינען ווייסער ווי דער שניי פון די בערג אַנהויב ווינטער. דיינע בריסט זיינען צוויי פייערשפייענדיקע בערג, וואָס זאָגן צו אַזויפיל גליק, אַזויפיל פרייד, אַזויפיל פאַרגעניגן!"

און בעת ער רעדט אַזוי און באַוואַרפט מיך מיט זיינע פערל־דיקע ווערטער, האַלט ער מיך פעסט אַרומגענומען און זיינע ליפּן רוען אויף מיינע ליפּן... אים אָפּשטופּן, וואָלט געהייסן גיין אַנט־קעגן דער אַטמאָספערע און דאָס קען איך נישט. איך קען עס נישט און איך וויל עס נישט.

און טאָקע אין דער אמת'ן, ווי קען מען דאָס האָבן אַזאַ גזלניש האַרץ און זיך אַליין צעשטערן די אַטמאָספערע?

איך בין געקומען צום שלום, גאָסי, אַז אַטמאָספערע איז אַזאַ מין עלעמענט, וואָס מען דאַרף זיך קענען דערמיט אַסימילירן און זיך אויסלעבן אין דעם. וואָלט געוועזן זייער גוט קלוג פון מיין זייט אַזאַ מאָמענט צו מאַכן וואָכעדיק.

אין ניויאָרק, אויף דער איסט סייד, קען מען פון אַזאַ אַטמאָס־פערע נישט געניסן. דאָרט פעלט אויס די ראָמאַנטישקייט, דער חלום..

מען מוז זיין אין די בערג, אין אַ וואַלד, שפּעט ביינאַכט, האָבן איבער זיך אַן אויסגעשטערנטן הימל, אַ פולע לבנה, די רו, די שטי־מונג און די שטילקייט פון די פעלדער אַרום, פון דעם טייך נישט ווייט... פון הונגעריקע ליפּן...

און טאָמער מיינסטו, מיין טייערע גאָסעלע, אַז אין אַ רעגנדי־קער נאַכט, איז קיין אַטמאָספערע נישטאָ, האָסטו אַ טעות! די יוגנט מיט איר היים בלוט און מיטן זוכן דאָס לעבן, די פרייד און די לוסט — די יוגנט גיט זיך אַן עצה אפילו אין האָטעל אויך. אויב דאָס וועטער איז קאַלט און נאַס און מען קען נישט גיין אין וואַלד, אָדער צום טייך, אָדער אין די בושעס אויפן באַרג, וואַרטן מיר אָפּ ביז צוועלף, איינס אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער באַלעבאָס לעשט אויס די לאָמפּן און עס הויבט זיך אָן די אַטמאָספערע... וואו נאָר אַ ווינקל טרעפט מען אַ יונג פּאָרל, אָן ער מיט אַ זי... און די זי איז כמעט אַלעמאָל צוגעטוליעט צום ער...

דאָס הייסט, קיין געזעץ איז דאָס, חלילה, נישט. עס טרעפט אויך, אז דער ער איז צוגעקלעפט צו דער זי.

און אָט אזוי, ווי דו הערסט, קען מען איינער ביים צווייטן שבת האַלטן. עס נעמט גאָרנישט קיין שלאָף. פאַרקערט, מען בעט גאָט, אז עפּעס א געהיימע האַנט זאָל אײנגאַנצן אָפּשטעלן דעם זייגער. א שעה איז דעמאָלט נאָך ווינציקער ווי א רגע.

קענסט זיך פאָרשטעלן, טייערע גאָסע, ווי גוט עס איז צו זיצן מיט א יונגן בחור אין אזא אטמאָספערע און חלומען זיסע חלומות, וואָס ווען אפשר בלייבן חלומות?

אָבער ווער גיט זיך דעמאָלט אָפּ א חשבון? מען טראַכט נישט, מען וויל נישט טראַכטן; דער איצט באַהערשט דעם שפּעטער . . . און אזוי ווי דער איצט איז אינגער, הייסער, ברענעדיקער, באַזיגט ער דעם שפּעטער... פּונקט ווי דער היינט איז פאַר אונדז ווירקלעכער ווי דער מאָרגן. דער היינט איז זיכער אונדזערער און דער מאָרגן קען זיין אַן אַנדערנס...

אָפּטמאָל ווינטש איך, אז אויך דו, מיין טייערע גאָסעלע, זאָלסט פאַרזוכן דעם טעם פון אזא מין אטמאָספערע. איך בין מער ווי זיכער, אז אויך דו מיט דיין חן, מיט דיין רייץ, וואָלסט זיך געקאָנט אסימילירן מיט דעם עלעמענט, וואָס געפינט זיך דאָ און אויך גע־ניסן פון דער זעלבער אטמאָספערע וואָס איך.

ווייטער קיין נייעס צו שרייבן. איך גריס דיך און קוש דיך טויזנט מאָל. מאָרגן שיק איך דיר ארוים א בריוול מיט א פּאָרטרעטל פון מיר מיט דעם דיזאַינער. דאָס בילד וועט דיר זיכער געפעלן. עס איז גענומען געוואָרן אין אזא פּאָזישאַן, וואָס וועט ארויסרופן ביי דיר א בענקשאַפט נאָך די בערג מיט זייער אטמאָספערע.

פון מיר דיין חברטע, וואָס געניסט די פרייד פון די בערג און וואָס באָדט זיך אין ליבטיקע שטימונגען... וואָס איז שוין מער אָדער ווינציקער אסימילירט מיט די עלעמענטן, וואָס פאַרזיסן די טעג מיט די נעכט פון אונדז, מיידלעך.

ב ע ל ל א .

אַ קונסט טעאַטער

(אַ בריוול פון יענער וועלט)

טייערער, לעבעדיקער חבר און לאַנדסמאַן און גלאַט אַזוי גוּ־טער פריינט:

זיי מיר מוחל מיין שטיל שווייגן ביז אַהער.

דאָ אין קבר איז נישטאָ קיין נייעס; מען ליגט און מען ליגט גאָרנישט אויס.

נאָך אַ שטיקל גליק, וואָס מען האָט דאָ צונויפגעשטעלט אַ טרופּע פון גרויסע קינסטלער, שוישפּילער, שוישפּילערינס, און געגרינדעט אַ קונסט־טעאַטער. ווערליק מיין מבינות איז דאָס די שענסטע טרופּע, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט.

אונדזערע סטאַרס זיינען: פיינמאַן, קאַרפּ, מאָגולעסקאָ, טאָרנבערג, בערל בערנשטיין, ליזער צוקערמאַן, דוד קעסלער, יעקב אַדלער, קעני ליפּצין, סאָפי קאַרפּ, סעמיועל שנייער, אסתר סנעגאָוו און דער איצטיקער ערשט אַריבערגעקומענער אויפן עולם האמת רודאָלף שילדקרויט.

פאַראַן נאָך און נאָך אידישע שוישפּילער און אַקטריסעס, וואָס געהערן צו דער טרופּע, נאָר איך האָב נישט קיין צייט זיי אַלע אויסצורעכענען.

אָט אָ די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע קינסטלער שטעלן צונויף דעם „קעסט", ווי מען רופט עס אין אייער טעאַטער־לשון.

קענסט זיך פאָרשטעלן דאָס פאַרגעניגן וואָס מען האָט, ווען מען זעט אַזעלכע קינסטלער שפּילן צוזאַמען אין איין טעאַטער, אין איין פּיעסע!

איך זאָג דיר, אַז עס לוינט זיך פאַר יעדן איינעם צו שטאַרבן!

אונדזערע פּיעסן־שרייבער זיינען: יעקב גאָרדין, שלום עליכם, אברהם גאָלדפאַדען, מאָריס ראָזענפעלד, יהואש און משה ליב האַלפּערן שרייבן די „ליריקס". די מוזיק צו די „ליריקס" ווערט

געשריבן פון דעם באַרימטן מוזיקער בענעסאָן, פּלאַטאָן ברונאָף און אויך פון מאָגולעסקאָן. פאַראַן נאָך מוזיקער, אָבער דערווייל האָט מען זיי נאָך ניט צוגעצויגן צו דער טרופּע.

דאָס טעאַטער איז אַ גרויסער דערפאָלג: מען שפּילט יעדע נאַכט און זונטאָג — צוויי מאָל. שבת ווערט אינגאַנצן ניט געשפּילט, מען לאָזט נישט; די סביבה איז דאָ אַ פרומע. דער עולם זיצט רואיק, שטיל, מיט רעספּעקט, מיט דרך ארץ. מען עסט ניט קיין סענדוויטשעס, קיין אייז־קרים, קיין מאַראַנצן, קיין עפּל, קיין וואַטערמעלאָן; מען טרינקט נישט קיין סאָדאַ־וואַסער, מען קנאַקט נישט קיין סעמיטשקעס, מען שפּייט נישט אַרונטער פון דער גאַלערי און מען פייפט נישט. הלואי האָט איר, אויף אייער וועלט, אַזאַ פּובליקום!

ביי אונדז ווייסט דער עולם ווען מען דאַרף לאַכן און ווען מען דאַרף וויינען. ער, דער עולם, מאַכט קיינמאָל נישט קיין טעות, ווי ביי אייך. אַן אינטעליגענטער עולם!

שפּילן שפּילט מען אין גן עדן. די דירעקטאָרן, וואָס פאַרוואַלטן דאָס גן עדן, האָבן אָפּגעגעבן צו דער קונסט־טרופּע אַ פליגל פון דער רעכטער זייט. דער פּלאַץ איז וואונדערלעך שיין, גראַם און ליכטיק און לופטיק. ער נעמט אַריין ביי אַ דריי טויזנט מתים.

קיין געלט פאַר בילעטן נעמט מען נישט; ווער דאַרף עס דאָ האָבן געלט? וואָס קען מען דאָ קויפן פאַרן געלט? דעם נעכטיקן טאָג? גייט מען אין טעאַטער בחינם; אָן אַ גראָשן געלט און מען זעט פיעסן געשפּילט פון די גרעסטע אידישע קינסטלער.

קען מען דאָס האָבן ביי אייך? קיין מאָל נישט! ביי אייך איז די ערשטע זאַך, כבוד; יעדער „סטאַר" מוז שטיין אויפן פּאַסטער מיט אַ גרויס בילד, מיט די גרעסטע אותיות, און די אַנדערע שוישפּילער מוזן שטיין מיט קליינע בילדער און קליינע אותיות.

וואָס קלענער — איז דער סטאַר מער צופרידן; אַלץ העכער קומט ער אויס אַקעגן די אַנדערע. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל אייערע פיעסן זיינען עקסטרע געשריבן פאַרן סטאַר; ער האָט נייַציק פּראָצענט פון דער ראָלע און די אַנדערע צען פּראָצענט ווערט צוטיילט צו דער גאַנצער טרופּע.

קיין היים בלוט איז ביי אונדז ניטאָ. אַז קיינער נעמט נישט קיין שכירות, וואָס זשע וועט מען זיך קריגן, וואָס?

היינטיקע וואָך גייט ביי אונדז שלום עליכמס אַ פּיעסע: „די רויטע אידעלעך". לאַכט מען זיך אַזוי אָן, אַז מען גייט צוריק אין קבר אָן זייטן! און עס איז גלאַט אינטערעסאַנט צו זיצן אין טעאַטער און זען ווי דריי טויזנט מתים קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

לאָז מיך וויסן ווי עס האַלט מיט אייער טעאַטער. איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט.

דיין חבר און קאָלעגע, מנשה.

טייערער מנשה:

איך קען איצט נישט שרייבן צו דיר, איך האָב קיין צייט נישט; אָבער אין קורצן קען איך דיר זאָגן, אַז אייער טעאַטער איז דאָך געגנוג אין דר'ערד, אָבער אונדזער טעאַטער איז נאָך מער אין דר'ערד ווי אייערער! מיר וואָלטן זיך געוואָלט בייטן מיט אייך.

ליפּע

קעפ און קעפלאַך

ליגט צו אייערע קעפ, וועלן מיר מיט אייך א שמועס טאָן וועגן קעפ און קעפעלעך.

הערט זיך אוים מיט קאָפ:

ווי איר ווייסט און איר ווייסט נישט, זיינען פאראן אויף גאָטס וועלט אַלערליי קעפ און קעפלעך: בלאָנדע קעפ און שווארצע קעפ; קלוגע קעפ און אידיאָטישע קעפ; פילאָזאָפישע קעפ און פליכע־וואטע קעפ.

וועגן אומריינע קעפ ריידן מיר דאָ נישט; מיר באַשעפטיקן זיך ניט מיט דער „לאין".

עס זיינען אויך פאראן קעפ, וואָס פירן פארטייען און באוועגונגען. אָפטמאָל הערט איר זאָגן: דער און דער איז דער קאָפ פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג; דער און דער איז דער קאָפ פון די טרייד־יוניאָניסטישער באוועגונג; יענער און יענער איז דער קאָפ פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

הכלל: יעדער מענטש און יעדע פארטיי און יעדע באוועגונג מוז האָבן א קאָפ.

אָן א קאָפ וואָלט מען נישט געקאָנט עקזיסטירן; וואָלט די געזעלשאפט קיין געזעלשאפט ניט געווען. עס זיינען אויך פאראן קעפ, וואָס זיינען באשאפן געוואָרן בלויז אויף צו טראָגן היטלען, אָדער מען זאָל זיי קראצן. אָבער, ווי געזאָגט, ריידן מיר נישט פון אַזעלכע קעפ; מיר רעכענען זיי גאָרנישט אריין אין דעם מין קעפ.

איידער אַזעלכע קעפ, איז שוין גלייכער גאָרנישט.

ווידער זיינען פאראן „טויטע" זאכן וואָס האָבן קעפ; זאכן וואָס געהערן נישט צום מענטשן מין; דאָס זיינען שפילקעס, טשוועקעס, מאָן בלומען, און זאנגען און שטעקנס און ליאַלקעס.

פון חיות וועלן מיר ריידן אַן אנדערש מאָל.

איצטער וועלן מיר צוקומען צו ציטונגען: ווי איר האָט אודאי

באַמערקט, האָט יעדער אַרטיקל, יעדער שטיקל נייעס, אָדער סקיצע, אַ קאָפּ. אָן אַ קאָפּ קאָן קיין זאַך נישט אַריין אין אַ צייטונג.

די שרייבער שרייבן אויף זייערע אַרטיקלען, אָדער מעשיות, אָן קעפּ; דאַן גיבן זיי איבער די זאַכן צום רעדאַקטאָר, און ער, דער רעדאַקטאָר, מאַכט די קעפּ.

אָפטמאָל דרייען זיך אַרום די שרייבער אָן קעפּ; דער רעדאַקטאָר איז ניטאָ, און זיי קענען נישט אַהיים גיין אָן קעפּ; וואַרטן זיי אַמאָל שעהן לאַנג ביז דער רעדאַקטאָר קומט. און אַז ער קומט, ווערט ער באַפאַלן פון אַלע זייטן פון די מיטאַרבעטער, און אַלע שרייען מיט קולות:

— גיט מיר אַ קאָפּ! מיר פעלט אַ קאָפּ! איך קאָן נישט גיין עסן, איך האָב קיין קאָפּ נישט!

אָבער נישט אַלע מיטאַרבעטער דאַרפן אַ קאָפּ; מאַנכע דאַרפן אַ קעפּל. ס'ווענדט זיך ווי גרויס דער שרייבער איז: איז ער אַ גרויסער טאַלאַנט, דאַרף ער אַ קאָפּ, איז ער אַ קליינער טאַלאַנט, דאַרף ער בלויז אַ קעפּל.

פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס דאַרפן נישט קיין קאָפּ און נישט קיין קעפּל, נאָר אַ קעפּעלע.

וועט איר דאָך פרעגן אַ פראַגע:

—וואָס טוט אַ צייטונג ווען דער רעדאַקטאָר פאָרט אַוועק אין אייראָפּע, אָדער אין פּאַלעסטינע, און ער זאַמט זיך אָפּ דריי אָדער פיר חדשים? ווער מאַכט דעמאָלט די קעפּ מיט די קעפּלעך?

וועל איך אייך ענטפערן, אַז ווען אונדזער רעדאַקטאָר פאָרט אַוועק, לאָזט ער איבער קעפּלעך פאַר דער גאַנצער צייט ביז ער קומט צוריק פון זיין רייזע.

דעם לעצטן מאָל, ווען ער איז אַוועק קיין ארץ ישראל, האָט ער איבערגעלאָזן אַזויפיל קעפּלעך, אַז ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער נאָך געפונען עטלעכע צענדליק קעפּלעך נישט קיין געניצטע.

וואָס, איר גלויבט נישט? אויב אַזוי, קאָן איך זיך נישט העלפן! שווערן זיך פאַר אייך וויל איך נישט. ס'איז גענוג, אַז איך זאָג עס אייך.

אַ מעשה אָן אַ סוף

אין אַ שיינעם ליכטיקן טאָג האָט זיך שימשי דער שרייבער איבערגעגעסן ביי אַ באַנקעטל, און אַז שימשי עסט זיך איבער, איז ער אויס מענטש. פאַרקוועטשט אים דאָס האַרץ און עס דריקט אים „אונ־טערן לעפעלע" און ער שטרעקט אויס די קאָפּיטעס און ער חלשט.

האָט ער זיך גענומען דאָקטאָרן. האָט איין דאָקטאָר געזאָגט אַזוי און אַ צווייטער האָט געזאָגט ניט אַזוי; אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל.

ליגט זיך אַזוי אונדזער שימשי אין שפּיטאָל, ווי אַ גראַף, אין אַ באַזונדערן צימער, מיט געסט און מיט בלומען און מיט טרייסט ווערטער אַרומגערינגלט און ער פּאָכעט מיט דער נשמה.

אין דער רעדאַקציע ווערט אין איילעניש צוגעגרייט שימשיס בילד מיט זיין ביאָגראַפיע; דער רעדאַקטאָר טראַכט שוין וועגן אַ הספּד; די חברים רעדן וועגן זיין כאַראַקטער; ווילן טרעפן ווי אַלט ער איז; וויפיל שפּראַכן ער קען; ווי האָט ער זיך פאַרהאַלטן צו אידיש; אויב ער איז געווען אַ טאַלאַנט; אויב יאָ, אַ וואָסער טאַלאַנט?

פּלוצים נעמט זיך שימשי בעסערן, עס גייען אַוועק אַכט וואָכן און שימשי קומט צוריק אין דער רעדאַקציע אַ געזונטער מענטש.

ווערט אַ שמחה צווישן די חברים־שרייבער. אַלע זיינען צופרידן, וואָס ער, שימשי, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון מלאך המות.

און עס בליבט: די קאָלעגן זאָלן פייערן זיין געזונט ווערן מיט אַ באַנקעט. באַשטעלט מען אַ פּלאַץ און מען שיקט אַרויס איינלאַ־דונגען צו די חברים:

דעם קומענדן מיטוואָך אָוונט ווערט געגעבן אַ באַנקעט פאַר אונדזער ליבן חבר שימשי, אין טינטלערס קאַזינאָ, האַר־לעם. צוויי דאָלער אַ מענטש.

ביי דעם באַנקעט עסט זיך אונדזער שימשי ווידער איבער און

ער ווערט ווידער קראַנק און ער חלשט ווידער און מען נעמט אים צו אין זעלבן שפּיטאָל.

און ווידער שיקן אים די שרייבער בלומען; ווידער באַזוכן אים זיינע פריינט און קאָלעגן, ווידער איז ער ערנסט קראַנק. דאָס מאָל זיינען זיינע חברים שוין זיכער, אַז ער וועט גיין אַ גאַנג. די נוירס, וואָס באַדינט שימשין, האַלט גאַרנישט פון אים. עס איז אַ פראַגע זאָגט זי, פון אַ וואָך אָדער צוויי.

און ווידער גייען אַרום די שרייבער דערשלאָגענע.

לויפן אַוועק זעקס וואָכן, און ווידער קומט צוריק שימשי אַ געזונטער. גייען אים אַנטקעגן די קאָלעגן מיט האַרציקע שלום עליכמס, מיט שטראַלנדיקע אויגן, און ווידער רופט מען אים מאַלאַדיעץ, און ווידער כאַפּט ער פון יעדערן באַזונדער אַ זעץ איבערן פּלייצע, און ווידער באַשליסט מען פּאַר אים אַ באַנקעט, און ווידער ווערן אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו די שרייבער:

דעם קומענדיקן פרייטיק אָוונט ווערט געגעבן אַ באַנקעט לכבוד אונדזער חבר און קאָלעגע שימשי, אין זשימזשיקס רעסטאָראַן, צווישן צווייטע און דריטע עוועניו, נומער סאַ ענד סאַ. צוויי דאָלער אַ מענטש. איר קענט מיטברענגען אייער אייגענע פרוי אָדער אַן אַנדערנס אַ פרוי.

עסט זיך שימשי ווידער איבער, און ער ווערט ווידער קראַנק און מען נעמט אים ווידער צו אין שפּיטאָל, און מען שיקט אים ווידער בלומען, און מען קומט אים ווידער באַזוכן; און ער פּאַכעט ווידער מיט דער נשמה, און ווידער גיבן די דאָקטוירים אויף זיין לעבן.

אָבער שימשי איז נישט קיין גרינגער. ער פייפט אויף אַלע דאָקטוירים; זיי אויף צו להכעיס ווערט ער ווידער געזונט, און אַז ער פאַרלאָזט צום דריטן מאָל דעם שפּיטאָל, זאָגן אים די דאָקטוירים אָן וואָס ער זאָל יאָ עסן און וואָס ניט. און דער עיקר זאָל ער נישט עסן קיין סך. און ניט קיין פליישׁ, און ניט קיין פעטע זאַכן. בלויז גרינצייג און מילכיקע זופּן.

מאַכן אים די חברים ווידער אַ באַנקעטל.

און ווידער עסט זיך שימשי איבער, און ווידער חלשט ער אַוועק, און ווידער ליגט ער אין שפּיטאָל, און ווידער שיקט מען אים בלומען, און ווידער פּאַכעט ער מיט דער נשמה.

אַ פרילינגס ליד

דערציילט מיר אַ דיכטער:

צווישן אַלע מיינע פֿאַרערער געפֿינט זיך אויך אַ שיינע מיידל; זי איז ניט אַזוי שיין ווי חנעוודיק. נאָר איין חסרון: אַ נאַרישע.

דערפֿאַר אָבער — אַ גוטע: זי לאָזט זיך אַמאָל אַ קוש טאָן, אַ גלעט טאָן, לייט אַמאָל אַ דאָלער. אַ פֿיין מיידל!

מיך האַלט זי פֿאַר אַ גאָט. מיינע לידער, זאָגט זי, לעזט זי די ערשטע.

גיי איך מיט איר אומעטום וואו מענטשן גייען ניט, און אַלע מאָל ביינאַכט; בייטאָג זעלטן, סיידן איך דאַרף האָבן קליינגעלט.

גיי איך מיט איר איינמאָל אין אַ שיינער לבנה־נאַכט שפּאַצירן. טוט זי מיך אַ פֿרעג אויב איך האָב עפּעס די לעצטע צייט אָנגעשריבן נייע לידער.

זאָג איך איר: ניט קיין סך, איין פֿרילינגס־לידל.

— קענט איר דאָס אפשר פֿאָרלעזן פֿאַר מיר? — פֿרעגט זי מיך.

— ניין, — זאָג איך — איך בין עפּעס ניט אין דער שטימונג.

— טאָ גיט עס מיר, וועל איך דאָס אַליין לייענען.

דערלאַנג איך איר אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָג איר אָן, אַז זי זאָל דאָס אַהיים נעמען און איבערלייענען, און מאָרגן דאָס מיר צוריקגעבן און מיר זאָגן, ווי עס געפֿעלט איר.

איז זי געווען אויפֿן זיבעטן הימל פֿון גליק.

איצט הערט דעם טעות, וואָס איך האָב געמאַכט: איך האָב גע־האַט ביי זיך אי דאָס לידל, אי אַ טיקעט פֿון מיינע וועש, וואָס איך האָב אוועקגעגעבן אין לאָנדרי. האָב איך איר אָנשטאָט דאָס לידל געגעבן דעם לאָנדרי־טיקעט.

אויף מאָרגן, בעת איך בין געגאַנגען אַרויסנעמען מיינע וועש, האָב איך אויסגעפֿונען דעם טעות: אָנשטאָט דעם לאָנדרי־טיקעט

האָב איך דערלאַנגט דעם לאַנדרי־מאַן דאָס לידל. האָט דער לאַנדרי־מאַן באַטראַכט דאָס שטיקל פּאַפּיר, דאָס געדרייט פון אַלע זייטן און געזאָגט:

— יונגערמאַן, איר האָט נאָך קיינמאָל אין אייער לעבנסטאָג ניט געהאַט אַזויפיל וועש! דאָ איז פאַרשריבן אַ וועלט מיט זאַכן! איר האָט זיכער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער לאַנדרי.

און ער גיט מיר צוריק דאָס שטיקל פּאַפּיר.

איך טו אַ קוק — עס איז גאָר מיין לידל.

פאַרשטייט איך שוין, אַז איך האָב נעכטן אין אָוונט מיין מיידל דערלאַנגט דעם לאַנדרי טיקעט.

פאַרלאָז איך די לאַנדרי כמעט אַ פאַרשעמטער. דאָך געפעלט מיר דער טעות: עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו הערן וואָס דאָס מיידל וועט זאָגן. איך בין שוין נייגעריק איר צו זען. עס שטעלט זיך מיר פאָר, ווי זי וועט אויסשיסן מיט אַ הילכיק געלעכטער. זי לאַכט זייער שיין, באַ׳טעמ׳ט; זי האָט אַ שטימעלע ווי ריינער זילבער. און איך — איך וועל קוקן אויף איר, הערן איר געלעכטער און אויך לאַכן. עס וועט זיין פריילעך!

לאָזט זיך אַרונטער די נאַכט און אָט טרעפן מיר זיך צוזאַמען.

— העללאָו! —רוף איך אויס, און איך וויל שוין אויסשיסן מיט אַ געלעכטער. אָבער זעענדיק, אַז זי לאַכט ניט, אַז זי איז ערנסט, האַלט איך זיך איין.

מיר גייען אַריין אין פּאַרק און זעצן זיך אַוועק. אַ רגע איז שטיל, ווי אין אַ קבר. דאַן רעדט זיך מיין מיידל פונאַנדער:

— פע, איר מעגט זיך שעמען! איר לאָזט זיך שוין צופיל אַרונטער צו די יונגע, צו די היינטיקע, צו די מאָדערנע. איך האָב איבערגעלעזן אייער לידל, און איך הויב עס ניט אָן צו פאַרשטיין. עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט; אַ שורה צו אַ שורה. פע! אויף דער עלטער זיינט איר גאָר קאַליע געוואָרן.

און זי האָט מיר אָפּגעגעבן דעם לאַנדרי־טיקעט, וועלכן זי האָט אָנגענומען פאַר אַ מאָדערנע ליד.

און אַ דאַנק מיין מיידל האָב איך אויסגעפונען, וואָס פאַר אַ סאָרט לידער אונדזערע מאָדערנע פּאָעטן שרייבן.

ווײנט אַ דיכטער

ווײנט אַ דיכטער פֿאַר מיר:

אַז ס'איז ניטאָ קײן מזל דאַרף מען גאָרנישט געבוירן ווערן. אַט האָט מען, נישט לאַנג צוריק, פֿאַרברענט אין דײַטשלאַנד אַזויפֿיל ביכער, באַרימטע ביכער פֿון גרויסע שרײַבער, דיכטער און דענקער, און מײַנע ביכער האָט מען אַפֿילו נישט געטשעפּעט; מען האָט זיך גאָרנישט גערעכנט מיט מיר. וועלן טאַקע יענע דיכטער בלײַבן אומשטערבלעך און פֿון מיר וועט קײנער נישט וויסן, ווי איך וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. לײַטישע ביכער פֿון לײַטישע שרײַבער האָט מען בלויז אין זינען געהאַט — אַזוי זאָגן די קינדער מײַנע, און איך שעם זיך. איך האָב אַפֿילו אין זינען געהאַט נעמען אַלע מײַנע לידער און זײ אַרײַנשיקן קײן דײַטשלאַנד אויף היטלערס אַדרעס און אים בעטן, ער זאָל מײַנע ביכער אויך פֿאַרברענען. האָט מיך מײַן פֿרוי דערפֿון אָפּגערעדט.

— וואָס דאַרפֿסטו נאָך לייגן דאָס לעבעדיקע אויפֿן טויטן? — האָט זי געזאָגט — נישט גענוג דו ווילסט די ביכער דײַנע פֿאַרברענען זאָלסטו נאָך צולייגן צום געשעפֿט צוואַנציק דאָלער עקספּרעס געלט?

לאָזט זי מיר די ביכער ניט אַוועקשיקן. זי טענהט, אַז מיט צוואַנציק דאָלער קענען מיר אָפּלעבן צוויי וואָכן צײַט. וואָלט איך געהאַט וואו צו לײַען אויף אַ קורצער צײַט עטלעכע דאָלער, וואָלט איך אַוועקגעשיקט די ביכער מײַנע אַז מײַן ווײַב זאָל נישט וויסן; האָב איך אָבער נישט בײַ וועמען צו לײַען.

דערווײַל ליגן בײַ מיר אין קעלער טויזנט ביכער מיט מײַנע לידער און זײ שימלען; נישט מען קויפֿט זײ, נישט מען לײענט זײ, נישט מען פֿאַרברענט זײ. אַז זײ טויגן אויפֿן פֿײַער איז גאָר קײן פֿראַגע נישט; אַלע אידישע קריטיקער האָבן דאָס געזאָגט נאָך מיט זעקס יאָר צוריק.

איבער פֿינף הונדערט דאָלער האָבן מיר די טויזנט ביכלעך אָפּ־

געקאָסט; בלוטיקע געלט געווען; געבאָרגט ביי דעם, ביי יענעם, ביי וועמען איר ווילט נאָר אליין. מיין ווייבל האָט געהאַט אַ קניפּל, האָב איך עס אויך צוגענומען ביי איר. און איצט ליגן די ביכער מיינע אַזוי ווי די שטיינער און זיי שימלען. אין גאַנצן האָב איך געדרוקט עלף הונדערט, האָב איך הונדערט צוטיילט פריי, אָן געלט, און טויזנט ליגן און וואַרטן ביז משיח וועט קומען. וואָלט מען זיי פאַרברענט מיט אַלע גוטע ביכער צוזאַמען, וואָלט איך פון זיי פּטור געוואָרן און איך וואָלט געוואָרן אומשטערבלעך. האָב איך קיין גליק נישט. דאָרט, אין דייטשלאַנד, איז געווען דאָס פייער, און די ביכער מיינע זיינען אין אַמעריקע... און דאָס קרענקט מיך. גיט אַן עצה, ליבער פריינט! איר זייט דאָך אַזאַ קלוגער מענטש, אַזאַ חכם, אַזאַ דענקער...

און דער דיכטער האָט זיך גענומען ווישן די אויגן מיט אַ קויטיק טיכעלע.

איך האָב אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פּלייצע, מעשה גוטער־ברודער, און אים געזאָגט:

„ווייַנט נישט! טרערן וועלן אייך נישט העלפן. איך האָב פאַר אייך זייער אַ גוטן פּלאַן. אַזוי ווי איר זייט נישט דער איינציקער דיכטער דאָ אין אַמעריקע, וועמעס ביכער טויגן אויפן פייער, פאַראַן, אַ דאַנק גאָט, אַ פּאָר צענדליק פון זיי, איז מיין פּלאַן, אַז איר, אַלע צוזאַמען, זאָלט צונויפברענגען די ביכער אויף איין אָרט, און יעדער איינער פון אייך זאָל צושטייער געבן אַ פּאָר דאָלער און מען זאָל זיי דאָ, אין אַמעריקע, פאַרברענען.

„דאָס וועט אייך געבן אַ ים מיט פּובליסיטי. אייערע בילדער וועלן זיין אין די צייטונגען. מען וועט שרייבן וועגן אייך גרויסע אַרטיקלען. אייערע הייזער וועלן זיין פול מיט רעפּאָרטערס. איר וועט קיין חרטה נישט האָבן; איר וועט מיר דאַנקען פאַר דער עצה. פאָלגט מיך. און טאָמער האָט איר נישט קיין פּלאַץ וואו צו מאַכן דאָס פייער, וועל איך אַרויסקריגן אַ דערלויבניש פון אונדזער אידישן גאַווערנאָר, אַז מען זאָל זיי מעגן פאַרברענען אין בראָנקס פּאַרק, נישט ווייט פון די חיות. אָדער מען קען אויספירן אַנלייגן דאָס פייער אין העסטער פּאַרק, קעגנאיבער די אידישע רעדאַקציעס.

„דאָס וועט פאַר איין גאַנג אויך זיין אַ שטאַרקער פּראָטעסט קעגן די ציימונגען אַלעמאָי זיי האָבן, דורך זייערע קריטיקער, אַרונטער־געריסן אייערע ביכער. קיין בעסערע עצה האָב איך נישט".

„דער פּלאַן איז נישט קיין שלעכטער", ענטפערט מיר דער דיכטער מיט טרערן אין די אויגן — „אויב עס וועט דאָך גאָרנישט האָבן קיין שייכות צו היטלערס גזירה... וואָס איך וויל איז, אַז די ביכער מיינע זאָלן אַוועק אין הייליקע פלאַמען, אויף קידוש השם, אַזוי ווי די ביכער פון מאַרקס, לאַסאַל, לענין, איינשטיין, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער".

„אויב אַזוי, מוזט איר האָבן געדולד, מיין ליבער פריינט, ביז היטלער וועט אונטערצינדן אַ צווייטן פייער... אויף היטלערן קען מען דאָס גלויבן... וועט איר דעמאָלט אַוועקשיקן אייערע ביכער און איר וועט אויך ווערן אומשטערבלעך...

„און אויב איר ווילט, קען מען אייערע ביכער געבן אַ נאָסן טויט: אַנשטאָט מען זאָל זיי פאַרברענען, זאָל מען זיי בעסער דערטרינקען. מען קען זיי איינפּאַקן אין קאַסטנס און זיי צופירן מיט אַן עקספּרעס צום ים און זיי אַריינוואַרפן. דאָס וואָלט געווען אָריגינעל, אַנדערש ווי היטלער מאַכט עס. גיט אַ טראַכט וועגן דעם..."

„ניין, דער פּלאַן געפעלט מיר גאָרנישט. פאַר ביכער איז שענער ווען זיי ווערן פאַרצערט אין פלאַמען. פייער רייניקט, פייער איז הייליק. אַלע אונדזערע קדושים האָבן זיך געוואָרפן אין פלאַמען; אפילו דאָס בית המקדש איז אַוועק אין פלאַמען. זאָלן די ביכער בעסער אַוועק מיטן פייער איידער מען זאָל זיי אַריינוואַרפן אין ים."

„אויב אַזוי מוזט איר וואַרטן ביז דער נייער המן, היטלער, וועט מאַכן אַ צווייטן פייער; ער וועט עס זיכער טאָן."

„ווי וועל איך דאָס וויסן?"

„עס וועט זיכער שטיין אין אַלע ציימונגען."

שעקספּיר איז געשטאָרבן

מיט יאָרן צוריק:

ווען איך האָב אריינגעמופּט צו מיין מיסעס, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן אַ שיינע מיידל, אַ יונגע מיידל, אַ לאַבעדיקע מיידל.

וואָס עס הייסט ביי מיר אַ שיינע? אַ שיינע הייסט ביי מיר ניט קיין מיאוסע; וואָס עס הייסט ביי מיר אַ יונגע — פרעגט איר? אַ יונגע הייסט ביי מיר ניט קיין אַלטע; וואָס עס הייסט ביי מיר אַ לאַבעדיקע? אַ לאַבעדיקע הייסט ביי מיר ניט קיין אומעטיקע, אַ פריילעכע. **האָב איך זיך באַקאַנט מיט איר.**

איר ווילט וויסן וואָס עס הייסט באַקאַנט? באַקאַנט הייסט: איך האָב געקוקט אויף איר, זי אויף מיר; זי האָט געלאַכט, איך האָב געלאַכט; איך האָב זי געטריט מיט טשאָקאָלאַד, זי האָט גע־נומען; איך האָב זי געגלעט, זי האָט זיך געלאָזן; איך האָב גע־בעטן לייען אַ פּאָר דאָלער און זי האָט געליען; איך האָב זי גערופן צו קאָנצערטן, אין אידישן טעאַטער, זי איז געגאַנגען; איך האָב איר אַ קוש געטאָן — זי האָט געשוויגן.

ווער איז זי געווען? זי איז געווען ניט מער ווי אַ באָרדערקע. זי האָט געהאַלטן איין צימער און איך אַ צווייטן.

איז זי געווען אַ געבילדעטע?

וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער. זי אַליין האָט זיך גע־האַלטן פאַר אַ פאָרטגעשריטענע, פאַר אַ הייגטוועלטיקע, פאַר אַ באַ־לעזענע.

איך האָב איר געגלויבט.

שפּעטער האָבן מיר שוין ביידע געאַרבעט אין איין שאַפּ.

ביז איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, איז זי אויפגעשטאַנען און איז אריין אין דער קיך, די שוואַרצע האָר פונאַנדערגעקעמט; דאָס פּנים בלייך און די אויגן מאַט, אָן אַ שמייכל.

— וואָס פעלט אייך?

— גאָרניט, — האָט זי געענטפערט — איך האָב די גריפּ און איך וועל היינט צו דער ארבעט ניט גיין. זאָגט דעם באָס, אַז ערשט מאָרגן וועל איך קומען צו דער ארבעט. איך דאַרף זיך נאָר אויס־ווארימען, אויסשוויצן, דאָס אַלץ.

בין איך אַוועק אַליין צו דער ארבעט, איבערגעגעבן דעם באָס אירע ווערטער און דער באָס האָט געענטפערט: אָלרייט, זאָל זי זיך אויסשוויצן.

אויף דער נאַכט, אַהיים קומענדיק פון דער ארבעט — איך האָב געוואוינט אַפּטאַון און די שאַפּ איז געווען אין קריסטי סטריט, דאַון טאַון — האָט מיך מיין לאַכעדיקע מיידל באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און מיך געפרעגט, וואָס עס הערט זיך דאַון טאַון, וואָס שרייבן עפּעס די היינטיקע פּייפּערס.

פאַלט מיר איין אַ שפּאַס:

— שעקספּיר איז געשטאָרבן! —זאָג איך — אוים שעקספּיר.

— וואָס? שעקספּיר איז געשטאָרבן?! עס קען ניט זיין! — ווערט מיין מיידל דערשטוינט — שעקספּיר?

— יאָ, — זאָג איך —דאָס איז, ליידער, אמת. אז מען זאָגט געשטאָרבן, דאַרף מען גלויבן.

בלייבט מיין מיידל שטיין ווי אַ געפּלעפּטע און לאָזט ארויס אַ טיפן, שטילן זיפץ.

באַלד קומט זי צו זיך און באַמערקט: — סך־הכל איין טאָג ניט געלייענט קיין צייטונג, ווייס מען שוין ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אזוי, אזוי, שעקספּיר איז געשטאָרבן!

— יאָ, — זאָג איך — געשטאָרבן אַ גרויסער קבצן, אַן אביון, און ער לאָזט איבער אַ ווייב מיט אַכט קליינע יתומים. ווען איך בין בעסער אָפּ, וואָלט איך עפּעס אריינגעשיקט פאַר דער אלמנה מיט די יתומים.

מיין מיידל האָט זיך פאַרטראַכט, דער שמייכל האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן און זי האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן „אַפּטאַון" טרייען מאַכן אַ שטיקל אונטערנעמונג פאַר שעקספּירס פאַמיליע. זי אַליין נעמט זיך אונטער צו פאַרקויפן פאַר צוואַנציק דאָלער טיקעטס...

דער בלומענקראַנץ

די מעשה האָט מיר דערציילט מיינער אַ חבר, אַ קאָלעגע, מיט עטלעכע יאָר צוריק.

איר קענט דאָך גאָדלען? איך מיין גאָדל דעם דיכטער. ווער קען עס נישט גאָדלען? קינדער אין די וויגן קענען דאָך אים.

איז ער, גאָדל, איין מאָל, אין אַ קאַלטן אָוונט, אַריינגעלאָפן צו מיר מיט אַ שמחה:

— גיט מיר אַ מזל טוב!

— וואָס איז, — פרעג איך גאָדלען —ביזט געוואָרן אַ רעדאַק־טאָר פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל?

— ווייסעך וואָס! ווי קום איך, אַ מענטש מיט שכל, מיט טאַלאַנט, מיט יושר, ווערן אַ רעדאַקטאָר?

— אַ חתן געוואָרן?

— איר מיט אייערע חכמות!

— אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק?

— אויך נישט!

— פאַרקויפט אַ טעאַטער שטיק?

— ווי קום איך צו שרייבן פאַרן טעאַטער?

— ווייס איך נישט!

— וועל איך אייך זאָגן: איך האָב היינט אָפּגעגעבן אַ חוב, ווי איך בין אַ איד; איך בין שולדיק געווען אַ באַקאַנטן קאָלעגע פופצן דאָלער, האָב איך אים היינט באַצאָלט; אָנדערהאַלבן יאָר בין איך אים שולדיק געווען דאָס געלט. איך האָב עס נישט גענומען מיט אַמאָל; איך האָב עס גענומען ביי אים צוביסלעך: צוערשט פינף דאָלער, דערנאָך דריי; דערנאָך ווידער פינף און צולעצט צוויי דאָ־לער. איז אין איינעם פופצן דאָלער. אָנדערהאַלבן יאָר איז ער מיר נאָכגעלאָפן און היינט האָב איך אים באַצאָלט דעם גאַנצן חוב.

— עס קען נישט זיין!

— מיר זאָלן ביידע אַזוי לעבן און געזונט זיין און שרייבן גוטע לידער!

— נישט אַנדערש ווי דו ביזט משוגע געוואָרן! צעפּויק עס נישט פאַר דער וועלט, מ'עט דיך נאָך אוועקשיקן אין אַ דולהויז!

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט; קיינער קען מיר גאָרנישט טאָן דערפאַר; דאָ איז אַמעריקע און יעדער איינער האָט אַ רעכט צו האַנדלען ווי ער פאַרשטייט. אַבי עס איז נישט קעגן דער רעגירונג פון לאַנד!

— וואו האָסטו גענומען אין מיטן־דערינען פופצן דאָלער מזומנע געלט?

— איך האָב געבאָרגט ביי פּסח דעם סקיצן־שרייבער, האָב איך געבאָרגט.

און וואו האָט פּסח גענומען?

— ער האָט געבאָרגט ביי זיין שוואָגער, דעם זייגערמאַכער מיט דער גילע אויפן שטערן.

איך האָב די דאָזיקע נייעס צעשפּרייט צווישן אַלע זיינע חסידים.

אויף מאָרגן האָבן מיר געהאַט אַ מיטינג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן גאָדלען אַ באַנקעטל... אויב ער האָט געקענט אָפּגעבן אַ חוב, פאַרדינט ער אַ באַנקעט.

אין אַ וואָך אַרום זיינען מיר, זיינע חברים, שוין געזעסן מיט אים ביי אַ געדעקטן טיש. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געהאַלטן רעדעס, געזונגען אידישע פאָלקסלידער און צום לעצט האָבן מיר אים איבערגעגעבן אַ שיינעם קראַנץ פון בלומען.

ער האָט צוגענומען דעם קראַנץ בלומען און אונדז האַרציק באַדאַנקט אין אַ וואַרימער רעדע:

„חברים, ברידער און קאָלעגן! איך האָב נישט גענוג ווערטער אויסצודריקן מיין טיפסטן דאַנק צו אייך פאַר דעם גרויסן כבוד וואָס איר האָט מיר היינט פאַרשאַפט.

„דער היינטיקער באַנקעט וועט בלייבן אין מיין זכרון כל זמן איך וועל אָפן האַלטן מיינע אויגן; ביז מיין לעצטער אָטעם־צוג וועט זיך אָפּשטעלן, ביז דער אַרכיטעקט פון דער וועלט וועט אויסלעשן

דאָס ליכט פון מיין נשמה.

„איך קען מער נישט רעדן; נישטאָ מער קיין ווערטער; דאָס הארץ איז פול מיט דאנקבארקייט און מיט פריידנס־טרערן; מער קען איך נישט רעדן; איך דאנק אייך נאָך א מאָל און נאָך א מאָל...״

דאָ האָט ער זיך צעוויינט ווי א קליין קינד און באנעצט דעם בלומענקראנץ מיט טרערן פון פרייד.

ארום איינס אזייגער נאָך האַלבער נאכט זיינען זיך די קאָלעגן צעגאנגען. איך און גאָדל זיינען געבליבן די לעצטע.

אין דרויסן האָט גענומען זיפּן א דין רעגנדל. א יונגס, ערשט פון איי ארויס.

גאָדל האָט געוואוינט אין די בראָנקס און איך — אין ברוקלין. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים באגלייטן: „מיט אייך וועט מיר זיין פריילעכער״ — האָט ער געזאָגט — „מיך וועט מען פארטשעפּען, מ׳וועט זען א מענטש מיט לאנגע האָר, מיט א גרויסן בלומענקראנץ, שלעפּט זיך ארום איינער אליין אין גאס, צוויי אזייגער פארטאָג, וועט מען מיך ארעסטירן. מיט אייך וועט מיר זיין היימלעכער...

„טאָמער פּאסירט עפּעס, קאָן איך נישט א וואָרט ענגליש; ס׳איז טאקע נישט שיין; אזויפיל יאָרן אין לאנד; סע׳וועט שוין צוויי און צוואנציק יאָר... וואָס קען איך זיך אָבער העלפן, אז מיר געפעלט דאָך נישט דאָס ענגלישע לשון, ס׳איז נישט פארשטענדלעך... אפשר פאר אינגערע מענטשן, אָבער נישט פאר עלטערע; פאר עלטערע איז אידיש דאָס שענסטע לשון, איטלעכס וואָרט איז קלאָר און ריין און זאפטיק... וואָס איך דענק צו טאָן מיטן בלומענקראנץ, פרעגט איר? זאָל איך אזוי וויסן פון א בייזע וועטשערע! ער איז שווערער פאר מיר. ווער האָט עס כוח ארומצושלעפּן זיך מיט אים? דעם אמת געזאָגט בין איך ניט אזוי שטארק באגייסטערט פאר בלומען, כאָטש איך באזינג זיי אזוי שיין אין מיינע לידער. איך ליב נישט קיין זאכן וואָס וויאנען, וואָס שטארבן אָפּ.״

נעם איך איבער ביי גאָדלען דעם בלומענקראנץ און מיר גייען צום סאָבוויי... מיר זיינען אָבער זיכער, אז מ׳עט אונדז אין דער סאָבוויי נישט ארייַנלאָזן — צוויי אידן מיט א גרויסן בלומענ־

קראַנץ אין מיטן דער נאַכט — און אויב מ׳עט אונדז יאָ אַריינ־לאָזן, וועט מען פון אונדז חוזק מאַכן און שלעפּן זיך מיטן בלומענקראַנץ צופוס אין די בראָנקס, איז צו ווייט; ווער האָט עס כּוח אַזויפיל? פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס טוט מען? אים אוועקוואַרפן, גלאַט אַזוי אין גאַס, האָט דאָך אויך ניט קיין זינען. אימיצער קען נאָך דערזען, וועט מען אונדז נאָכלויפן, רופן אַ פּאָ־ליציימאַן, עס קען אַרויסקומען אַ שיינע חתונה.

און דאָ איז שוין דער זייגער דריי און מיר שלעפּן זיך נאָך אַלץ אַרום מיטן בלומענקראַנץ.

פּלוצים, טוען מיר זיך אַ כאַפּ, אַז מיר געפינען זיך אין קאָ־לאָמבוס־סוירקל. פאַלט מיר איין אַ וואונדערבאַרער געדאַנק: אָנ־הענגען דעם קראַנץ אויף קאָלאָמבוסעס האַלדז; אַבי פּטור ווערן פון אַ צרה; יאָ, אַזוי בלייבט עס! איך נעם זיך דראַפּען אויפן מאָנומענט, גאָדל דערלאַנגט מיר דעם קראַנץ... שנעל... אימיץ קען נאָך דערזען!

גאָדל האָט זיך צוגעאיילט און באַלד איז שוין דער קראַנץ געהאַנגען אויף קאָלאָמבוסעס האַלדז.

אויף מאָרגן האָבן די איינוואוינער פון יענעם געגנט געמיינט, אַז ס׳איז „קאָלאָמבוס דעי”.

דערמיט האָט זיך געענדיקט גאָדלס גרויסע שמחה, זיין באַנקעט.

אַהיים געקומען בין איך זעקס אַזייגער אין דער פרי, אַ מידער, אַ צעבראָכענער.

ווי אַזוי מיין ווייבל האָט מיך מקבל פּנים געווען, וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל.

יאָ, איך האָב אייך פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז אַן איטאַל־יענישער אָרקעסטער פון דרייסיק מאַן האָט דעם גאַנצן טאָג גע־שפּילט לעבן דעם מאָנומענט נאַציאָנאַלע לידער.

פאַר די איטאַליענער איז די געשיכטע געווען אַ גרויסער יום טוב...

אַלבערט איינשטיין אין עליס איילאַנד

אויף אונדזער אַנקל סעם איז אַלץ צוגלויבן, יעסער.

איך רעד דאָ אַקעגן פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, רעד איך דאָס.

איך שטעל זיך פאָר, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דאָס אָנקומען פון פּראָפעסאָר איינשטיין אין עליס איילאַנד.

איך שטעל זיך פאָר, ווי מען האָט אים, דעם גרויסן איינשטיין, גענומען אויפן צימבל, אויפן פאַרהער, הייסט עס.

— ווי רופט מען אייך?

— אַלבערט איינשטיין.

— אַ איד?

— אַ איד.

— אַ גאַליציאַנער?

— וואָס מאַכט עס אויס?

— מיר דאַרפן עס וויסן.

— נויטיק?

— יאָ, זייער נויטיק.

— אַזוי ווי איר ווייסט ניט אַ סך אַנדערע זאַכן, דאַרפט איר דאָס אויך ניט וויסן.

— מיר מוזן דאָס אַריינשרייבן אין די ביכער, מוזן מיר דאָס.

— טאָ פאַרשרייבט דערוויל, אַ דייטשער איד.

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

— אַ פּראָפעסאָר.

— וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר?

— אַ פּראָפעסאָר פון... פון... איר'ט סיי ווי סיי ניט פאַרשטיין... אויף דער גאַנצער וועלט זיינען פאַראַן בלויז צוועלף

מענטשן, וואָס פאַרשטייען מיך, און איר זייט זיכער ניט איינער פון די צוועלף; איך דערקען שוין מיינע מענטשן, אוי, דערקען איך זיי!

— דאָך?

— איך קען אייך דאָס ניט דערקלערן, עס טוט מיר זייער לייד.

— אַ פּראָפעסאָר, וואָס היילט קראַנקע?

— ניין.

— אַ פּראָפעסאָר פון אַ טאַנץ־קלאַס?

— אויך ניט.

— אַ פּראָפעסאָר פון ענגליש, פון מוזיק, פון געזאַנג?

— ניין, איר'ט מיך ניט פאַרשטיין.

— איך מוז דאָך אָבער פאַרשרייבן אייער פּראָפעסיע אין די ביכער.

— ווער זאָגט עס, אַז איר מוזט?

— דאָס איז מיין דזשאָב.

— פאַראַן בעסערע דזשאָבס אין אַמעריקע.

— איר מאַכט חוזק פון מיר?

— וואָס פאַר אַ חוזק, וואָס פאַר שמויזיק? איך בין ניט דער מענטש וואָס מאַכט חוזק.

— טאָ ווי זשע זאָל איך אייך פאַרשרייבן?

— פאַרשרייבט, פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק.

— מיט וועמען האָט איר דאָ, אין אַמעריקע, רעכענונגען? איר זייט דאָך ערשט אַרונטער פון שיף.

— מיט אַלעמען האָב איך חשבונות.

— מען קומט אייך געלט?

— דרייט ניט קיין הינטל און גייט ווייטער אָן מיט אייערע פראַגן.

— הייסט עס, אַז איר זייט אַ פּראָפעסאָר, וואָס פירט מיט יעדן איינעם חשבונות?

— יאָ, און פאַר איין גאַנג פאַרשרייבט אויך, אַז פון צייט־צו צייט שפּיל איך פידל.

— הייסט עס, אַז איר זייט גאָר אַ וויאָלין־פּלעיער?

— יאָ, אַ פידל־שפּילער.

— אויב איר זייט אַ פידל־שפּילער, וועט איר דאָ קיין גרויסע גליקן ניט מאַכן, סיידן איר וועט ווערן אַ טיטשער און געבן לע־סאַנס און נעמען אַ דאָלער אַ לעסאָן.

— עס קאָן זיין, אַז איך וועל אייך פאָלגן. דערוויילע בין איך נאָך ניט דורכגעגאַנגען אייער אינקוויזיציע...

— וואָס מיינט דאָס?

— דאָס מיינט אַזאַ מין מאַשין, וואָס מאַטערט ליטישע מענטשן.

— ווער מאַטערט?

— אידיאָטישע באַאַמטע.

— וועמען מיינט איר?

— דרייט ניט קיין הינטל און זעצט פאָרט אייערע פראַגן. די צייט שטייט ניט.

— קענט איר שרייבן און לייענען?

— בלויז דייטש.

— און ענגליש קענט איר?

— אַ ביסל.

— וואָס הייסט, אַ ביסל?

— איך פאַרשטיי אַ צענדליק ווערטער.

— וואָס פאַר אַ ווערטער?

— ברעד־לאַין, סלעק, סטאַרוועישאָן, קריזיס, פּאָווערטי, רע־קעטיר, גענגסטער, האָלד־אָפּ, גרעפט, בודעל, דיפּרעשאָן...

— אויב אַזוי, זייט איר דאָך ניט קיין גרינער אין אַמעריקע.

— אַלבעטשע.

— וועט איר דאָ ניט פאַלן צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט?

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אויב איר האָט עפּעס מיטגעבראַכט געלט מיט זיך, ביז איר וועט קריגן אַ שטעלע און אָנהויבן אַרבעטן.

— איך האָב עטלעכע דאָלער.

— אַ סך?

— גענוג אויף אַריינצופאָרן אין פּרינסטאָן, ניו דזשוירזי, ניט ווייט פון ניויאָרק.

— וואָס וועט איר דאָרטן טאָן, מיסטער איינשטיין?
— איך וועל דאָרטן איינשטיין.
— וואו וועט איר איינשטיין, מיסטער איינשטיין?
— אין פּרינסטאָן וועל איך איינשטיין.
— דענקט איר, מיסטער איינשטיין, אַז איר וועט דאָרט קענען איינשטיין?
— אויב פּרינסטאָן האָט אַזעלכע חכמים, ווי איר זייט, וועל איך זיכער דאָרט ניט קענען איינשטיין.
— איר באַליידיקט מיך, מר. איינשטיין.
— און איר מיך?
— וועלל, איך בין דאָך אַ באַאַמטער.
— איך פאַרשטיי, איר דאַרפט עם מיר ניט זאָגן... אָבער מאַכט אַ סוף, מיסטער באַאַמטער.
— זייט איר פאַרהייראַט?
— יאָ.
— געזעצלעך?
— געזעצלעך.
— זייט איר אַ קאָמוניסט? אַ סאָציאַליסט?
— ניט אייער באָבעם דאגה.
— זייט איר אַ פרײדענקער?
— איך וועל אייך ניט ענטפערן.
— איר מוזט!
— עט!
— איר מוזט ענטפערן, מיסטער איינשטיין, דאָס איז געזעץ.
— געזעץ, שמעץ, ווייסיך וואָס! און אַז דאָס געזעץ הייסט זיין די באַאַמטע ערלעך, נו, זיינען זיי ערלעך? זיינען דען ניט אייערע מעיאָרס און אייערע ריכטער און אייערע געזעצגעבערס איינגעטונקען אין גרעפט, אין בודעל, אין גנבה? איר רעדט וועגן געזעץ? איר דאַרפט זיך שעמען; איר דאַרפט שווייגן... ווער עס וואוינט אין אַ גלעזערנע הויז, טאָר ניט וואַרפן קיין שטיינער... מענטשן, וואָס טרעטן מיט די פיס אַלע געזעצן פון לאַנד, טאָרן ניט הייסן דעם צווייטן אָפּהיטן דאָס, וואָס זיי אַליין היטן ניט...
— טאָ לאָמיר מער וועגן דעם ניט רעדן, מיסטער איינשטיין...

איצט נאָך א פראַגע: זייט איר געקומען אהער, ווייל איר האָט אליין געוואָלט קומען, אָדער האָט מען געשיקט נאָך אייך?

— געשיקט.

— ווער האָט געשיקט?

— דער קאַלעדזש פון פרינסטאָן.

— הייסט עס, אַז איר קומט אהער פאַרנעמען א שטעלע פון א בירגער?

— דאָס ווייס איך ניט.

— מיר מוזן דאָס אויסגעפינען... אויב איר, א גרינער, זאָלט ארויסטרייבן אַן אַמעריקאַנער פון זיין דזשאָב, וועט מען עס אייך ניט פאַרשווייגן; מיר מוזן דאָס פריער אונטערזוכן... פאַראַן איצט אין אַמעריקע מיליאָנען אַרבעטסלאָזע מענטשן, קען זיין, אַז מען וועט צווישן זיי אויפזוכן איינעם, וואָס קען פאַרנעמען אייער שטעלע.

— און וואָס וועט זיין מיט מיר?

— אייך וועט מען דאַרפן צוריקשיקן...

— ווען וועל איך דאָס וויסן?

— אין דריי טעג אַרום; דערווייל וועלן מיר אייך דאָ פאַר־האַלטן אויף עליס איילאַנד.

זי האָט פיינט צו באַדערן

קומט אריין מיין שכנה און בעט ביי מיין פרוי, זי זאָל איר לייען א פּאָר שטיקלעך צוקער. און אָט קומט זי לייען א האַלבן ברויט, א ביסל זאַלץ, אַן איי, א שוועבעלע, א ציבעלע, א הויפּטל קנאָבל און אזוי ווייטער. עס נעמט גאָרנישט קיין סוף! און אָט קומען צו דער שכנה געסט אַזש פון באָסטאָן, אַן אַלטער פעטער מיט א מומע.

כאַפּט זיך די שכנה, אַז זי האָט ניט קיין בעט פאַר זיי. קומט זי באַלד אריין צו מיין פרוי און פרעגט מיט א רחמנותדיקן קול:

— מיסים לעבן, אפשר האָט איר ערגעץ אַן אַלט בעט אין אייער הויז? מיינער א פעטער מיט א מומע זיינען ערשט געקומען צו גאַסט, ווילן זיי שטיין ביי מיר א פּאָר וואָכן; האָב איך זיי נישט וואו צו לייגן. ס'הייסט, האָבן האָב איך זיי יאָ וואו צו לייגן, נאָר איך האָב זיי נישט אויף וואָס צו לייגן. איך האָב נישט קיין בעט, האָב איך נישט. אפשר האָט איר אַן איבעריק בעט?

זאָגט מיין פרוי: — איך האָב אַן אַלט בעט אין קעלער, אויב איר ווילט, קענט איר עס האָבן.

— איך דאַנק אייך. זייט איר זיכער, אַז דאָס בעט איז ריין פון וואַנצן?

— איך דענק אַז יאָ.

— בעסער וואָלט געווען, ווען עס זאָל יאָ האָבן די לעבעדיקע סחורה, וואָלט דער פעטער מיט דער מומען נישט געשטאַנען ביי מיר אזוי לאַנג ווי זיי ווילן שטיין.

— און אפשר וועט איר דאַרפן פאַרט עפּעס טרעפן, טוט א זוך.

— הלואי זאָל איך מצליח זיין! צו די איצטיקע גרויסע גע־שעפטן דאַרף איך נאָך האָבן געסט אין הויז זיי זאָלן מיר אויפעסן די ביינער? וואָלט כאָטש דער פעטער געווען א געזונטער, איז ער ווי אויף להכעיס א שלאָפער איד, נאָר ער קרעכצט, נאָר ער הוסט, נאָר

ער האַלט זיך פאַר'ן האַרצן. און אויב ער פילט אַביסל בעסער, זאָגט ער תהלים. און עסן עסט ער אויך נישט אַלץ, זיין גאַנצער עסן איז רייז מיט מילך, לימענע זאַפט און פייגן. אַ משונהדיקער דייעט! און די מומע, ווידער, עסט נאָר פליייש. זי קען עסן דריי מאָל אין טאָג פליייש. דאַרף איך זיי נאָך האָבן ביי זיך אין הויז דריי וואָכן! מילא, פאַרפאַלן. באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין הויז אריין. האָט איר, הייסט עס, אַ בעטל, האַ? זייער גוט איצט דאַרף איך נאָך האָבן אַ וואַרימע קאָלדרע און אַ פּאָר קישנס. אפשר האָט איר אַן איבעריקע קאָלדרע מיט אַ פּאָר קישנס? איר האָט? אָט דאָס הייסט אַ באַלע־באָסטע.

אויף מאָרגן — די שכנה איז ווידער דאָ.

— מיסעס לעבן, אפשר האָט איר אין הויז גאָז און אייאָדיין? מיין אָנקל האָט אויסגעוואַשן אַ גלאָז, האָט ער עס צעבראָכן און זיך צושניטן דערמיט, וויל איך פאַרהאַלטן דאָס בלוט — איר האָט? — אָט דאָס הייסט אַ באַלעבאָסטע! אַלץ האָט איר, אַ געזונט אויף אייך.

אין אַ טאָג אַרום:

— מיסעס, די מומע מיינע האָט היץ, וויל איך איר מעסטן דעם פיבער, האָב איך נישט קיין „גלעזעלע". איר האָט דאָס? איך בין אייך ממש מקנא. ביי מיר איז קיין זאַך נישטאָ. איך האָב געהאַט, האָבן עס די מזיקים מיינע צעבראָכן. און אַן אייז־בעג האָט איר?

אין אַ צען מינוט אַרום — די שכנה איז ווידער דאָ.

— מיסיס, האָט איר אפשר אין הויז אַ פּאָר אָראַנדזשעס? איך האָב פאַרגעסן אָנצוגרייטן. — איך האָב שוין איינמאָל אַ קאָפּ, איך געדענק נישט פון דאַנען אַהין. איר האָט? וואָס דען, איר וועט נישט האָבן. אַלבעטשע, ווען איך זאָל דאַרפן אַ גט, וועל איך אים אויך קריגן ביי אייך.

— איר לאַכט, האַ? איר מעגט לאַכן. איר זייט אַ באַלעבאָס־טע און איך נישט.

אויף מאָרגן:

— מיסיס, ביי אייך איז אפשר פאַראַן הייס וואַסער? יאָ, זייער גוט. מיין פעטער וויל זיך נעמען אַ וואַנע. ער מוז עס נויטיק האָבן. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין וואַנע אַ שיינע פּאָר יאָר. דאָרטן

וואו ער וואוינט, איז קיין וואַנע נישטאָ, וויל ער זיך ביי מיר נעמען אַ וואַנע.

און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו ענטפערן, איז שוין געשטאַנען ביי מיר אין הויז אַן אַלטער הוסטנדיקער איד מיט אַ שיטערער באָרד; אַ באָרד, וואָס וואַקסט אין צעוואָרפענע פּלעכטלעך, ווי אַ ראַמאַן אין פאַרטזעצונגען. מיין איד האָט ניט געפרעגט קיין פּראַגעס און איז אַריין אין באַד־רום און שוין געלאָזן לויפן דאָס הייסע וואַסער.

די שכנה האָט זיך אָוועקגעזעצט ביי מיר אין קיך וואַרטן אויפן פעטער:

— איך האָב אים מורא צו לאָזן אַליין. ער איז זייער אַ שלאַפער איד. מיין טאַטע, אים צו לענגערע יאָרן, איז אויך געווען אַזאַ פאַרשוין. מיין טאַטע פלעגט אַלע מאָל אָוועק'חלש'ן אין אַ וואַנע, האָב איך מורא אַז דער פעטער זאָל אויך נישט מאַכן די קונץ. מען דאַרף אים טאָקע זאָגן, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרשליסן פון אינסייד. טאָמער חלשט ער, זאָל מען קענען צוקומען צו אים.

און זי פּוילט זיך נישט און קלאַפּט טאָקע באַלד אָן אין טיר און זי שרייט אַריין:

„פעטער, פעטער, פאַרמאַכט זיך נישט פון אינסייד. לאָזט אָפן — איר קענט נאָך אָוועקחלשן, וועט מען נישט קענען אייך מינטערן".

אָבער דער פעטער האָט נישט געענטפערט.

האָט די שכנה אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש און נאָך אַ קוויטש און דערנאָך ערשט גענומען מאַכן אַ געוואַלד, אַז דער פעטער ליגט שוין דאָרט אַ געחלשטער און מען מוז אויפברעכן די טיר.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און די טיר איז אויפגעבראָכן געוואָרן. דער פעטער איז געווען געזונט און שטאַרק. ער איז געזעסן אין דער יאַרמולקע און האָט זיך געזייפט די באָרד.

דערווייל האָט מען מיר צעבראָכן די טיר פון באַד־רום.

ווען דער אַלטער איז אַרויס פון דער וואַנע איז ער געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

האָט די שכנה געבעטן ביי מיר אַ גלעזעלע ווישניק ער זאָל זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ; און אויב איך האָב נישט קיין ווישניק, איז רעכט אַביסל בראָנפן אָדער ווייַן.

אין אַ שעה אַרום איז די שכנה ווידער געקומען:

— לייַט מיר אַביסעלע אַלקאָהאָל אָדער עסיק. איך וויל דעם פעטער אויסרייַבן די פּלייצעס. עס שטעכט אים, זאָגט ער, אין די פּלייצעס.

האַלטנדיק אין האַנט דאָס גלאָז עסיק, האָט זיך די שכנה ניט אויפגעהערט צו באַרימען, אַז זי האָט פייַנט צו באַדערן פרעמדע מענטשן.

שאַ, אָט גייט זי שוין ווידער. וואָס וויל זי שוין איצט? — זי וויל האָבן אַביסל ריצן־אויל. די מומע אירע האָט זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן.

אַ האָטעל פאַר שרייבער

אַמאָל האָט אַ הומאָריסט געהאַלטן אין די בערג אַ האָטעל. די געסט פון דעם האָטעל זיינען געווען שרייבער, דיכטער, אַר־טיסטן, רעדנער, נודניקעס, מערידניקעס און טשאַיניק־האַקערס.

וואָס זשע האָבן זיי געגעסן אָט אין דעם האָטעל? — מכות מיט כשרע פאָרעם האָבן זיי געגעסן.

און אויב דער האָטעל איז געווען געפּאַקט, האָט מען די געסט געקאָרמעט מיט וויצן, אַנעקדאָטן, מעשהלעך און דעבאַטן.

האָט אימיצער געבעטן עסן, האָט מען אים געגעבן דריי אַלטע וויצן און איינעם נאָך אַן עלטערן; האָט איינער געוואָלט אַ גלאָז טיי, האָט מען פאַרפירט מיט אים אַ דעבאַטע וועגן די צוקונפט פון אידישן טעאַטער; האָט איינער געוואָלט וואַסער און זייף און אַ האַנטוך, האָט מען גענומען רעדן מיט אים וועגן די נייע דיכטונג; האָט מען זיך באַקלאָגט, אַז דאָס געלעגער איז האַרט, און דער „ספּרינג" זינגט און קרעכצט, און דער מאַטראַץ בעט זיך מען זאָל אים אַ קאַפּיטשקע אויסרייניקן מיט נאַפט אָדער מיט עפּעס אַנדערש, עס זאָל אַזוי נישט בייסן ווי עס בייסט, — האָט מען יענעם באַלד גענומען אויפן צימבל. האָט אַ באָרדער געבעטן מען זאָל אים אי־בערציען דאָס בעט, מען זאָל עס אַביסל אויפפרישן, האָט מען אים געפרעגט: „וואָס ער דענקט וועגן דער היינטיקער מאָראַל און וואָס דענקט ער איבערהויפּט וועגן פרייע ליבע".

אָט אַזאַ האָטעל איז עס געווען און אָט אַזוי־אָ האָט מען דאָרט באַהאַנדלט די געסט פאַר 30 דאָלער אַ וואָך.

נישט ווייט פון דעם האָטעל האָט אַ באַקאַנטע אַקטריסע געהאַלטן אַ הויז פון פינף צימערן פאַר זיך אַליין. איז איין מאָל אַרויסגעקומען אין האָטעל אַ אידישער טעאַטער קריטיקער. האָט מען פאַר אים קיין פּלאַץ ניט געהאַט. האָט דער באַלעבאָס צוגעפירט דעם טעאַטער־

קריטיקער צו דער אַקטריסע, ער זאָל די צוויי וואָכן זיין ביי איר. „פּאַס אויף אויפן קריטיקער!" — האָט ער געבעטן דער אַקטריסע — „וועסט דאַרפן אַמאָל אַריינפאַלן אין זיינע הענט. געדענק, זע אַז ער זאָל זיך דאָ פילן היימיש, נאָך היימישער ווי אין זיין אייגע־נער היים!"

האָט די אַקטריסע געשמייכלט און געענטפערט:

„ס'עט אים דאָ ביי מיר גאָרנישט פעלן; לאָזט אים איבער."

איז דער קריטיקער געבליבן ביי דער אַקטריסע: ביי איר געגעסן, געטרונקען, זיך געבאָדן, געשלאָפן, געלעבט אַ טאָג. זי, די אַקטריסע, האָט אים דערציילט מעשהלעך וועגן אידישן טעאַטער, האָט אים געלאָזן זיצן אויף איר שויס, אים געקושט און געזונגען פאַר אים לידלעך. אויפן דריטן טאָג זיינען זיי שוין געווען אַזוי היימיש, אַז זי האָט אים, דעם קריטיקער, שוין איינגעריבן די פּלייצע מיט „לינימענט" און ער זי — מיט אַלקאָהאָל.

דער קריטיקער איז געווען אַזוי פאַרליבט אין דער דאָזיקער אַרבעט, אַז ער האָט איינגעשמועסט די אַקטריסע, אַז אַלקאָהאָל „ליי־טערט די הויט און קרעפטיקט די נערוון".

און זי, די אַקטריסע, האָט זיך געטראַכט: „וועמען אַרט עס? ער ליבט די אַרבעט, זאָל אים וואויל באַקומען."

און דער קריטיקער האָט געטראַכט: „ווי גוט עס איז צו זיין אַ טעאַטער־קריטיקער! וואָלט זי זיך געלאָזן איינרייבן מיט אַל־קאָהאָל פון אַ נישט־קריטיקער? זיכער נישט!"

ווען די צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיקט, איז דער באַלעבאָס פון דעם באַרימטן האָטעל געקומען צו דער אַקטריסע און אַ זאָג געטאָן צום קריטיקער:

— ברוך, לאָמיר זיך אָפּרעכענען!

— וואָס מיינסטו?

— וואָס הייסט וואָס איך מיין? ביסט געווען צוויי וואָכן ביי מיר?

— איך בין דאָך גאָר געווען ביי איר, נישט ביי דיר.

— אָבער איך האָב דאָך דיך אַהער געבראַכט. און זי וועט ביי דיר קיין געלט ניט נעמען; און דו האָסט דאָך מיטגענומען געלט פאַר מיר, האָסטו דאָך דאָס געלט.

— אמת, אָבער... אָבער... איך האָב דאָך ביי דיר אַפילו קיין איין מאָלצייט נישט געהאַט; קיין איין נאַכט נישט געשלאָפן.

— אמת, אָבער דו וועסט דאָך נישט זיין אַזוי משוגע און צוריק אַהיים פירן די זעכציק דאָלער! גיב אַהער די פאָר דאָלער און זיי נישט קיין אידיאָט! פאַרגעס נישט, אַז אַזאַ צימער, מיט אַזאַ געלע־גער, מיט אַזאַ עסן ווי דו האָסט דאָ געהאַט, קענסטו נישט קריגן אין קיין האָטעל! פאַר קיין טויזנט דאָלער וועסטו דאָס נישט קריגן ער־געץ אַנדערש! טאָ שטעק אָפּ די זעכציק דאָלער און דריי נישט קיין היטל.

און דער קריטיקער האָט דערלאַנגט דעם באַלעבאָס פונם האָטעל זעכציק דאָלער פאַר די צוויי וואָכן וואָס ער איז געווען ביי דער אַקטריסע אין הויז.

דער האָטעל אייגנטימער האָט פאַמעלעך איבערגעציילט דאָס געלט, אַריינגעלייגט עס אין דער לינקער הויזן קעשענע און געזאָגט:

— ברוך, לאָז שוין איבער אַ דריי דאָלער פאַר דעם ווייטער אויך. ס'איז נישט שיין אָוועקצופאָרן אָט אַזוי־אַ... ער ווייסט דאָך אַז דו ביסט דאָ; ס'האָט דיר געקאָסט אַזויפיל, וועט דיר נאָך קאָסטן אַ דרייערל.

— אָבער... אָבער... דעם וועיטער קען איך גאָרנישט, טאָ פאַר־וואָס קומט אים דריי דאָלער?

— ברוך, זיי נישט קיין שוטה! דער וועיטער ריכט זיך אויף די פאָר דאָלער! איך האָב אים איינגעשמועסט, אַז דו האָסט אַן אָפענע האַנט... גיב אים זיין טיפּ און זאָל ער צו מיר קיין טענות ניט האָבן!

און דער קריטיקער האָט געמוזט איבערלאָזן דריי דאָלער פאַרן וועיטער, וועלכן ער האָט אַפילו קיין איין מאָל ניט געזען.

דערנאָך האָט זיך דער קריטיקער היים צעקושט מיט דער אַק־טריסע און איז אַוועק צופוס צום סטיישאָן. ער האָט ניט געהאַט אויף קיין טעקסי, האָט ער ניט געהאַט דער בהמה.

אויף מאָרגן האָט דער האָטעל־קיפּער געפאָדערט ביי דער אַק־טריסע פינף דאָלער מעקלעריי.

— פאַרוואָס קומט אייך פינף דאָלער? — פרעגט די אַקטריסע.

— פאַרוואָס? ווייל איך האָב אייך נאַראַיעט אַ באָרדער אויף צוויי וואָכן; עס פירט זיך, אַז ווען אימיצער נאַראַיעט אַ באָרדער,

קריגט מען מעקלערײַ צוויי דאָלער מיט פופציק סענט פאַר יעדער וואָך; אַט אזוי פירט זיך ביי אונדז אין די בערג.

און דער האָטעל־קיפּער האָט ארויסגעריסן ביי דער אקטריסע א פינפערל...

אָנהויב ווינטער, ווען די אַקטריסע האָט גענומען שפּילן, איז דערשינען פון דעם טעאַטער־קריטיקער א הייסע קריטיק וועגן איר שפּילן. ער האָט זיך פאַרגונען א זאָג טאָן: „די אַקטריסע איז די גרעסטע און די בעסטע וואָס ניויאָרק פאַרמאָגט. זי איז סערע בערנאַרד אין איר שפּילן; א צווייטע איזאַדאָראַ דאָנקאַן אין איר טאַנצן און א צווייטע ראָזאַ ראַאיסאַ אין איר זינגען.

אַ קוואָדער אַ דינער

גייענדיק איבער איסט בראָדוויי האָב איך אָנגעטראָפֿן מיינעם אַן אַלטן חבר, בענטשי. דער דאָזיקער בענטשי האָט אַמאָל געהאַט אַ שוועסטער, אַ מיידל. האָט זי געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן, אָבער איך האָב ניט געוואָלט. ווייל זי האָט זיך געהאַט איינגערעדט, אַז אַ מאַן דאַרף אַרבעטן און מפרנס זיין די פרוי; און דאַן האָט זי געוואָלט אַריינגעמען נאָך דער חתונה צוויי באָרדערס, שענערע און איינגערע פאַר מיר; און דריטנס, האָט זי נאָך געהאַט אַ מאַמען.

האָט זי חתונה געהאַט פאַר מיינעם אַ לאַנדסמאַן, און באַלד נאָך דער חתונה איז שוין זיין בילד געשטאַנען אין דער „גאַלעריע פון די פאַרשוואונדענע מענער” און זי האָט געהאַט צו טאָן מיט אַד־וואָקאַטן און אַנדערע שלעק.

הקיצור, האָב איך באַגעגנט איר ברודער בענטשין אויף איסט בראָדוויי, אַ פאַרשוויצטן.

— העללאָו, בענטשי!

— העללאָו, בערל!

— וואוהין לויפסטו דאָס אַזוי פאַרסאָפּעט?

— איך לויף עסן דינער.

— וואו עסטו?

— אין אַ רעסטאָראַן.

— אין אַ „רעגעלן” רעסטאָראַן? ווי קומט דאָס צו דיר? האָסט דאָך תמיד געגעסן אין די ניט־רעגעלע רעסטאָראַנען.

— איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז אין די „רעגעלע” רעסטאָראַנען לוינט זיך בעסער צו עסן ווי אין די „ניט־רעגעלע”.

— וויפיל צאָלסטו פאַר אַ דינער? — פרעג איך בענטשען.

— אַ קוואָדער — ענטפערט בענטשי.

— אַ קוואָדער אַ דינער! ביזטו דאָך עפּעס אַ גאַנצער ספּאָרט,

א רעגעלער ראַקעפעללער! איך קען דאָס ניט אויספירן; איך עס אין א „ניט־רעגעלן" רעסטאָראַן, וואו א רעגעלער דינער קאָסט ניט מער ווי א פופצן סענט, שוין מיט א פלעשל סאָדא וואסער.

— ביזטו טאַקע א בהמה.

— אָבער א קוואָדער איז פאַר מיר צופיל; איך קען ניט אַזוי פיל ספּענדן; ס'איז ניט פאַר מיינע כוחות; ניט נאָך מיינע פאַר־דינסטן. אז מ'ארבעט ביי העמדער, און די שאָפּ איז א פינצטערע, און דער באָס איז א שלעכטער, און די ווײדזשעס זיינען קליינע, און די שטונדן זיינען לאַנגע, זעכציק מינוט א שטונדע, נישט ווינציקער, און אַכט מאָנאַטן אין יאָר גייט מען ארום ליידיק — קען מען זיך ניט לאָזן וואוילגיין, קען מען קיין קוואָדער פאַר א דינער ניט ספּענדן.

— אמת, א קוואָדער איז א היבשע מטבע; דאָך, ווען מען באַרעכנט, אז איך ברען אוים דריי לעבער אין טיש־טוך, גים אוים א שיסל זופּ אויפן שבנס נייעם סוט, קער איבער דאָס זאַלץ־מעסטל און עס אויף די פלוימען פון אַן אנדערן קאַסטאָמער, צוברעך צוויי גרויסע טעלער, און איך נים יענעם אין פּנים אריין, און ביים אויפשטיין וואַרף איך אום א טשער, גנבע צו א סילקענעם אמברעללא און א ראַבערנעם מאַנטל, און בייט אוים מיין האַרטן, פאַרשמאַלצענעם קאַפּעלוש אויף א נייעם פּלושענעם קאַפּעלוש, און לייג אריין צוועלף שטיקלעך צוקער אין די הויזן־קעשענע און א זשמעניע טוט־פּיקס אין א וועסטל־קעשענע, און איך צעשלאָג זיך מיטן וועיטער כדי איך זאָל אים ניט דאַרפן געבן קיין „טיפּ", און טו א קניפּ די קעכין, בעת איך גיי אריין אין קיך זיך וואַשן די הענט, און ביים אויפשטיין פון טיש וואַרף איך אום א טשער און אויף א וועסטל־קנעפּל שלעפּ איך מיט דאָס טיש־טוך מיט אַלע שיסלען, און טעלער, און קליינע טע־לערלעך, און גלעזער, און פלעשער, און לעפל, און מעסער, און גאָפּל, און זאַלץ־מעסטלעך, און נעפּקינס, און איך מאַך שאָדן אויף א פּאַר דאָלער — ווען מען באַרעכנט דאָס אַלץ, איז א קוואָדער פאַר א דינער ניט פיל. איבערהויפּט ווען דער קוואָדער איז נאָך דערצו א פאַלשער, א בלייענער.

— אויב אַזוי איז טאַקע א קוואָדער נישט קיין סאַך — האָב איך געענטפערט — און ביי אים גענומען דעם אדרעס פון זיין רעס־טאָראַן.

בעני ביים טעלעפאָן

... הערט איר, קינדער, אַז איך טראַכט זיך גוט אַריין אינם לעבן, זע איך ערשט אַרויס אַז נישט יעדער איינער וואָלט געקאָנט זיין אַ גאָט. אַ ליאַדע איינער וואָלט נישט געקענט אָננעמען אַזאַ פאַראַנט־וואָרטלעכע שטעלע און זי אָנהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט.

ווען די פירעכטס פון דער וועלט וואָלט וואָלט אַריינגעפאַלן צו אַ „גריי־נעם", צו אַ שלים־מזל אין די הענט אַריין, וואָלט די וועלט שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען און ער, דער גאָט אונדזערער, וואָלט געדאַרפט אויף די עלטערע יאָרן אַרומשליאַנדערן אָן אַ שטעלע און אויסגיין פאַר הונגער.

איר קאָנט זיך עפּעס פאָרשטעלן אַ גאָט אָן אַ וועלט?

איך נישט!

איך דערציייל עס אייך אַקעגן דעם, כדי אייך צו באַווייזן, אַז גאָט איז נישט פון די וואָס מען קריגט זיי „צוויי פאַר אַ גראָשן"; אַז ער איז נישט קיין נאַר. און דעם בעסטן סימן האָט איר:

וואָס ער האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. ער איז געווען און געבליבן אַ בחור.

נאָר איך, ווי איז מיר, בין געווען אַ נאַר און — חתונה געהאַט. און דווקא מיט אַ פרוי.

און אַז מיר רעדן שוין וועגן אַ פרוי, וועט ניט שאַדן אַ שמועס צו טאָן וועגן מיין פרוי, וועלכע איז אומישנע געבאָרן געוואָרן מיר צו דערגיין די יאָרן.

הערט אַ מעשה, און זאָגט איר אַליין, צי האָב איך רעכט, צי ניט.

איך וועל אייך דאָס מאַכן כמעט ווי בקיצור:

איינמאָל בין איך געווען אין שיקאַגאָ ביי מיינעם אַ חבר צו־גאַסט. דער חבר מיינער איז אַן עקטער און האָט דאָרטן געשפּילט אידיש טעאַטער. די פרוי זיינע איז דאַן געווען אין ניויאָרק. ווען איך בין אַריין אין זיין האָטעל, האָט ער גראָד געהאַלטן אין טעלעפאָנירן

צו זיין פרוי, אין ניויאָרק. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער געלאָזט וויסן זיין פרוי, אַז איך בין ערשט אַריין צו אים. האָט אים זיין פרוי געלאָזט וויסן, אַז מיין פרוי איז גראָד אַצינד ביי איר אין הויז. האָט ער מיר דאָס דערציילט. האָב איך געבעטן מיין פריינט, ער זאָל מיר איבערגעבן דעם „רעסיווער" אויף אַ מינוט. איך וויל רעדן עטלעכע ווערטער מיט מיין פרוי. איך וויל איר בעטן, זי זאָל אַריבערלויפן צום שניידער און אָפּנעמען ביי אים דעם טשעק, מחמת דער טשעק איז ניט פון די „גייענדע" טשעקס.

האָט מיר מיין חבר, דער שווישפּילער, איבערגעגעבן די „טרובקע" און איך האָב אָנגעהויבן:

— העלאָו, דאָס ביזטו, באַשע לאה?

— הו איז דאָס? האַ?

— דאָס איז בעני!

— ווער?

— בעני!

— אָ, בעני! איך בין מיסעס פויגל.

— העלאָו, מיסעס פויגל! זייט אַזוי גוט, מיסעס פויגל, און שיקט צו צום טעלעפאָן מיין פרוי. פּליעז!

— אָללראַיט, בעני. האַלט דעם ווייער, בעני. לאָזט אים נישט אָפּ, ווי גאָט איז אייך ליב.

— אָללראַיט, מיסעס פויגל.

אין אַ מינוט אַרום:

— בעני? העלאָו! בעני?

— יאָ, בעני. מיסעס פויגל?

— יעס. אָט איז אייער פרוי.

— העלאָו! ווער איז עס?

— האַ?

— ווער איז דאָס, באַשע לאה?

— האַ?

— דאָס ביזטו באַשע לאה? העלאָו.

— האַ? ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך, דיין בעני.

— דאָס ביזטו, בעני?

— יאָ, דיין בעני.
— בעני, דאָס ביזטו?
— יאָ, דאָס בין איך. העלאָו.
— דו ביזט עס, בעני?
— יאָ, דאָס בין איך, באַשע לאה, איך, דיין בעני.
— איך הער נישט...
— איך. בעני, בעני! העלאָו, הער מיך אויס.
— העלאָו! דאָס ביזטו, בעני?
— יאָ, איך. העלאָו, הער מיך אויס, גיי אַריבער צום...
— העלאָו! ווער איז עס? הו איז דאָס?
— דאָס איז דיין בעני. לאָז מיך רעדן!
— וואָס זאָגסטו?
— לאָז מיך רעדן.
— וואָסערע מיידן?
— נישט מיידן. העלאָו, העלאָו, באַשע לאה, גיי אַריבער צום שניידער און —

— העלאָו, ווער איז דער שניידער? וואָס טויג מיר אַ שניי־דער? העלאָו!

— העלאָו, גיי אַריבער צום שניידער און זאָג אים...
— ווער רעדט דאָס צו מיר, בעני?
— יאָ.
— דאָס ביזטו? בעני, וואו ביזטו?
— יאָ, דאָס בין איך, בעני, בעני! גיי אַריבער צום שניידער — העלאָו, און זאָג אים — העלאָו!
— ווער רעדט דאָס?
— איך רעד דאָס; דיין בעני, פון שיקאַגאָ.
— האַ?
— איך, בעני. און זאָג דעם שניידער, ער זאָל מיין טשעק. העלאָו! העלאָו! ער זאָל דעם טשעק...
— דאָס ביזטו, בעני?
— אין שיקאַגאָ בין איך. העלאָו! זאָג דעם שניידער, ער זאָל מיר אָפּגעבן דעם...
— איך הער נישט אַ וואָרט!

— זאָג דעם שניידער, אַז...

— דאָס ביזטו, בעני?

— יאָ, בעני, בעני, בעני!... ווער געהרג'עט מיטן טעלעפאָן. מיטן שניידער און גיי מיר אין דר'ערד אריין...

און איך האָב אויפגעהאנגען דעם „רעסיווער". און ווייסט איר וויפיל דער דאַזיקער שמועס האָט מיך אָפּגעקאָסט? עלף דאָלער מיט צוואנציק סענט.

און דער געשפּרעך האָט מיך אַזוי נערוועז געמאַכט, אַז נאָך היינט, ווען אימיצער רעדט מיט מיר דורכן טעלעפאָן, ווער איך אַזוי ווילד, אַז איך האַלט אין איין שרייען:

— יאָ בעני, דיין בעני!

ער „פיקסט" זייגערלעך

מען רופט אים אשר וועלוול און ער פיקסט זייגערלעך. און אז ער פיקסט א זייגערל, ווערט עס באלד אוים זייגערל. איר דערקענט עס פשוט ניט. נישט עס האט דעם ריכטיקן גאנג, נישט עס ווייזט די ריכטיקע צייט. ווען דאס זייגערל קומט ארוים פון אשר וועלוולס הענט, איז רעכט עס זאל אפלויפן אין צען מינוט צייט צוויי שעה. און אמאל באווייזט עס אזא קונץ, אז עס זאל גיין איינגאנצן אויף צוריק —העט-העט! ווען ביי אייך איז, למשל, פסח, זאל ערשט ביים זייגערל זיין פורים. עס איז מיט גאנצע פיר וואכן הינטערשטעליק.

ווי זשע קומט עס וואס ער פיקסט זייגערלעך? ענטפערט ער אויף דעם: „ס'איז אמעריקע און דאצאל."

איינמאל זאגט ער צו מיר: „א זייגערל גלייכט, אז עס גייט ריכ־טיק, ניט צו גיך, נישט צו פאוואליע. א זייגערל האט ליב ווען עס מאכט זיך זיינע זעכציק מינוטן א שעה; מער דארף עס נישט מאכן. טאמער לויפט א זייגערל איין א סעקונדע אין א מעת לעת, טויג עס אויף טויזנט כפרות, מחמת אין דער איינער סעקונדע קען א מענטש פארשפעטיקן א טרעין, און — אפילו שטארבן אויך. א סעקונדע איז אמאל זייער א לאנגע צייט, ווען מען דארף זי האבן. א זייגערל טאר אויך נישט גיין צו שנעל; טאמער וויל עס מאכן איין און זעכציק אדער צוויי און זעכציק סעקונדן אין א מינוט. מעגט איר עס ארויסווארפן. אזא זייגערל טאר מען נישט האלטן אין א לייטיש הויז, צווישן אנשטענדיקע מענטשן".

אויסגעהערט זיין דרשה, זאג איך צו אים: אשר וועלוול, אויב אזוי, טויג מיין זייגערל אויף צען מיליאן כפרות; עס לויפט איין 15 מינוט א מעת-לעת; ווען אויף אלע זייגערס איז 12, איז אויף מיין זייגערל א פערטל צו 12.

„דו דארפסט עס נישט ארויסווארפן", זאגט אשר וועלוול. „גיב

עס מיר, וועל איך עס דיר אויסרעגולירן; ביי מיר וועט עס מוזן גיין ריכטיק, צו דער סעקונדע. קיין געלט וועט עס דיר נישט קאָסטן; איך מאַך דערפון קיין לעבן נישט; איך מאַך אַ לעבן פון פרעסן הויזן, נישט פון פיקסן זייגערלעך; גיב עס מיר און איך וועל עס צושרויפן, פונאַנדערנעמען אויף פיץ פיצעלעך און זען וואָס דאָרט פעלט; האָב נישט מורא; איך האָב שוין צעשרויפט און פונאַנדערגענומען בעסערע זייגערלעך פאַר דיינע."

גיי איך און איך גיב אים איבער מיין זייגערל, ער זאָל עס פיקסן. נעמט ער און גיט עס אַ טרייסל, לייגט עס צו צום רעכטן אויער, הערט זיך אַ ווילע איין, און ער לאָזט מיך וויסן, אַז ס'וועט זיין אַלראַיט: „צוויי שטיינדלעך" זיינען צעבראָכן און די „פעדער" איז אַביסל צו שטייף — אַבי ער וויסט די חלאת וועט שוין דאָס זייגערל ווערן אַ מענטש".

גייט אַוועק אַ וואָך און צוויי, און אשר־וועלוול לאָזט זיך ניט זען, נישט הערן — אוים אשר וועלוול! אויף דער דריטער וואָך — אשר וועלוול איז דאָ!

„וואָס זשע הערט זיך, אשר וועלוול? וואָס מאַכט מיין זייגערל?"

„אָט איז עס!" ווייזט ער מיר דאָס זייגערל, — „אָט איז עס, אָבער איך קען עס דיר נאָך נישט איבערגעבן; עס לויפט מיר עפּעס צו־שנעל, און אַזאַ קליין זייגערל טאָר זיך אַזוי נישט איילן; עס ברענט נישט!"

„עס לויפט אַ סך?"

„ניין, נישט קיין סך; אָבער עס טאָר גאָרנישט לויפן!" — זאָגט ער.

„מיט וויפיל לויפט עס?" — וויל איך וויסן.

„און אַז איכ'ל דיר זאָגן, וועסטו מיר דען גלויבן?" — בייזערט זיך אשר וועלוול.

„פאַרוואָס נישט? דיר וועל איך אַלץ גלויבן; איך ווייס, אַז דו האָסט פיינט ליגנס".

„וועל איך דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: דאָס זייגערל לויפט איצט איבער אַלע זייגערלעך פון אַמעריקע; איך ווייס גאָר נישט ווי עס נעמט זיך כוח צו אַזאַ קליין זייגערל. זייט איך לעב, זייט איך שטיי אויף מיינע פיס און זייט איך האָב צו טאָן מיט זייגערלעך, האָב

איך נאָך אזא ווילד זייגערל ניט געזען! עס איז רעכט, דו הערסט, אז עס זאָל אין פינף מינוט צייט, אָפּלויפן די גאַנצע פיר און צוואַנ־ציק שעה. וואָס זאָגסטו נישט אויף אזא חתונה? הער אַ געשיכטע! פריער איז עס איינגעלאָפן פופצן מינוט אַ מעת לעת און איצטער לויפט עס אָפּ אַ גאַנצן מעת לעת אין פינף מינוט!"

„וואָס זשע דענקסטו צו טאָן דערמיט?" — פרעג איך אשר װעלװעלען.

„איכ'ל עס נאָכאמאָל צעשרויפן און אויסגעפינען פאַרוואָס עס לויפט אזוי; עס מוז נעמען נאָך אַ פּאָר וואָכן."

„אפשר האָסטו עס אָנגעאָילט נישט מיט ריכטיקע אָיל, נאָר מיט קאַסטאָר אָיל? און דערפאַר לויפט עס אזוי?"

„דו הויבסט שוין אָן מיט דיינע וויצן. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב עס פיינט!"

הכלל, אשר װעלװעל האָט אָפּגעהאַלטן דאָס זייגערל מיינס נאָך דריי וואָכן און מיר געלאָזט ווייסן, אז איצטער לויפט עס מער נישט; עס האָט שוין אינגאַנצן געסטאָפּט...

אין אַ וואָך אַרום רופט מיך אשר װעלװעל אָפּ אויפן טעלעפאָן.

„וואָס איז, אשר װעלװעל?"

„איך וויל דיר בלויז זאָגן, אז איך קען מיט דיין זייגערל גאָרנישט מאַכן; די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, אז דו זאָלסט זיך באַזאָרגן מיט אַן אַנדער זייגערל... איצט זיינען זייגערלעך נישט טייער... אזא זייגערל ווי דו האָסט געהאַט, קען מען איצט קריגן פאַר פינף און פערציק דאָלער אויב מען באַצאָלט קעש... אַמאָל האָט עס געקאָסט פינף און זיבעציק דאָלער... איז די שכלדיקסטע זאַך, דו זאָלסט זיך קויפן אַ ניי זייגערל, וועסטו ווייסן, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל, אז דו האָסט אַ זייגערל..."

אַ צו גרויסע ביזנעס

מאָטל דאַלעס האָט זיך, דאָ, אין אמעריקע, פיין ארויפגעארבעט. ער האָט אי אַ קורצן אָטעם, אי טשאַכאָטקע.

האָט ער זיך געמאָלדן קראַנק אין זיין לאָדזש.

האָט מען גענומען פאַרהאַנדלען די פראַגע. די דעבאַטע איז געווען אַ הייסע. האָט איין ברודער געמאַכט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל דעם קראַנקן מאָטלען ארויסנעמען פון שאַפּ; ער מוז האָבן פרישע לופט.

האָט אַ צווייטער ברודער געזאָגט, אז דער ערשטער ברודער האָט רעכט, נאָר מען דאַרף פריער אויסגעפינען אויב דער קראַנקער איז גוט אָפּ.

האָט מען דערוויילט אַ זיבענער קאָמיטע אונטערצוזוכן די פינאַנציעלע זייט פונם ברודער מאָטל.

אויף דער דריטער וואָך האָט די זיבענער קאָמיטע באַריכטעט, אַז מאָטל איז טאַקע קראַנק, האָט טאַקע אַ קורצן אָטעם און טשאַכאָטקע, אַז ער איז טאַקע אַן אָרימאַן, אַן אביון, האָט אַ פרוי מיט פיר „ווערים", אַז מען דאַרף עפּעס טאָן פאַר אים, און טאַקע באַלד.

האָט אַ ברודער גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

„ברודער פּרעזידענט און מיינע ברידער! איך גלויב נישט די זיבענער קאָמיטע, זיי מאָלן דאָס בילד צו שרעקלעך; מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז זיי זיינען דעם קראַנקנס פּערזענלעכע פריינט, איך מאַך דארום אַ פאָרשלאַג: מיר זאָלן דערוויילן אַן אַנדער קאָמיטע. אויב מעגלעך: פון פערצן ברידער, און כדי די ערשטע קאָמיטע זאָל זיך נישט געפינען באַליידיקט, זאָל זי זיך אָנשליסן אין די פערצענער קאָמיטע, וועט די קאָמיטע באַשטיין פון איין און צוואַנציק ברידער.

דער פאָרשלאַג איז באַלד אונטערשטיצט געוואָרן.

אין צוויי וואָכן אַרום זיינען די איין און צוואַנציק ברידער גע־קומען צום מיטינג און באַשטעטיקט, אַז דער קראַנקער פאַכעט טאַקע מיט דער נשמה, אַז ער האָט טאַקע אַ ווייב מיט פיר קינדער, אַז מען מוז אים שוין **ראַטעווען.**

האָט איינער פון דער קאָמיטע געמאַכט אַ פאָרשלאָג, מען זאָל אַרויסנעמען דעם קראַנקן ברודער פונם שאָפּ און אים מאַכן אַ שטי־קעלע ביזנעס, ער זאָל קענען זיין אין דרויסן, אויף דער פרישער לופט.

ווערט דער פאָרשלאָג אונטערשטיצט און מען גיט איבער די גאַנצע געשיכטע צו דער קאָמיטע פון די איין און צוואַנציק ברידער.

מאַכט איינער אַן אַמענדמענט: אַז מען זאָל צו די איין און צוואַנציק ברידער צוזעצן נאָך זיבן, וועט די קאָמיטע באַשטיין פון אַכט און צוואַנציק ברידער.

איז דער אַמענדמענט אויך אונטערשטיצט געוואָרן.

אין אַ וואָך אַרום האָט די אַכט און צוואַנציקער קאָמיטע געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָרגט דעם קראַנקן ברודער: זיי האָבן אָפּגעקויפט פאַר אים אַ סטענד פון פיש אונטערן וויליאַמסבורג בריק. דער סטענד קאָסט צוויי הונדערט מיט זעכציק דאָלער און ער טראָגט אַריין אַרום פופצן דאָלער אַ וואָך פּראָפיט.

מען האָט באַדאַנקט דער קאָמיטע פאַר זייער אַרבעט און מען איז איבערגעגאַנגען צו ווייטערע ביזנעס.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דער קראַנקער אַרומגעזען, אַז דאָס געשעפט איז ניט פאַר אים. דער גערוך פון פיש און די שמוץ און דער טומל און דאָס האַנדלען מיט די ווייבער, וועט אים קיין גוטס ניט טאָן, איז ער געגאַנגען און פאַרקויפט דעם סטענד פאַר הונדערט דאָלער. דערנאָך האָט ער געבאָרגט ביי זיינע פריינט עטלעכע דאָלער און געקויפט אַ קליינע קענדי סטאָר.

איז ער געווען פאַרקויפט פון זעקס אַזייגער אין דער פרי ביז צוועלף ביינאַכט און גאָרנישט געלייזט. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַריינכאַפּן אַ קינד מיט אַ פעני נאָך אַ „לאָלי פּאָפּ".

האָט זיך דער קראַנקער אַרומגעזען, אַז ער וועט דאָ אויסגיין פאַר הונגער מיט זיין ווייב און קינדער. באַשליסט ער: ער מוז פון דאַנען אויך אַרויס.

גייט ער און גיט איבער די ביזנעס צו אַן אַגענט, שטעלט דער אַגענט אַריין אַן אַדווערטייזמענט אין אַ אידישער צייטונג:

„אַ קענדי סטאָר אין אַ פיינעם אַריסטאָקראַטישן געגנט. גאָלדענע געשעפטן. גאַראַנטירט אַ גרינגן לעבן. צו פאַרקויפן ביליק. אורזאַך: דער אייגענטימער וויל ריטייערן, ער האָט געמאַכט אַזויפיל געלט אין דעם סטאָר, אַז ער קאָן שוין אַלע זיינע יאָרן לעבן פון גרייטן. דאָס געשעפט איז אַ רעגעלע שמאַלץ־גרוב. זיך צו מעלדן שריפטלעך אָדער פּערזענלעך צו סעם דרייקאָפּ, 160 טשייניק סטריט, ערשטן פלאָר. טעלעפאָן: הומבאָג 4078."

אין דריי טעג שפּעטער האָט דער אַגענט געלאָזט וויסן מאַטלען, אַז ער וועט זונטאָג אין דער פרי, אַרום עלף אַזייגער, אַריבערקומען מיט אַ קאַסטאָמער.

איז באַלד דעם קראַנקנס פרוי אוועקגעלאָפן צו איר פאַמיליע און געבעטן מען זאָל אַרויסקומען זונטאָג פרי און געבן אַ סך צולייזן. די זאַכן, וואָס זיי וועלן, כלומרשט, קויפן, וועט מען ביי זיי שפּעטער צוריקנעמען; זי וויל, אַז דער קאַסטאָמער וואָס קומט אַרויס מיטן אַגענט, זאָל זען, אַז סע לייזט זיך אַ סך געלט. זי האָט אויך אָנגעשטעלט די קינדער פון גאַס, זיי אויסגעטיילט צו ניקלס און צו דאַימס, זיי זאָלן קומען קויפן קענדי און סאָדע וואַסער, זונטאָג צווישן עלף און צוועלף מיטאָג־צייט.

זונטאָג אַרום האַלב נאָך עלף אין דער פרי, איז דער אַגענט אַריינגעקומען מיט אַ אידן. דער איד האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, געל ווי וואַקס און מיט אונטערגעבויגענע קניען.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די ביזי. עס האָט ממש געברענט! אַריין און אַרויס; מאַטלס פרוי און זיין עלטערע מיידל האָבן געאַרבעט ווי די בינען, אַ פּאָר קרובים האָבן אויך אַרויסגעהאָלפן מאַטלען.

„נו"? פרעגט דער אַגענט דעם קאַסטאָמער, „ווי גלייכט איר די סטאָרקע? אַ יאָ, ס'איז אַ שמאַלץ גרוב?"

„ס'איז נישט פאַר מיינע כוחות", האָט דער קאַסטאָמער געענטפערט מיט אַ הייזעריקער שטים, „ס'איז נישט פאַר מיינע כוחות. איך זוך אַ סטאָרקע ס'זאָל זיך ווינציקער לייזן; דאָס איז אַ צו גרויסע ביזנעס פאַר מיר".

טענות צו גאָט ברוך הוא

גאָט אין הימל!

א סך מאָל טראַכט איך וועגן דיר, וועגן דיין גרויסקייט, דיין רייכקייט און דיין חכמה.

און וואָס מער איך טראַכט וועגן דיר מיט אַלע דיינע מעלות, קום איך אַלץ מער צום באַשלוס, אַז די פּובליסיטי וואָס דו קריגסט, איז שטאַרק איבערטריבן.

גאָרנישט; ס'האָט דיר אָפּגעגאָלטן. מחמת דו ביזט געווען דער ערשטער אויפן פעלד: פאַר דיר איז קיין גאָט נישט געווען.

ווען דו וואָלסט היינט באַדאַרפט ווערן א גאָט, וואָלט דיר נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג; בעליוו מי.

היינט וואָלסטו באַדאַרפט עפּעס אויפווייזן גרויסעס, אָריגינעלעס, געטלעכעס.

אַז איינער וויל היינט ווערן א גאָט, מוז ער דאָס באַווייזן דורך זיינע גרויסע ווערק, דורך זיין מעכטיקן טאַלאַנט.

יאָ. דו האָסט, גאָט, געהאַט מזל און ס'איז דיר אָוועק די ביזנעס גוט וואָס גוט הייסט.

הלואי נעמסטו מיך צו פאַר א שותף צו דיינע געשעפטן.

נאָר אַזוי ווי איך וויים, אַז איך וועל דאָס ניט אויספירן, האָב איך קיין מורא נישט פאַר דיר. איך וועל דיר היינט זאָגן דאָס וואָס נישט אַלע זאָגן עס דיר.

איך וויל בא דיר פרעגן אַן איינפאַכע, אַ פּשוט'ע פראַגע:

שוין טויזנטער און טויזנטער יאָרן ווי דו זיצט אין הימל, אויפ'ן זעלבן הימל, אויף דערזעלבער שטול. ארומגערינגלט מיט דיזעלבע מלאכים, אויסגעזעצט אויף דיזעלבע וואָלקנס און דו הערסט אויס פון זיי דיזעלבע געזאַנגען, דיזעלבע תפילות; גאָרנישט אַנדערש, גאָרנישט געענדערט.

ווי נעמט זיך דאָס ביי דיר אַזאַ אייזערנער געדולד?

קוקסט אַרונטער פון הימל, וואָס זעען דיינע אויגן? דיזעלבע זון, דיזעלבע לבנה און שטערן. — אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע.

אַזאַ גאָט ווי דו, וואָס דו האָסט אַזוי פיל צייט, וואָס דו ביזט אַזוי רייך און האָסט אַזאַ גוטן נאָמען אויף דער וועלט, אַזאַ גרויסן קרעדיט, קאָנסטו נישט אַביסל איבערבויען דיין וועלטל? איינפירן עפּעס נייעס.

נעם אָן מיך: וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָב איך אָקעגן דיר?

אַ פליג, מוראַשקע, אַ שטויבעלע, אַ זייפנבלאָז, אַ שאָטן פון אַ שאָטן! פונדעסטוועגן איז נישטאָ דאָס יאָר איך זאָל נישט פאַרריכטן מיין כאַלופּקע.

ווען איך האָב עס געקויפט, איז עס געווען אַלט און צעבראָכן; אַן אמת'ע חורבה.

האָב איך דאָס ערשטע יאָר אַרויפגעגעבן אַ נייעם דאַך, עס זאָל נישט רינען.

אויפ'ן צווייטן יאָר האָב איך איינגעפיקסט אַ וואַנע מיט הייסע וואַסער מיט סטים־היט, עס זאָל זיין וואַרעם.

אויפ'ן דריטן יאָר האָב איך אָפּגעשאַפט די גאַז און איינגעפיקסט עלעקטריק, עס זאָל זיין ליכטיקער, פריילעכער, ווי עס פּאַסט פאַר דער ציוויליזאַציע, פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן.

שפּעטער מיט אַ יאָר, איז מיר מיאוס געוואָרן צו קוקן אויף די ווענט, אויף די קויטיקע פּאַפּיר, האָב איך אַרונטערגעריסן דאָס פּאַפּיר און געלאָזן אויסמאָלן די ווענט; יעדן צימער אין אַנדער קאָליר.

שפּעטער אַביסל, ווען איך האָב געהאַט עטלאַכע איבריקע דאָ־לער, האָב איך אָפּגעפאַרבט דאָס הויז אין דרויסן ווייס ווי שניי, און די לאָדנס ביי די פענסטער גרין; ליכטיק גרין; עס זאָל אָפּשלאָגן.

דערנאָך האָב איך געפלאַנצט נייע גראָז, איינגעזעצט שיינע ביימ־לעך און אַ סך בלומען.

ווי דו קוקסט מיר אָן, גאָט, בין איך נישט קיין גאָט, אפילו נישט אַ מלאך, נאָר אַ פּשוט'ער איד, פונדערטוועגן בין איך אַ גרויסער ליב־האָבער פון בלומען.

היינטיקס יאָר, למשל, האָב איך געלאָזט מאַכן אַ גאַניק; איבער'ן גאַניק אַ דעכל פון קאָלירטע לייוונט, און אַ פּלויט פון געפלאָכטענע דראָטן.

און ווען דו, גאָט, וועסט מיר שיינקען דאָס לעבן מיט'ן געזונט און דער רעדאַקטאָר מיינער וועט מיר געבן אַ רעיז אויף מיין געהאַלט, וועל איך אויפשטעלן ביי מיר אין הויף אַ ווייסביידל און עס לאָזן באוואקסן ווערן מיט וויינטרויבן־צווייגן.

טאָמער וועט קומען צו מיר אַ חבר, אַ פריינד אַ קאָלעגע, אַ שרייבער צו גאַסט, וועלן מיר זיך אוועקזעצן אין דעם דאָזיקן ביידל טרינקען אַ גלעזל טיי, אָדער אייגענעם געמאַכטן וויין און מיר וועלן ריידן וועגן ליטעראַטור, פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און זאָגן וויצן.

איז ווי דו זעסט, גאָט, בין איך אָקעגן דיר אַן אביון, אַ קבצן אין טויזנט פּאָלעס, פונדעסטוועגן זע איך, אַז מיין הייזל זאָל ווערן, מיט יעדן יאָר שענער, באַקוועמער, אינטערעסאַנטער.

איך וואָלט דאַכט זיך, משוגע געוואָרן, ווען איך זאָל אַלע מיינע יאָרן דאַרפן קוקן אויף דיזעלבע ווענט, מיט'ן זעלבן אויוון, מיט דיזעלבע קאָלירן.

און דו, גאָט, און נאָך וואָס פאַרא גאָט! אַ באַרימטער, אַ גוטאַדוועערטייזטער, אַ רייכער — האָסט זיך מיט טויזנטער און טויזנטער יאָרן צוריך באַשאַפן אַ וועלטל, האַלסטו זיך דערמיט, ווי דיינע אידן מיט'ן גלות.

עס איז שוין אַלט, איינגעבויגן, די פּלאָמבינג ארבעט שוין נישט, נישטאָ קיין סטים, קיין הייסע וואַסער, קיין וואַנעס, דער דאַך צובראָכן, עס רינט אריין אין הויז, די שויבן זיינען אויסגעשלאָגן. די זון און די לבנה און די שטערן זיינען דיזעלבע וואָס געווען; דיזעלבע חיות, דיזעלבע פייגל, דיזעלבע מאָסקיטאָס. . . און דיך אַרט עס גאָרנישט.

נאָר אַ גאָט ווי דו קאָן האָבן אַזאַ געדולד! און אפשר האָסטו, גאָט, נישט קיין געשמאַק ווי אַזוי אַ וועלט דאַרף אויסקוקן? ביזט דאָך נישט מער ווי אַ גאָט!

אויב אַזוי וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך פאַר דיר: רעזיגנירן! אויפגעבן די ביזנעס, אַרויס פון דער לאַין און פּאַרטיק!

ביזט געווען אַזויפיל טויזנטער יאָרן אַ גאָט, וויפיל איז דאָס דער שיעור?

אפילו אַזאַ נאַריש לאַנד ווי אַמעריקע, האָט דאָך אויך אַלע פיר יאָר אַן אַנדער פּרעזידענט.

אינהאַלט:

אַ ווייבל מיט אַ גוט האַרץ 3
שלמה המלכס טויזנט ווייבער 7
אַ קינסטלער אין זיין פאַך 10
האַרץ און לונגען 14
אין עליס איילאַנד 17
אַ פוט־באָל געים 20
אין אַ קליידער געשעפט 24
נישטאָ קיין עקספּערטסלייט 26
אָרימער מאָטיוו 29
אוי, האָט ער געדאַוונט! 33
מבינים אויף חזנים 36
מיין כאָר־דיריגענט 40
פאַרלאָנגט אַ משוגענעם 43
אין אַ דייטשן טעמפּל 46
אַ נייע פּיעסע 49
אומזיסט געוויינט 52
יוסף מיט זיינע ברידער 55
„מתן תורה" 58
מעג מען אויספייפן אַ פּיעסע? 62
צו פאַרטרייבן נודניקעס 64
אַ קוימענקערער 67
פּרץ און שלום עליכם 70
ער איז קאָוונער 72
שטילע קינדער 75
אַ צושטערטער באַנקעט 78
אַ שרייבער איז גוט 81
קינדער, קומט אַהער 83
אַ באַנקעט 85
אַ לאדזש מיטינג 88
יאַגדעס 91
אין די גרויסע היצן 95
אַ גט 97
וואָס איז די גריפּ? 100

אַ באַרימטער שאָופער 103
אַ יאַזדע קיין פלאָרידאַ 105
אַ הומאָריסטישער יתום 109
„ליידיעס פּוירסט" 110
אַ דריטער קאָזין 112
די באַנען 116
משה מעשלס חשבונות 119
אַ גוטע עלטער 121
אַטמאָספערע 125
אַ קונסט־טעאַטער 129
קעפּ און קעפּלעך 132
אַ מעשה אָן אַ סוף 134
אַ פרילינגס־ליד 136
ווינט אַ דיכטער 138
שעקספּיר איז געשטאָרבן 141
דער בלומענקראַנץ 143
אַלבערט איינשטיין 147
זי האָט פּיינט צו באַדערן 152
אַ האָטעל פאַר שרייבער 156
אַ קוואָדער אַ דינער 160
בעני ביים טעלעפאָן 162
ער פיקסט זייגערלעך 166
אַ צו גרויסע ביזנעס 169
טענות צו גאָט ברוך הוא 172